STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01462

FUN DRAY VELTN

Solomon Judson

Permanent preservation of this book was made possible
by Abraham & Anita Bers
in memory of
Shaye & Chai-Beile Bers

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. יודסאָן

שריפטן

בוך I

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ש. יודסאָן

פון דריי וועלטן

בילדער, סקיצן און דערציילונגען

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Sz. Judson — „Fun draj wełtn“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

אינהאַלט

פון דער אַלטער וועלט

זייט

ערשטע מוזיק 9
אויפן שפור 12
דער טייך לאַזט 17
טריף פסול 21
מורא 25
ליקוי-חמה 31
די קינדער-מגפה 37
א נסיון 43
צו הקפות 51
פערעלע 60
אַן אַפּקומעניש פאר זיינע עבירות 67
חנוכה-געלט 74
צו תשליך 79
פארוואָס דער שידוך איז נישט געוואָרן 85

פון דער נייער וועלט

„טוטצי" 97
אין ביזנעס פאר זיך אליין 103
האנדלשאפט 108
קינדער מיט גרויע קעפ 116
ארויסגעשטופט פון מנין 123
צוריק פון וואקיישאַן 131
א סדר פאר גוים 137
אויך מיר סדרים (אַ מאָנאָלאָג פון אַ „יוראָפּשע" יידענע) 143
זיין שרעק 148
זיין לעבנס-ווערק 154
בילדער פון גאס (זי גיט אים אַ „שאָו") 161

זייט

אויף דער באַערי . . . 167
ער „טשאַלענדזשט" קאַרוסאַן . . . 173
הייסע באַבעלעך . . . 176
זיי כאַפּן אַ דרימל . . . 178
בילדער און סצענעס „פרעש טהינג" . . . 180
באַם טויער פון פּריזאָן . . . 186
באַ דער גליטש . . . 190
די בלאָנדע מערי . . . 192
רוי מאַטעריאַל . . . 194

אין די „מואַוויס":

ער קאָן זיך קיין פּלאַץ נישט געפינען . . . 195
איר מאַמע איז נישט קיין שנאָרערקע . . . 198

זומער-באָרדערס:

אינדערפרי . . . 201
נאָכמיטאָג . . . 203
אינאָוונט . . . 205
אַ קריג אָן ווערטער . . . 207
דער פאַטאַלער קוש . . . 211
משוגע? . . . 221
דריי דורות . . . 263
גלאָסאַר (ענגלישע ווערטער אין די דערציילונגען פון „דער נייער וועלט") . . . 267

פון אַן אויסגעטראַכטער וועלט

אין פּראָווינץ „הארמאָניא" (בילדער פון „פאַנטאַזיע-לאַנד") . . . 275
באַם פּערפומען-קאָנצערט . . . 279
דער קריג פון די זיבן חיות . . . 282
דאָס ליבעס-אינזל . . . 286
די שטערן און די פּערל . . . 289
די קאַראַלן . . . 292
אַ ריז נעבעך . . . 295
חלומות . . . 298

פון דער אַלטער וועלט

1.

ערשטע מוזיק

אַ פּאָר שעה פאַרטאָג האָט עס געמוזט זיין, אַן ערב שבת.

אינדרויסן האָט געשאָטן אַ טרוקענער שניי און האָט געפּיקט אין די פענצטער־שויבן, געדיכט און האַסטיק. דער ווינט האָט געבלאָזן מורא־דיק. אַמאָל האָט זיך זיין קוויטשיק קול געלאָזט הערן פון צווישן די פלאַכעס האַלץ אויפן הויף; אַמאָל האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין קוימען מיט אַן אימהדיקן סקאַוועשען, אָדער האָט זיך איינגעדרייט אין דעם גרעט, וואָס איז געהאַנגען פאַרפרוירן אין גערטל און געקערט מעשים.

איך בין שוין מער נישט געשלאָפן.

איך ווייס נישט ווער עס האָט מיך אויפגעוועקט, צי דער ווינט אינדרויסן, צי דער גערויש אין קיך, נאָר איך בין געלעגן מיט אָפענע אייגלעך און אָנגעשטעלטע אויערלעך, ריכטיק ווי זיי וואָלטן זיך איצט צום ערשטן מאָל אין לעבן אויפגעעפנט.

די מאַמע איז שוין געווען אויפגעשטאַנען; איז געווען אין קיך באַשעפטיקט מיט שבת „מאכן".

באַ מיין אויפכאַפּן זיך איז זי אַריינגעלאָפן, מיך איינגעדעקט, מיך ליב אַ דריק געטון מיט ביידע הענט און געזאָגט „שלאָף, מיין קינד, שלאָף" און איז צוריק אַריין אין קיך.

איך האָב אָבער נישט געקאָנט מער אַנטשלאָפן ווערן.

יעדער קלאַנג, וואָס האָט אַריינגעדרונגען פון קיך, איז פאַר מיר

געווען עפּעס אַ נייע דערפאַרונג. דאָ הער איך ווי אַ בלעכענער לעמפּל פאַלט אַריין אין אַ גרויסע פאַרצעלייענע שיסל און ציט נאָך זיך אַ לאַנגן דינעם טאָן; דאָ סטוקעט אַ האַק-מעסער אין אַ דיק ברעטל, פונוואַנען עס קלינגט אַ טעמפּ ווידערקול; דאָ הערט זיך אַ שאַרף מעסער שיילנדיק קאַרטאָפל. גיט זיך אָפּ אַ דריי אויס, שניידט אַרויס אַ שטיק פוילע און גייט ווידער זיין געוויינלעכן גאַנג; דאָ הערט זיך דאָס קאַפּען פון טראָפּנס וואַסער, וואָס רינט פון זאַלץ-ברעטל, ווו דאָס פלייש כשרט זיך. מיטאַמאָל ווערט עס גאָר לעבעדיק. די מאַמע נעמט דעם ריב-אייזן, און באַלד דערהערט זיך דאָס רייבן פון די האַרטע קאַרטאָפל אָן די שאַרפע שפּיצקעס פון דער בלעכענער כּלי. פלינק און מוטיק האָט געקלונגען דערדאָזיקער גערויש מיר אין די אויערן, און באַגלייט פונם גרילצן, פון קענטיק אַ יונגן גריל, ערגעץ הינטערן אויוון, און דאָס שטאַרקע פייפן פון ווינט, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע לופט באַוועגט זיך און מורמלט עפּעס אַ געוואַלדיקן סוד.

כ'האָב נישט געקאָנט רויק איינשלאָפן. מיין קערפּערל האָט זיך געדרייט און געוואָרפן צום טאַקט פון גערויש, ביז איך האָב פון זיך די קאָלדרע אַראָפּגעוואָרפן.

מיטאַמאָל דערזע איך עפּעס אויף דער סטעליע. אַ ליכטיקער פלעק, געקעסטלט אין דער קרום, מיט אַ שוואַרצן, לענגלעכן לעקעך אין מיטן, האַלט אין איין ציטערן און רירן זיך מטושטשדיק אינדערהייך.

ס'האָט מיר אויסגעוויזן, ווי אַ זאַך, וואָס האָט קיין לעבן נישט, און לעבט דאָך.

מיין יונג מוחל, וועלכעס האָט שוין געקאָנט פאַרשטעלן זיך אַלץ, וואָס קומט פאָר אין קיך, בלויז פון די ענדערונגען און גערויש, האָט אויף קיין פאַל נישט געקאָנט פאַרשטיין פונוואַנען דאָס קומט.

שפּעטער אַ ביסל האָב איך אויסגעפונען:

איבער דער טיר, וואָס טיילט אָפּ די קיך פון צימער, ווו איך בין געלעגן, איז געווען אַ „טראַס“, און פון טראַס ביז דער סטעליע איז געווען אויפגעשטעלט אַ האָלצן-געפלעכט. די קיך איז געווען באַלויכטן פון אַ קעראָסין לעמפּל, וועמענס פאַרכמאַרעט פייערל האָט געהאַלטן אין איין ציטערן און פאַלן אויף די זייטן, פון דעם ווינט, וואָס מיין מאַמע האָט געמאַכט מיט איר צורומשמייען אין קיך. און פונקט ווי דאָס פייערל

אין קיך, אזוי האָט אויך דאָס בילד אויף דער סטעליע נישט געקאָנט איינרוען און האָט אַלץ געציטערט...

מיט פאַריסענע אייגלעך בין איך אַזוי געלעגן אַ לאַנגע צייט, און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער דאָס גערויש, וואָס דער ליכטי־קער פלעק מאַכט, רייבנדיק זיך אָן דער טונקעלער סטעליע.

מיטאַמאָל האָט זיך דאָס גאַנצע בילד אַ רוק געטון, זיך געטון אַ גליטש אַראָפּ פון דער וואַנט און פאַרשוונדן. אין קיך איז געוואָרן פינצטער. עס האָט זיך געהערט דער סקריפּ פון דער טיר, וואָס גייט אַרויס צום פיר־הויז, באַם פאַרמאַכן זיך, און אין מיינע אויערלעך האָט עפּעס ווי אַ פּלאַץ געטון, און אַ געמיש פון טענער און אויסגעקרימטע קעסטעלעך האָבן פאַר מיר געפלאַטערט, און כ׳בין געבליבן ליגן שטאַר, מיט אַן אָפן מויל, ביז די מאַמע איז צוריק אַריינגעקומען, מיטן לעמפּל אין פיר־הויז.

ס׳איז געווען די ערשטע מוזיק, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געהערט.

2.

אויפֿן שפּור

איך האָב מיך צו פֿרי געלייגט יענע נאַכט, און אַזוי ביך ווי די זון האָט אויסגעשפּרייט איף מיין פּנים אירע מילד־וואַרעמע שטראַלן, האָבן זיך מיינע אויגן גלײַך אויפֿגעמאַכט.

באַם עק פֿון קאַרטאָפֿל־פֿעלד, לעבן בערעזעווען וועלדל, איז זי געהאָנגען אַזוי נידעריק צו ד'ערד, אַז ס'האָט אויסגעזען ווי דאָס פֿעלד און דאָס וועלדל גייען זיך אָנצינדן פֿון אירע פֿלאַמיקע שטראַלן, און אַריינגעקוקט האָט זי גלייך אין מיין פֿענצטער, דורך דער אונטערשטער שויב, פּונקט ווי זי וואָלט וועלן זען צי איך שלאָף נאָך...

און שלאָפֿן האָב איך שוין מער נישט געקאָנט. דידאָזיקע דערשיינונג האָט אויף מיר מאָדנע געווירקט. עס האָט מיט איין מאָל פֿאַרטריבן פֿון מיר דעם שלאָף אויף טויזנט מייל ווייט.

ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך האָב געזען די זון אין איר ערשטן אַרויסגאַנג, און עפּעס אַ מוטנע געפֿיל האָט זיך מיד געפּלאָנטערט אין הערצל; נישט גלאַט אומזיסט קומט די זון צו אונז. עפּעס מיינט זי מיט דעם, מען מוז איר נאָכקוקן.

ווען איך בין אין גאַס אַרויס, איז די זון שוין געווען גאַנץ הויכלעך, אַ שטיק אַוועק פֿון וועלדל, און דער נייער שינדל־דאַך פֿון אונזער שכנה שייער האָט אונטער איר געגלאַנצט, ווי ס'גלאַנצט אין ווינטער דאָס גלאַטע אייז פֿון טייך אין אַ ליכטיקער לבנה־נאַכט.

ווען קינדער זענען פֿון די חדרים געגאַנגען, אַהיים מיטאָג עסן,

איז זי געשטאַנען אויפן רעכטן מיטן הימל, קענטיק, אַרויפגעקלעטערט דעם העכסטן פּונקט, פונוואַנען זי זאָל קאָנען כאַפּן אַ קוק אויף אַלע זייטן. אָבער, ווי ס'האָט אויסגעזען, איז זי נישט געווען צופרידן. מיט אַ ברע־נענדיקער רוגזה האָט זי אַרונטערגעקוקט, און אַז איך האָב איר געוואָלט אַריינקוקן גוט אין פּנים, האָט זי מיר אַזוי ווי מיט טויזנט פלאַקענדע שפּיזן אין די אויגן אַ שטאָך געטון, אַז עס האָט מיך אַזש אַ שווינדל אָנגעכאַפּט.

„וואָס פעלט איר ?" וואָס זוכט זי ?" האָט מיך אַ פראַגע געעגבערט.

„נישט שוין־זשע גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, אויפשטיין פאַרטאָג און קלעטערן און קריכן איבערן הימל. און נאָך מיט אַזאַ ערנסט פּנים, מיט אַזאַ היץ..."

אין גאָרטן האָט אַלץ געטריקנט. די דינע בלעטערלעך פון די יונגע אַרבעס־ביימלעך האָבן זיך באַ די ברעגעס געקאָרטשעט ; די גרויסע בלעטער פון קאַשטאַנען־בוים זענען געהאָנגען ווי פאַרחלשט, און באַ די פולע, ווייכע, אינדערפרי באַגאָסענע בייטן, האָט זיך אַזש די הויט גע־שפּאָלטן. אַזאַ חמימה איז דאָס געוועזן.

שפּעטער־צו האָט זיך די זון, ווי עס האָט געשיינט, אַ ביסל באַ־רויקט, האָט זיך לאַנגזאַם גענומען פאַרקירעווען צו מערב זייט, און זיך גענומען ביסלעכווייז אַרונטערלאָזן.

„ווייזט אויס, נישט געקאָנט געפינען אויף ד ע ר זייט הימל, גייט זי זוכן אויף דער צ ו ו י י ט ע ר", איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק דורכן קאָפּ.

די שאָטנס פון די הייזער האָבן זיך גענומען אויסציען. מיין איי־גענער שאָטן איז שוין געווען אַ הונדערט איילן לאַנג.

די זון איז געוואָרן קילער און רויקער. ס'האָט מיר שוין נישט מער געשווינדלט פאַר די אויגן ווען איך האָב אויף איר געקוקט. זי האָט זיך גערוקט אַלץ נענטער, נענטער אַראָפּ צום אַלטן בית־עולם צו...

אָט האַלט זי שוין באַם אונטערגיין. האָט דערגרייכט דעם פּלאַץ, וווּ הימל און ערד קומען זיך צוזאַמען ; געוואָרפן אַ לעצטן פאַרצווייפלטן בליק אויף הימל און ערד, איז רויט געוואָרן, פּונקט

ווי עמעצער האָלט זי באַליידיקט, און אין אַ פאַרשעמטע, אַ צעקאָכטע אַרונטער...

עס האָט מיר אַזוי ווי אַ קלונג געטון אין די אויערן. ס׳איז געווען דער שטילער זיפץ פון דער אונטערגייענדיקער זון.

אַזאַ וועג דורכגעמאַכט אומזיסט און אומנישט... האָט מיר אַ געפיל פון ווי אַ פיק געטון.

מיט מוטנע געפילן און אַ פאַרטראַכטן בליק בין איך אַ האַלבמידער אַהיימגעקומען.

דער מערב־הימל האָט זיך גענומען פאַרוואַנדלען פון העל־אָראַנזש־קאָליר, באַשלאָגן מיט אַ ליכטיקן גרין, אין אַ רויטלעך ברוין. די פאָר לענגלעכע טונקל־גרויע וואָלקנס, וואָס זענען געלעגן אויסגעצויגן ווי שלאָפנדיקע ריזן צופיסנס באַם הימל, האָבן זיך באַצויגן מיט בראָנז, די ברעגעס אַרום אָבער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין ליכטיקע פייער־סטענגעס, וועלכע האָבן מיט יעדער סעקונדע אַלץ מער זיך געטונקלט און אויסגעלאָשן.

איך בין אין דער אָפענער טיר אַריין. בין אָבער פלוצלינג געבליבן שטיין. מיין בליק האָט זיך נישט ווילנדיק פאַרטשעפעט אָן יענעם פלאַץ, וווּ כ׳האָב היינט אינדערפרי די זון דערזעען, צווישן בערעזעוועס וועלדל און אונזער שכנס שייער. און האָב דערזעען אַ רונדן, בלאַסן פלעק, ווי אַ גרויסע זילבערנע טאַץ, הענגען אין דער לופטן.

גענויס, ס׳איז די לבנה געווען!

אָבער דאָס מאָל האָט זי מיר גלייך אויסגעוויזן פאַרדעכטיקט.

— האַ! — איז אפשר עפעס דאָ אַ שייכות צווישן זיי?

און איך האָב באַשלאָסן צו זיין אויף די גאַנצע נאַכט און זעען וווּ זי גייט, צי גייט זי נישט אַמאָל אויפן זעלבן וועג וווּ די זון איז באַטאָג געגאַנגען...

שפעטער אַ ביסל איז דער הימל אָנגעשטעקט געוואָרן מיט קליינע

הייסע פֿייערלעך. אַפּנים דער לבֿנהס אַרבעט, עס זאָל איר זײַן ליכטיקער צו זוכן.

מײַנע אויגן האָבן זיך געקלעפּט, ווען די לבֿנה איז געהאָנגען איבערן מיטן הימל. און כ׳בין אַזוי אײַנגעשלאָפֿן בײַם פֿענצטער, נישט קאָנענדיק האַלטן די וואַך.

ווען דער טאַטע האָט מיך פֿאַרטאָג אויפֿגעוועקט און גענומען טראָגן אין בעט אַרײַן, איז מײַן ערשטער געדאַנק געווען זי, די לבֿנה; וואָס איז מיט איר געוואָרן, ווו איז זי געבליבן. איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן און זי גלײַך דערזען.

זי האָט שוין געהאַלטן אָט־אָט בײַם פֿאַרשווינדן. בלאָס, קוים צו דערקענען, איז זי נאָכגעגאַנגען דעם שליאַך, וואָס די זון האָט נעכטן הינטער זיך געלאָזט.

איך האָב זיך פֿאַרטראַכט, נישט ווייסנדיק וואָס איך טראַכט. עפּעס אַזוי ווי אַ פֿאַרהאַנג האָט זיך גענומען אויפֿדעקן פֿאַר מיר, און אַן אומדערטרעגלעכקייט האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן פֿאַר מײַנע אויגן.

קוים איז דער לבֿנהס געזיכט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אינם מערבֿ הימל, ווי דער מזרח האָט זיך ווידער גענומען פֿאַרבן אין ליכטיקע קאָלירן. צוערשט געוואָרן ראָזעווע, שפּעטער צו, טומאַנע־רויטלעך. קליינע פּוכקע וואָלקנדלעך האָבן זיך צונויפֿגעקליבן ווי אַ סטאַדע שעפּסן און ליכטיקע לײַכטנדיקע, האָבן זיי, משמעות, אָפּגעוואַרט דעם זון־אויפֿגאַנג.

און זי איז אַרויס, די זון, מיט איר ווײַט אָפֿענעם, ליכטיקן, שטראַלנדיקן און זוכנדיקן בליק.

— „אײַן ביסעלע צו שפּעט”, האָב איך מיט פֿאַרדראָס געטראַכט. „יענע איז שוין צו ווײַט”.

— ווער ווייסט ווי לאַנג זיי זוכן זיך שוין אַזוי אַרום און גאַרן זיך באַגעגענען.

— און צי קאָנען זיי זיך גאָר אַמאָל באַגעגענען און צי איז דאָס טאַקע זייער ציל איינס דעם צווייטן צו דערגרייכן?

מײַנע געדאַנקען האָבן זיך צעטומלט; עס איז פֿון זיי אַ גאַנצער פּלאָנטער געוואָרן.

אָבער איין זאַך איז בײַ מיר געווען קלאָר און באַשטימט: אַז זיי װעלן זיך תמיד זוכן... די ערשטע, אַ צעהיצטע, ברענענדיק מיט לײדנ־שאַפֿט, און די צווייטע, אַ בלאַסע, אַ פֿאַרטרויערטע און בענקענדע.

פֿון דאַן אָן האָב איך נישט איינמאָל נאָכגעטראַכט און זיך געפֿרעגט: פֿאַרוואָס זאָגן מיר „די זון" און נישט „דער זון"?...

3.

דער טייך לאָזט

אין איסרס גאָרטן האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע מנינים מענטשן. יינגלעך זענען געקראָכן אויפן „פּלויט“, געשריגן אויף די יונגע קולכלעך, געטומלט און געליאַרעמט; פון די עלטערע מענטשן, זענען אייניקע געשטאַנען רויק מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטער; אַנדערע האָבן גערעדט מיט התפעלות, געמאַכט מיט די הענט און געצויגן די פּלייצעס, ווי זיי וואָלטן דערציילט פון מלחמות.

דער טייך האָט געהאַלטן אין רעכטן „לאָזן“.

באַ די ברעגעס איז דאָס אייז נאָך געלעגן, דאַכט זיך, גאָר פעסט, אָבער אינמיטן האָט זיך שוין געצויגן אַ פּאַס וואַסער איבער דער גאַנצער לענג, באַדעקט מיט קליינע קריעות און דינע שטיקער אייז־שאָלעכץ. פון די פעלדער, ווו דער שניי איז נאָך געלעגן ערטערווייז גאַנץ דיק, האָבן זיך געצויגן, ווי אָדערן, דינע, אויסגעקרימטע שטראָמלעך וואַסער — צום טייך צו. מען האָט געקאָנט זען, ווי דער טייך וואַקסט מיט יעדער מינוט. אַ לינד ווינטל האָט געבלאָזן פון ליפּאָוון וואַלד, און די זון האָט שוין גאָר בשקשהדיק געוואַרעמט.

„דאָרט קומט אַ גרויסע קריע“, האָט עמעצער פון די עלטערע אויסגערופן. און באַלד האָבן זיך אַלעמענס בליקן אַ ווענד געטון צו יענעם פּלאַץ, ווו ער האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און פון אונטער דער בריק האָט זיך געהערט דאָס אָפּקלאַפּן פון דער קריע אָן די הילצערנע פּאַליעס, עטלעכע מאָל, קראַך! קראַך!

איז דאָן אַרויס און זיך באַגעגנט מיט אימפּעט, שטופּנדיק פאַר זיך אַ גאַנ־צע מחנה קלענערע קריעלעך, האָט זיך אָפּט אַנגעקלאַפּט אָן דעם אייז, פון אַמאָל דער זייט, אַמאָל פון יענער זייט, דאָ אָפּגעשפּאָלטן, דאָרט אָפּ־געריסן שטיק, ביז עס איז פאַרשוואונדן, ווייט, ווייט, באַם סאָד, וווּ דער טייך דרייט זיך אויס.

„דער טייך וועט היי־יאָר לאָזן גרעסער ווי אַלע יאָר", האָט זיך אָנגערופן אַ מיטליעריקער ייד, „ווייל ס'ליגט זייער פיל שניי אויף די פעלדער, און די זון האָט גאָר אומגעריכט מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו שמעלצן".

עס איז נישט אַוועק קיין שעה, און דאָס וואַסער, וואָס האָט פריער געשטראָמט גאָר אינדערמיט, איינגערעמט פון ביידע זייטן מיטן אייז, האָט פּלוצלינג זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אויף די זייטן.

אַ ביסל שפּעטער האָבן מיר אַלע געמוזט אַראָפּ פון פּלויט, ווייל דאָס וואַסער האָט שוין דערלאַנגט ביז אַהין. מיט יעדע עטלעכע מינוט האָבן מיר געמוזט אַלץ מער אָפּטרעטן אויף הינטער.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג און אַ האַלבער גאָרטן איז געווען פאַרפלייצט. פון דער צווייטער זייט האָט עס שוין פאַרנומען אַ האַלבן „וויהאָן". די פאָדרובעס פון „גאַרבאַרניע", וועלכע שטייט, דאַכט זיך, גאָר אַזוי הויך, איז געווען אינגאַנצן אין וואַסער, און די „יאַטקע" האָט אויס־געזען ווי זי גייט אַוועקשווימען.

איך האָב געקוקט און געקוקט, און מיר האָט זיך נישט געגלייבט. איז דאָס אונזער טייכל? דאָס שטילינקע, דאָס שמאָלינקע, וועלכעס אַ ליאַדע קונדס קאָן אַריבערשפּרינגען? פונוואַנען האָט זיך צו אים אַזוי פיל וואַסער גענומען? האָט עס אויף זיך אַזוינע כוואַליעס געטראָגן? ס'איז דאָך כמעט אַ ים!

אַ שטאָלץ געפיל האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט. אָט האָבן מיר אויך אַ גרויסן טייך, ווי לייטישע שטעט, און זאָל זיין כאָטש אויף איין טאָג. און ווער ווייסט? — האָב איך ווידער געקלערט, אפשר קאָן ער אַמאָל אַזוי בלייבן אויף שטענדיק? עס האָט זיך מיר עפּעס אַזוי געוואָלט, אַז עס זאָלן היינט אָנפאָרן אַ סך מענטשן פון די אַרומיקע שטעטלעך. איך וואָלט זיי געקוקט מיט שטאָלץ אין פּנים אַריין...

איך האָב זיך דערמאָנט אָן די חתונה־לייט, וועלכע זענען לעצטן

זומער געקומען אַהער פון סלאָנים, צו חיים איטשעס חתונה. זיי זענען געגאַנגען שפּאַצירן, איין פאַרנאַכט, אויפן וויהאַן, און באַם אַריבערגיין די אַלטע, צעבראָכענע בריק, האָבן זיי אַרונטערגעקוקט אויפן טייכל און געמאַכט חוזק־חזקות, איבערהויפּט איין ייִנגל האָט געקייכט פון געלעכטער, זענדיק, ווי די כּורן גייען נישט איבער דער בריק, נאָר פאָרן דורכן טייכל, און קוים־קוים וואָס די שינעס פון די רעדער נעצן זיך איין. — אָ! ווי וואָלט איך דאָס געוואָלט, אַז דאָסדאָזיקע ייִנגל זאָל דאָס איצט דאָ זיין!...

שטענדיק, אַז איך פלעג הערן דערציילן פון די גרויסע טייכן, וואָס אַנדערע קליינע שטעטלעך האָבן. פלעג איך ווערן פול מיט קנאה, און ווען איך פלעג זיך איבער דעם פאַרטראַכטן, פלעגט מיר פּשוט דאָס האַרץ אויפקאָכן. ס׳טייטש! — אַזאַ „העק״ ווי זעלווע, אַ שטעטל, וואָס ליגט אין אַ גרוב און האָט נישט קיין ברוק, האָט אַ גרויסן טייך מיט אַ „קעסל־גרוב״, וווּ עס ווערן יעדן יאָר אַ פּאָר מענטשן דערטרונקען. — אַן אַנדער כּרך: האַלינקע, אַ שטעטל אָן אַ „מרחץ״ און האָט אַן אָזערע מיט אַ מיל. היינט ווער רעדט שוין פון מאָסט, פונוואַנען עס גייען גאָר אַוועק פליטן אַזש קיין פּרייסן? — און אונזער דערעטשין, וואָס איז באַרימט מיילן ווייט אַרום מיט אירע געברוקירטע גאַסן, מיט איר גרויסן „אָגראָד־סאָד״ מיט דוכעס סאַפּיעס פּאַלאַצן, און דעם פּוסטן באַרג, וועלכער ציט זיך אַזש ביז ראָזשאַנאַי, זי דאַרף האָבן אַ טייכל, ווו מען קאָן זיך באַגיין אָן אַ שטיקל בריק אפילו.

שטייענדיק אַזוי דאָ איצט און טראַכטנדיק נאָך אַמאָל איבערן מזל פון אונזער שטעטל און איר טייכל, איז מיין נשמה געוואָרן אַזוי פול מיט דעמדאָזיקן געגנשטאַנד, אַז מיר האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו דאַכטן, אַז אין דעם שטאַרקן רוישן פון וואַסער הערן זיך עפּעס דבורים. אַ געוואַלדיק אומפאַרשטענדלעכע שפּראַך האָט מיר געשומט פאַר די אויערן, און איך וואָלט געשוווירן, אַז דער טייך טענהט עפּעס, מורמלט עפּעס אַ פּראָטעסט קעגן רבונו־של־עולם אַליין, פאַרוואָס ער האַלט אים איינגעשלאָסן אין דער ענגער רינע, און לאָזט אים אַ גאַנץ יאָר דעם קאָפּ נישט אויפהייבן.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ קראַכן. איך גיב אַ קוק, דער פלויט ליגט שוין אויסגעצויגן, צעבראָכן אין שטיקער; די כוואַליעס האָבן זיי באַפאַלן

מיט אַ גוואַלדיק רוישן, און גענומען שלעפּן מיט זיך, ערגעץ ווייט, ווייט, אַוועק. און דאָס גאַנצע אויסזעען פונם טייך האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אויסדרוק פון נצחון, און די טויזנטער נאַסע מיילער האָבן אַזוי ווי געמורמלט: „אהאָ! דו פלעגסט מיך תמיד מיט שפּאָט באַטראַכטן, צו קליין האָב איך דיר אויסגעזעען! דיין שטענדיק שטיין און וואַכן דאָ האָב איך נישט געקאָנט פאַרטראָגן. איך האָב זיך מיט מיין קליינקייט געשעמט פאַר דיר. איצט, איצט אָבער, בין איך באַ מיינע אמתע כוחות, און איצט וועל איך זיך מיט אַלע מיינע פאַראַכמער און אָפּלאַכער אָפּרעכענען".

ס'האָט זיך דערהערט אַ דומפּער קרעכץ פון דער בריק, אַ פּאָר פּאַליעס האָבן זיך איבערגעבראָכן. די בריק האָט זיך אַ זעץ געטון אויף איין זייט, און איין פּאָרענטש און אַ העלפט פון די שווערע קלעצער, וועלכע האָבן זי צוגעדעקט פון אויבן, זענען אין וואַסער אַריין און אַוועק מיטן זעלבן וועג, ווו די שטיקער פלויט זענען געשווומען.

די זון האָט גענומען פאַרגיין. ווו מיין בליק האָט נאָר געקאָנט דערגרייכן האָט געגלאַנצט אַ באַגילדעט וואַסער-פעלד, צעאַקערט אויף גרויסע באַוועגנדע קלומפּן, וועלכע האָבן אויסגעזעען, ווי מחנות גבורים, וואָס גייען באַזיגן אַ גאַנצע וועלט...

4.

טריף פסול

אַ גאַנצן ווינטער האָב איך געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער צייט, ווען ס'פאַנגט זיך אָן דאָס דרויסן-לעבן.

און אַז ס'איז געקומען די וואָך פון ערב פסח, און אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן מאַכן הכנות פאַרן זומער, איז מיר געוואָרן מיטאַמאָל אַזוי לייכט און פריי אויפן האַרץ, ווי ס'איז מיר נאָך קיינמאָל נישט געווען. עפּעס האָב איך דערהאַרט פון דעם אָנקומענדיקן זומער מער ווי פון די אַלע פריערדיקע זומערן...

אין הויז בײַ אונדז איז געווען אַ סך צו טון. דאָס ערשטע האָט מען געדאַרפט אַרויסנעמען די טאָפּלטע פענצטער און אַרויפטראָגן אויפן בוידעם; דאַן האָט מען געדאַרפט אַרויסטראָגן אַלץ פון הויז אינדרויסן אַרויס, אַרומצוואַשן און אויסצולופטערן. לייכטערע שטיקער „מעבל", ווי גראַטקעס, פּאָליצעס א. א. וו., האָט מען געדאַרפט טראָגן צום טייך, וואָס איז אַ היפּש שטיק וועג פון הויז. דאַן האָט מען געדאַרפט פאַרזאָרגן אַ גריבל אויף צו כשרן די לעפל און אַנדערע עס-אינסטרומענטן לכבוד פסח, און דאַן די וויכטיקסטע, און פאַר מיר אינטערעסאַנטסטע אַרבעט — די ספרים צו לופטערן.

ספרים לופטערן איז פאַר מיר פון שטענדיק אָן געווען עפּעס אַ באַזונדער פאַרגעניגן; אַ פאַרגעניגן, פון וועלכן איך האָב זיך אַליין נישט געקאָנט מאַכן קיין קלאָרן באַגריף. אַזוי שנעל ווי איך האָב געקאָנט אי-בערלייענען אַ שער-בלאַט פון אַ ספר, און פאַרשטיין, אויבערפלעכלעך,

אומגעפער וואָס פאַר אַ ספר דאָס איז, וווּ ס'איז געדרוקט, אין וועלכן יאָר, און ווער דער מחבר איז, פלעגט פאַר מיר יעדער ספר זיין אַ נייע אַנטדעקונג. לאַנג־אָפּגעלעבטע צייטן, ווייט פאַרלעגענע געגנטן האָבן זיך געשטעלט ווי לעבעדיק פאַר מיינע אויגן. — דאָ, זע איך אַ ספר געדרוקט אויף דיק גרינלעך פּאַפּיר אין יאָר תקצ"א, אַ קימאַ־לן פון אַ זיבעציק יאָר, און ווו געדרוקט, אַזש אין לעמבערג, ערגעץ ווו אין אויסלאַנד. און עפּעס גיט מיין גייסט אַ צופּ אין אומבאַקאַנטע, ווייטע מרחקים, אין געוועזענע שוין לאַנג פאַרשווונדענע צייטן; — דאָ, בלעטער איך אַ ספר אין אַ גרויסן פאָרמאַט, געדרוקט אין ווילנע, ווו מיר האָבן פריינט, וועלכע כ'האָב קיינמאָל נישט געזען, און אַזוי בלעטערנדיק, בלעטערט זיך און מישט זיך מיר אין געדאַנק, פאַרשידענע אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום אין אומבאַקאַנטע גאַסן, אין וועלכע איך זוך צו געפינען אונזערע פריינט...

שטענדיק, אַז איך פלעג שטיין און צוקוקן ווי דער ווינט קאַשערט די בלעטער פון די אָפענע ספרים, וואָס ליגן אויסגעלייגט אויף די לאַנגע ברעטער, מישט אַזוי שנעל און היפּט איבער אפשר הונדערט בלעטער מיטאַמאָל, זוכט צוריק פון אָנהייב און ווייסט זיך נישט וווּ אָפּצושטעלן, פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז ער טוט עס נישט אָן כוונה, אַז ער מיינט עפּעס מיט דעם; אַז פון די הונדערטער ספרים, וועלכע קומען פון פאַרשידענע צייטן, פאַרשידענע לענדער און שטעט, זוכט ער אַרויסצושלעפּן איין אַלגעמיינעם גרויסן, פאַרפלאָכטענעם סוד, און ווען די זאַך זעט אים אויס שווערלעך, ווערט ער אויפגעבראַכט, נעמט זיך מיטן גאַנצן כוח, און כמעט ער רייסט אויס אַלע בלעטער פון די ספרים.

דאָס יאָר, אין דער צייט, איז דער ווינט געווען באַזונדערס שטאַרק. ער האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן מיט אַ טאָג פריער, און זיין קראַפט האָט זיך אַלץ געהאַלטן אין איין מערן.

אַז כ'האָב געהאַט דעם ספרים־אַלמער אינגאַנצן אויסגעליידיקט, האָב איך צורעכט געמאַכט עטלעכע לאַנגע ברעטער אין פראָנט פון הויז, און אויסגעלייגט די ספרים מיט אַ סדר: אויף איין ברעט די גרעסערע ווי „עין־יעקבס", „משניות" א. ד. ג. אויף אַ צווייטס האָב איך אויסגעלייגט די גראָבע כרכים פון ת"נך מיט מענדעלסאָנס ביאור אין דייטשישער איבערזעצונג, צו וועמענס מאָסן בלעטער דער ווינט האָט זיך צוגעכאַפּט מיט אַ באַזונדערן

חשק. אויף א דריט ברעט האָב איך אויסגעלייגט די רעשט, פאַרשידענע איינצלנע ספרים, וועלכע האָבן צו זיך נישט געהאַט קיין פּאָרן אָדער גלייכע. פון די זענען געווען די מיינסטע, רייניקע, מאָגערע ספרימלעך מיט אָרימע אָדער צעריסענע בּינדן, און האָבן געהאַט אַ פּנים ווי אָרימע־לייט אין בית־המדרש הינטער דער בימה.

פאַרטיק מיט דעם, בין איך אָפּגעטראָטן אַ ביסל פון ווייטנס און באַקוקט די עדה ספרים. ווי אַ קאָמאַנדיר באַטראַכט זיינע סאָלדאַטן נאָכדעם ווי זיי שטעלן זיך אויס אין רייען.

דער ווינט האָט זיך צעהוליעט. ער האָט געמישט און געקערט, געדרייט און געקאָרטשעט די בלעטער אויף וואָס די וועלט שטייט. די נייע, שטייפע, האָבן אונטער אים געקנאַקט, זיך איינס נאָך ס'אַנדערע געיאָגט מיט אימפּעט, ווי כוואַליעס וואָס ווילן זיך איבעריאָגן. עלטערע, אויסגעריבענע, האָבן נישט געקאָנט מיטהאַלטן אין שטאַרקן גאַלאָפּ און האָבן געמוזט אַרויס פון די טאָוולען. נישט איינמאָל האָב איך געמוזט זיך נאָכיאָגן נאָך זיי ביז כ'האָב זיי געכאַפּט.

דערווייל איז דער מוליאַר אָנגעקומען צו קאַלכן דאָס הויז באַ אונז. איך האָב זיך אריינגעכאַפּט גלייך נאָך אים אין הויז, באַקוקט די „כּלים", וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך: דאָס שעפּל קאַלך, די פּענזלעס, די קעלניע א. א. וו. איך האָב געזעען אין דעם מוליאַרס הכנות, אַז ס'וועט נאָך נעמען אַ לאַנגע צייט ביז ער וועט זיך שטעלן צו דער אַר־בעט, בין איך דערווייל צוריק אַרויסגעלאָפן צו די ספרים.

איך גיב אַ קוק, איינס פון די קליינע ליגט אויף ד'ערד, מיט די טאָוולען אַרויף און די בלעטער פון אונטן פאַרקנייטשט. איך האָב עס גיך אויפגעהויבן, אויסגעטרייסלט דאָס זאַמד, צוגעטראָגן צו די ליפּן, ווי איך האָב עס געהאַלט מחילה בעטן מיט אַ קוש, און צוריק אַוועקגעלייגט אויף זיין פּלאַץ, נאָר איידער איך האָב נאָך באַוויזן עס גוט אַוועקצולייגן, האָט דער ווינט, אַזוי ווי אויף צו להכעיס, עס אַ ריס געטון פון מיינע הענט און ווידער אויף דער ערד. דאָס האָט מיך שוין שטאַרק פאַרדראָסן. כ'האָב דאָס פאַרשעמטע ספרל ווידער אויפגעהויבן, איבערגערוקט אַ פּאָר ספרים און עס געלייגט אויף אַן אַנדערן פּלאַץ. איך האָב אָבער דעם ווינט נישט געקאָנט אָפּנאַרן. עס האָט נישט געדויערט קיין מינוט און דאָס

ספרל ליגט שוין ווידער אויף דער ערד, און דאָס מאָל, אַ שטיק פאַרפלויגן, אַזש לעבן רינשטאָק.

דאָ האָט מיר שוין דאָס האַרץ פאַרקלעמט. כ'וואָלט געקאָנט, וואָלט איך דעם ווינט, איך ווייס נישט וואָס געטון.

הענעך דער ראַבעווער איז פאַרבייגעגאַנגען בשעת איך האָב זיך איינגעבויגן עס ווידער אויפצוהייבן. ער איז אָבער געווען נענטער צו אים. האָט ער עס פריער אויפגעהויבן.

ער האָט אָנגעשטעלט זיין יראת־שמים פנים, האָט אַ קוש געטון דעם ספר און מיר עס געוואָלט דערלאַנגען, אָבער ער האָט קענטיק חרטה געקריגן. ער האָט עס ווידער גענומען צו זיך, באַטראַכט, פריער פון דרויסן, דערנאָך איז ער געגאַנגען אַ קוק טון פון אינעווייניק, ריכטיק ווי ער וואָלט געוואָלט געַנוי וויסן, וואָס ער האָט דאָ ערשט געקושט.

ער האָט אויפגעמאַכט דאָס ספרל, האָט אים שיער דער שלאַק געכאַפט. ער איז געוואָרן רויט ווי אַ בוראַק, האָט פאַרגלאָצט די אויגן, אויפגעהויבן דאָס אָרימע ספרל אין דער לופטן און דערלאַנגט אַ שליידער אין רינשטאָק אַריין, אַז עס האָט זיך אַזש דריי מאָל איבערגעקערט, איידער עס איז געבליבן ליגן אין אַ לוזשקע וואַסער.

— טריף פסול צו אַלדי שוואַרצע יאָר! — האָט דער פרומער רבי הענעך אַרויסגעשטאַמלט פון צווישן די פאַרביסענע ציין — נאַ־נאַ, — דעם צלם געקושט!

ווען הענעך ראַבעווער איז שוין געווען ווייט אַוועק, האָב איך אויפגעהויבן דאָס ספרל, עס אומאַנטשלאָסן אויפגעעפנט און איבערגעלייענט דאָס שער־בלעטל: „הצופה לבית ישראל”.

„טריף פסול! טריף פסול!” האָבן די ווערטער האַלב־פאַרשטענדלעך מיר געקלונגען אין די אויערן. — איז צוליב דעם האָט עס דער ווינט נישט געלאָזט רויק אויפן ברעט?...

5.

מורא

איך וואָלט זיך אפשר געפילט פאַרן גליקלעכסטן יינגל אין שטעטל, ווען נישט די מורא, וועלכע האָט מיר פאַרביטערט מיינע בעסטע קינדער־יאָרן.

אַזוי גיך ווי די נאַכט פלעגט זיך אַרונטערלאָזן, פלעגט זיך אויפֿכאַפּן אין מיר עפּעס אַ מאָדנער שרעק־געפיל. אַלצדינג אַרום האָט גע־קריגן אַ שוידערלעכע באַדייטונג, און פון דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון „בית־עלמין", „תכריכים" און „טהרה־ברעט".

פאַר שדים האָב איך נישט אַזוי מורא געהאַט ווי פאַר מתים, כאָטש מען פלעגט באַ אונז אין שטעטל דערציילן אַזעלכע שרעקלעכע מעשיות פון שדים און נישט גוטע, וואָס האָבן זיך אריינגעגנאַדזעט אין כאַטשעס סטאָדאָלע; אין דער אַלטער חורבה הינטערן באָד, און באַ איטשעניקע קלמנס אין פאָרהויז; פאַר שדים האָב איך זיך געשראָקן נישט מער ווי פאַר אַבי וועלכע לעבעדיקע זאַך, וואָס קאָן אָנטון אַ היזק אָדער אָפּטון אַ שפּיצל. די אמתע מורא איז פאַר מיר געקומען פונם טויט. דער טויט איז פאַר מיר געווען דער קוואַל פון אַלע שרעקן.

האָט זיך געמאַכט, אַז עמעצער איז געשטאָרבן, בין איך שוין גע־ווען פאַרזאָרגט אויף וואָכן לאַנג מיט אימה־פולע נעכט. באַטאָג פלעג איך זיך אַמאָל אפילו בריהן פאַר זיך אַליין, נעמען מיט אַ כיוון טראַכטן פון אַלע מתים, וואָס איך האָב געקענט באַם לעבן, און דערצו, כלומרשט העלדיש, זיך מאַכן ווי מיך טשעפּעט עס גאָרנישט. אָבער קוים איז גע־

קומען די נאַכט און אַ פאַרגליווערטע שטילקייט האָט אַלץ אַרומגעוויקלט, האָט אַזוי ווי אַ פרעסטל דורכגענומען מיין לייב; די געהיימנישפולע פינצטערע מורא האָט געדריקט איבער מיינע אויגן און דער טויט האָט זיך פאַר מיר געפּלאָנטערט אין זיין ווייסער גאַרדעראָבקע.

— נאָר איינער, — פלעג איך אָפט, באַטאָג געוויינלעך, טענהן צו זיך אַליין — פאַרוואָס האָבן די אַנדערע קינדער נישט מורא? אָט ווינט משהקע לעבן סאַמע באָד און אים אַרט עס גאָרנישט; אָט ווינט יאַשקע לעבן די מאַהילקעס און ער גייט ווינטער באַנאַכט פון חדר אַליין; און הערץ מענדל דעם רבס קאָן אינמיטן נאַכט יאָגן זיך נאָך קעץ אויפן בית-עלמין און עס פאַלט אים גאָרנישט איין מורא צו האָבן, און דו, שוין באַלד אַ גרויסער בחור האָסט מורא פאַרן שאָטן אויף דער וואַנט?

דאָס איז אַלץ געווען באַטאָג. קוים אָבער איז נאָר געוואָרן פינצטער אינדרויסן, זענען מיינע געדאַנקען ווי פאַראַליזירט געוואָרן. מיט וואָס נאָר איך האָב זיך געזוכט פונאַנדערצושלאָגן, האָט נישט געהאָלפן איך טראַכט, דאַכט זיך, פון קלעטערן אויף אַ בוים, פון שפּרינגען איבערן גרובן לעבן די קאַזאַרמעס, אָדער פון שפּילן זיך אין מלחמה; אָט האָב איך שוין כמעט אויסגעאַרבעט אַ גאַנצן פּלאַן פאַר אַ מאַנעוורע אויפן קומענדיקן פרייטיק. — ווען איך קום אָבער צו צום סוף און וויל וואַרפן אַ בליק אויף דעם, וואָס מיין געדאַנק האָט נאָר-וואָס אויפגעבויט, שווימט פּלוצלינג אַרויס פאַר מיינע אויגן אַ מתים-וועלט, וועלכע מיין געפיל האָט אין דער אייגענער צייט זיך אויסגעוועבט אין דער פינצטער.

שלאָפן פלעג איך שטענדיק גיין ווען אַלע אין הויז זענען נאָך אויף געווען, כדי די מורא זאָל צו מיר נישט האָבן קיין צו גרויסע שליטה און פלעג איך זיך אויפכאַפּן אינמיטן דער נאַכט און פילן די טונקעלע לופט מיט מיין הוילן פּנים, פלעג איך זיך גלייך איבערדעקן מיט דער קאָלדרע, צונויפקאָרטשען זיך, פּונקט ווי איך וואָלט זיך פילן זיכערער, האָבנדיק מיינע גלידער נענטער צו זיך, און מאַטערן זיך ווידער איינצושלאָפן, ביז איך פלעג ווערן אָפּגעגאָסן מיט שווייס. האָט עמעצער גע-כראָפּעט, אָדער עס האָט זיך הער צעהוסט אין שלאָף, פלעג איך ווערן אַן אָפּגעפרישטער. כ'פלעג אָפּציען טיף דעם אָטעם און געפילט ווי ס'איז מיר געוואָרן גרוימער אין האַרץ.

אַז איך פלעג זיך אַמאָל אָננעמען מיט האַרץ און פּרובירן אין

מיין געדאַנק צוגיין נענטער צו דעמדאָזיקן ענין, פֿלעגט ביסלעכווייז
מיין מורא זיך נעמען פֿאַרוואַנדלען אין אַ זאַך, פֿאַר וועלכע איך האָב
גאָר קיין נאָמען נישט געקאָנט געפֿינען. ס'איז נישט געווען מער יענע
שרעק, וואָס פּייניקט אומבאַוויסט און טרייסלט אויף די נערוון, ווען מען
איז אין איינזאַמקייט און אין דער פֿינצטער, נאָר, ס'איז געשטאַנען
פֿאַר מיר קלאָר און בולט אַ געשטאַלט, וועלכע איך האָב נישט געוואַגט
צו קוקן אין פּנים אַריין...

געוואַלט, דער טויט! — פֿלעג איך טראַכטן, ווי קאָן מען דאָס-
דאָזיקע אומגליק אויסמיידן? ווי קאָנען מענטשן לעבן רויק, אין דער
צייט, ווען זיי ווייסן, אַז ערגעץ-ווו לויערט שוין נאָך זיי דער טויט? און
דאָ פֿאַלט מיר איין דער, יענער, פֿון די עלטערע מענטשן, וואָס איך קען,
און דאָס האַרץ פֿאַרקלעמט מיר. אָט באַלד, באַלד, ווי לאַנג נאָך קאָנען
זיי לעבן? און מיין פֿאַנטאַזיע גייט זיך אַזוי ווייטער, און מאָלט מיר שוין
דידאָזיקע געזיכטער אינם בלאַס געלן קאָליר פֿונם טויט, און עס גייט
מיר אַ שוידער איבערן לייב און איך זוך אויסצומיידן און פֿאַרגעסן די-
דאָזיקע פּנימער, כּדי זיי זאָלן שפּעטער, נאָכן טויט, נישט שטיין אַזוי
שאַרף פֿאַר מיינע אויגן.

אָבער ביסלעכווייז האָט זיך אָנגערוקט אַ צייט, ווען איך האָב זיך
געפֿילט, ביז אַ געוויסן גראַד צופֿרידנגעשטעלט מיט מיין מורא. דעם אויס-
געפֿינענדיק דעם ריכטיקן מאָטיוו פֿון מיין מורא, האָט מיין באַנאַכטיקער
איך נישט אויסגעוויזן מער אַזוי לעכערלעך בײַ מיין באַטאָגיקן, ד. ה.,
אַז מיין מורא איז נישט אַ נאַריש, שוואַך געפֿיל, נאָר פֿאַרקערט, אַ קלאָ-
רער שטאַרקער באַגריף פֿונם אומפֿאַרמיידלעכן סוף פֿונם מענטש.

און איינמאָל, ס'איז געווען אַ שיינער, מילדער ווינטער-אָוונט, פֿאַלט
מיר איין אַ געדאַנק, צו שטעלן זיך אַליין אויף פּראָבע.

די גאַנצע משפּחה אונזערע האָבן געהאַט זייערע „שטעט“ אין
„הילצערנעם“ בית-המדרש. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז אויך גע-
ווען מיין בית-המדרש, און איז בײַ מיר געווען פֿאַרעכנט פֿאַרן חשובסטן
אין שטעטל, כאָטש דער רב פֿלעגט דאַווענען אין דער „אַלטער מויער“

און דער גביר רבי מאשע — אין שול. פריילעכער איז געווים געווען אין הילצערנעם בית־המדרש ווי אין די אנדערע, ווייל זינט דער הקדש האט זיך צוגעמאכט, פלעגן די דורכפארנדע ארימע לייט דארט האבן זייער אכסניא. דארט אויף דער „לעזשאנקע" האט מען צו יענער צייט געקאנט זען א „פנים חדשות" און הערן א וויץ פון ווייטע מקומות. היינט דאס „יתומל" און אלטער רעשקעס, אז זיי פלעגן זיך פונאנדער־לאזן מיט זייערע קונצן ווען די באלעבאטים פלעגן צוגיין: שפרינגען איבער שטענדערס און וואַרפן פעקלעך אויף די פרושים פון הינטער דער בימה; אננעמען פולע מיילער מיט קעראסין און שפריצן אויף ברע־נענדיקע הבדלות, פון וועלכע עס פלעגט שטראמען א רעגן פון פונקען, און נאך אזעלכע קונצן, פלעגט טאקע ווערן אמת פריילעך. און ס׳האט זיך פשוט נישט געוואלט אוועק פון דארט.

אבער אקעגן דידאזיקע אלע מעלות האט דאס הילצערנע בית־המדרש געהאט איין חסרון, וועלכער האט זיי אלע צען מאל אריבערגעוויגן — דארט אין פאליש, באם רעכטן ארייננאנג, האט חברה־קדישא געהאלטן דאס „טהרה־ברעט".

יאר איין, יאר אויס, איז עס געשטאנען אין זעלבן ווינקל, אין דער זעלבער פאזיציע, דער אויבן צוגעדריקט צו דער וואנט, און דער אונטן ארויסגערוקט אזש ביזן טרעפל, ווי עס מאכט זיך אויף די ברייטע טיר אין בית־המדרש אריין, כדי עס זאל נישט אומ־פאלן. מיט דער לינקער זייט איז עס געווען צוגעדריקט צו דער מערב־וואנט, און האט געמאכט דעם איינדרוק פון א ביידל אין א סאד.

עס האט נישט פאסירט קיין איין מאל איך זאל דורכגיין פארביי, עס זאל נישט א ציטער טון בא מיר ווי א פארבארגענער נערוו. עס האט געמעגט זיין באטאג, אין העלסטן זון־שיין, האב איך נישט געקאנט אויפעפענען פול מיינע אויגן און עס דרייסט אנקוקן. אפילו שבת אדער יום־טוב, צו „לייענען", ווען דער פאליש איז פול מיט מענטשן, האט דאס־דאזיקע ברעט געשטערט מיין שטימונג. היינט ווער רעדט שוין פון אוונט. אין אוונט וואלט איך אליין נישט דורכגעגאנגען פארביי, אז מען זאל מיך צעגילטן. און טאמער האב איך אמאל באמערקט דעמדאזיקן ווינקל ליידיק, האט מיך די מורא נאך מער געדריקט, ווארים איך האב גע־

וווסט, אַז שפּעטער אָדער מאָרגן, וועט זי דאָ ווידער שטיין מיט פּייכטע פלעקן אויף זיך.

ס'איז שוין געווען אַ שטיק אין אדר. די אָוונטן האָבן נישט מער געהאַט דעם ערנסטן אויסדרוק ווי אין מיטן ווינטער. זיי זענען געוואָרן וואָס אַמאָל קירצער, און דערמיט אַליין שוין, דערטרעגלעכער, פאַר די שרעקנדיקע נאַטורן. די אַטמאָספערע איז געווען פול מיט שלח-מנות, המן-קלאַפּעריי און אַ האַרציקע פורים-שטימונג.

זיצנדיק אַזוי, אין איינעם פון דידאָזיקע אָוונטן, אין בית-המדרש, האָב איך מיטאַמאָל דערפילט אין זיך, ווי איך וואָלט געווען עמעצער אַנדערש, און נישט איך, און גלייך אַ זאָג געטון צו זיך: היינט גיי איך אַליין אַהיים! און קוים האָב איך דאָס נאָר אַרויסגעזאָגט, ווי אַן עכאָ האָט גלייך אָפּגעענטפערט פון אַלע מיינע אינעווייניקסטע קעמערלעך: היינט גיי איך אַליין אַהיים! נאָך אַמאָל האָב איך שוין די זאַך נישט געקאָנט איבערלעבן. פאַרפאַלן!

איך האָב זיך געמאַכט האַרץ און פאַרלאָזט אויף אַ נס.

עס איז געווען נאָך מעריב. דער עולם איז שוין געווען צעגאַנגען. אויסער די פּאָר פּרושים, וואָס זענען געווען פאַררוקט אין די ווינקלען הינטער זייערע שטענדערס, און די עטלעכע אָרימעלייט אויף דער בימה, איז קיינער נישט געווען אין בית-המדרש. נאָר-וואָס האָט ירחמיאל דער טשעשלער, מיט וועמען איך פלעג אָפּט גיין ביז צו אונזער הויז, פאַרלאָזט דאָס בית-מדרש, און איך האָב גלייך געזען, אַז ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, וועל איך היינט מוזן זיין אַ העלד.

ס'איז אַוועק אַ האַלבע שעה, אַ גאַנצע, און איך האָב אָבער אַלץ נישט געהאַט קיין מוט אויסצופירן מיין פּלאַן. האָב איך געטון אַ טראַכט פון דער לעצטער סעקונדע, ווען איך וועל מוזן גיין, איז מיר געוואָרן גאָר נישט היימלעך אויפן האַרץ, און כ'האָב זיך געווונטשן, אַז עמעצער זאָל אַריינקומען, מיט וועמען איך זאָל כאָטש קאָנען דורכגיין דעם שול-הויף. אָבער צו מיין שלימזל איז קיינער נישט געקומען, און איך האָב שוין פאַרלוירן אַלע האָפנונגען.

מיטאַמאָל דערזע איך דורכן פענצטער, ווי עמעצער גייט איבערן שול-הויף מיט אַ לאַמטער. איך בין האַסטיק אויפגעשפּרונגען, גענומען לויפן צו דער טיר מיט גרויסע טריט, און עפּעס צוגעבאַמקעט אונטער דער נאָז, ריכטיק ווי איך וואָלט זיך מיט דעם וועלן פאַרטומלען.

קומענדיק צו דער טיר, האָב איך געפילט ווי עס איז מיר הייס געוואָרן אומעטום, און ווי עפּעס האָט מיך אַ נעם געטון באַ די שלייפן.

— פאַרפאַלן! — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין.

איך האָב געעפנט ברייט די טיר. אַ בלאַס-רויטע שיין איז געפאַלן אין דער קרום איבערן פּאָליש. ס'איז געפאַלן פונקט אויפן טהרה-ברעט.

איך האָב געפילט ווי מיין האַרץ גליטשט זיך אַראָפּ. אָבער, פאַרפאַלן!

איך האָב געלאָזט די טיר אָפן און זיך האַסטיק דורכגעכאַפּט דורכן פּאָליש. מיינע אויגן האָבן ביסטרע געקוקט אין פאַרשאָלטענעם ווינקל, וווּ דאָס טהרה-ברעט שטייט (אַזוי ווי דער טיהר-בענדיקער קוקט אָן די ווילדע בעסטיע, באַם אַרויסכאַפּן זיך פון דער שטייג.) איך האָב געציטערט מיט אַלע מיינע אברים.

— מאַך צו די טיר, באַנדיט איינער! — האָט זיך דערהערט אַ קול פון אונטערן טהרה-ברעט.

איך האָב די טיר שוין נישט צוגעמאַכט...

אַ האַלב טויטער פאַר שרעק בין איך קוים דערלאָפן אַהיים.

אין עטלעכע טעג אַרום באַגעגנט מיך דאָס „יתומל".

— אויב דו וועסט מיר לאָזן אָפן די טיר אין בית-המדרש נאָך אַמאָל, ווען איך פאַרברענג מיט ביילקע דעם בעדערס, וועסטו זיך אַ שוואַרץ יאָר אויסריכטן! — האָט דאָס יתומל צוגעציילט די ווערטער און דערביי געסטראַשעט מיטן פינגער.

6.

לקוי־חמה.

אַזוי גיך, ווי עס האָט זיך פאַרשפּרייט דאָס נייעס פון דער „לקוי־חמה", האָט זיך אין שטעטל אָנגעהויבן צו רודערן. ווו מען איז געגאַנגען, האָט מען גערעדט נאָר דערפון, און שפּעט אין די אָוונטן האָט מען נאָך געקאָנט טרעפן קופּקעס מענטשן אויפן מאַרק אָדער בײַ כאַטשען אויפן קלאָץ, רעדנדיק וועגן דעמדאָזיקן וויכטיקן נייעס, וואָס איז געשטאַנען אין „הצפירה". עפּעס אַ קלייניקייט אַ „לקוי־חמה"? און נאָך אַזאַ ווי דאָס מאָל האָט געזאָלט זיין? אין „הצפירה" איז געשטאַנען, אַז זינט דעם יאָר 1724 איז אַזאַ „לקוי־חמה" נישט געווען.

בײַ שמואל, יוסף נחס, דער איינציקער אין שטעטל צו וועמען די „הצפירה" פלעגט אָנקומען, האָט מען די שוועלן אָפּגעשלאָגן. מענטשן האָבן געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס אין „הצפירה" שטייט מכּוח דעם, און אַז עס איז אָנגעקומען דער נייער „נומער" מיט אַ גאַנצן „מאמר", ווו עס איז געווען גערעדט באריכות פון לקוי־חמות אין אַלגעמיין און פון דער היי־יעריקער איבערהויפּט, האָבן מענטשן זיך פּשוט פּאַסמאַקעוועט: הא! וואָס מיר וועלן עס דערלעבן? אַ זאַך, וואָס טרעפט זיך איין מאָל אין הונדערט יאָר!

איך בין דאַן נאָך געווען צו יונג — אַ יאָר ניין, אינגאַנצן — צו קענען פאַרשטיין, וואָס אַ „לקוי־חמה" איז, און אפילו אַז איך האָב דעם „מאמר אין „הצפירה" איבערגעלייענט, איז מיר אויך גאָר קיין קלאָרס פון דעם נישט אַרויסגעקומען. די גאַנצע געשיכטע האָט מיך געהאַלטן

אין אַ פֿאַרחלומטן, פֿאַרטראַכטן צושטאַנד. טיף אין מוח האָט זיך עפּעס יאָ געוועבט אַ בילד פֿון הימלען, פֿון זונען, פֿון לבנות און גלאַט פּלאַנעטן, וואָס דרייען זיך אַרום אין גרויסן חלל און קומען איינער דעם צווייטן אין וועג. אָבער אַז איך פֿלעג עס וועלן דערגרייכן מיט מיין שכל, פֿלעגט דאָס בילד אָנהייבן צעגיין און צערינען. איך האָב מקנא געווען די „גרויסע", וואָס האָבן איבער דעם גערעדט מיט אַזאַ זיכערקייט, פּונקט ווי זיי וואָלטן עס פֿאַר די אויגן געהאַט.

אַז עס איז געקומען נאָענט צום באַשטימטן טאָג, האָט מען אין די ווייבערישע שולן, איבערהויפּט אין „הילצערנעם" בית־המדרש געקאָנט זען, ווי פּרושים און אַזוי באַלעבאַטישע בחורים פֿאַררויכערן שטיקער גלאָז, וואָס איז באַוווּסט אַלס אַ סגולה צו קאָנען קוקן דורך דעם אויף דער זון.

באַלעבאַטים האָבן צוגעגרייט צעבערס מיט וואַסער, אַ מיטל, וועלכעס איז לכל הדעות געווען אָנגענומען פֿאַר דעם בעסטן.

איך האָב שוין אויך געהאַט אָנגערויכערט אַ פּאָר גרויסע שטיקער גלאָז, צוליב וועלכע איך האָב געמוזט אויסברעכן אַ שויב אויפֿן בוידעם; געהאַט צוגעגרייט דעם „ווייקשאַף" און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם געהיימנישפֿולן טאָג.

עס האָט זיך מיר גאַרנישט געקאָנט גלייבן, אַז אינמיטן העלן טאָג, ווען די זון גייט אַרום רויט און הייס איבער אַ קלאָרן הימל, זאָל מיט אַמאָל ווערן פֿינצטער, ווי באַנאַכט, כאָטש נעם און לייען „קריאת־שמע". אָבער אַ וועלט וועט זיך דאָך נישט לאָזן מאַכן צו נאַר!

לויט דעם מאמר אין „הצפירה", האָט די „לקוי־חמה" זיך באַדאַרפֿט אָנהייבן עטלעכע מינוט נאָך זעקס, גלייך נאָכן ערשטן „מנין", און ענדיקן, שפּעט אין טאָג אַריין. נו, טאָ ווי שטייט מען אָבער אויף אַזוי פֿרי? פֿיל מאָל האָב איך געוואָלט אויפֿשטיין צום ערשטן מנין, אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט. און ווי וועט טאַקע זיין, אַז איך וועל פֿאַרשלאָפֿן?

דידאָזיקע דאגה האָט באַאומרויקט נישט נאָר מיך אַליין, אפֿילו גרעסערע ווי איך האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן פֿאַרשלאָפֿן.

דער „סקידלער" בחור, דער עלטסטער פּרוש אין הילצערנעם בית־המדרש, האָט אויפֿגעגעבן אַ פּלאַן, צו פֿאַרחזרן די נאַכט וואָס פֿאַר דער לקוי־חמה, אַ „משמר", אום צו זיין זיכער נישט צו פֿאַרשלאָפֿן. אַלע

האָבן זיין פּלאַן אויפגעכאַפּט מיט שמחה און ווי נאָר אַ בחור אין שטעטל, האָט ער זיך געגרייט צום משמר.

איך האָב קוים געפּועלט בּאַם טאַטן ער זאָל מיך אויך לאָזן גיין. איך האָב דערפאַר געמוזט צוזאָגן צו „פאָלגן״ דער מאַמען לכל הפּחות אַ חודש נאָכאַנאַנד.

ענדלעך איז די צייט געקומען.

נאָך מערב האָבן די משמרניקעס גענומען קלייבן זיך אין הילצער־נעם בית־המדרש, אין ביסלעכווייז האָט זיך דאָרט צוזאַמענגעקליבן כּמעט דאָס גאַנצע יונגוואַרג פון שטעטל. אָנפאַנגס האָט מען אין דער „אַלטער מויער״ אויך געוואָלט נאָכטון און האָבן דאָרט אַ משמר פאַר זיך, נאָר אַזוי ווי דאָרט איז געווען ווייניק יונגוואַרג, האָבן זיי זיך געמוזט אונטער־געבן און אָנשליסן זיך אָן הילצערנעם בית־המדרש.

דאָס גאַנצע שטעטל איז שוין פעסט געשלאָפן. עס האָט זיך יעדער איינער פריי געלייגט, כּדי צו קאָנען אויפשטיין פאַרטאָג. די הייזלעך זענען געשטאַנען שטיל און אומעטיק. זיי האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך געטוליעט אין די קילע שאָטנס פון דער נאַכט. אויף די דעכער איז געפאַלן די בלאַסע שיין פון דער יונגינקער לבנה, וועלכע איז געהאָנגען ווי אַ זילבערנער „סערפּ״ הינטערן „ראַד״ קראָמען. פון צייט־צו־צייט האָט זיך געהערט ווי פּיוול „קריוואָול״, דער אַלטער קאַליקער וועכטער, גיט סיגנאַלן אויף זיין פייפל.

אין בית־המדרש איז געווען לעבעדיק. מען האָט גלייך געקאָנט זעען, אַז דאָס איז נישט קיין געוויינלעכער משמר. עס האָט קיינער ניט געלערנט, אפילו „בעריל מתמיד״ איז געזעסן אין ווינקל פון ארון קודש, דעם שטענדער צוגעשפּאַרט צו זיך, מיט דער האַנט אין דער צוגעמאַכ־טער גמרא, און געקוקט פאַרטראַכט אין דער וועלט אַריין. אַ סך זענען געשטאַנען אָדער געזעסן אין „קופּקעס״ און גערעדט פון דעם וויכטיקן מאָמענט, וואָס דאַרף בּאַלד אָנקומען. אַנדערע האָבן זיך דערציילט גלאַט אַזוי מעשיות, און ווידער אַנדערע זענען געפאָרן רייטנדיק אויף שטענ־דערס און געפירט מאַנעוורעס אַרום בימה. איך בין געגאַנגען פון איין

קופקע צו דער צווייטער; אַ פּאָר מאָל זיך אַרויפגעזעצט רייטנדיק אויף אַ שטענדער. איך האָב אָבער געפילט, אַז קיין זאַך איז מיר נישט צום האַרץ. עפּעס האָט מיר דער גאַנצער „משמר" אויסגעזען ווי אַ חלול־הקודש. מיר האָט זיך געוואָלט, אַז אין אַזאַ מאָמענט זאָל זיין שטיל. יעדער איינער זאָל זיין מיט זיך אַליין, אום צו קאָנען ביחידות אַריינ־זאַפּן אין זיך די געטלעכע גרויסקייט, וועלכע פירט די זונען און פּלאַ־נעטן אין די שטעגן, וואָס ער האָט פאַר זיי אין הימל צוגעגרייט.

אַז עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט זיך דער עולם גענומען צו די פאַררויכערטע גלעזער. עס האָט זיך יעדער איינער אויסגעזוכט אַ פּלאַץ, וואָס איז נישט פאַרשטעלט אין מזרח, און זיך מכין געווען צו דעם ספּעקטאַקל. איין קאָמפּאַניע איז אַוועק הינטער דער שטאָט אויפן פּוסטן באַרג. איך האָב געזאָלט גיין מיט דער קאָמפּאַניע, כאָטש איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין אַליין. עס איז נאָך נישט געווען טאָג גענוג און איך האָב זיך געפילט אומעטיק.

קומענדיק נאָענט צום פּוסטן באַרג, האָט זיך דער טאָג דערווייל אַ שטיק אַרויסגערוקט. דער מזרח איז געווען מיטנע־רויטלעך, געליאַמעוועט מיט פיאָלעט־ראָזע שטרייפן, וועלכע האָבן זיך צעשפּרייט ווי אַ פעכער ביזן מיטן פון גרין־און בלוי געמישטן הימל. אויף די גראָזן איז געלעגן אַ זילבערנער טוי און פון די בלעטער האָבן גרויסע טראָפּנס, ווי קאַלטע טרערן, אַרויסגעקוקט מיט אַנגסטן צום טאָג.

אַ דינער, דורכזיכטיקער טומאַן איז געווען אויף אַלץ פאַרצויגן. איך האָב געפילט דעם גאַנצן אָטעם פון דער נאַטור. עס איז געווען אַזוי קיל, אַזוי געהיימנישפול!

און באַלד, באַלד האָט געדאַרפט געשעען דאָס גרויסע, אפשר דאָס גרעסטע וווּנדער.

די ליכטיקייט איז געשטיגן גראַדנווייז, מען האָט געקאָנט זען, ווי עס ווערט העלער און העלער. די לאַנדשאַפט איז געוואָרן אַלץ ברייטער און אויסגעשפּרייטער. פון איין זייט איז דאָס דאָרף „אַלעקשיץ" אַרויס־געשווומען פון טומאַן, און פון דער צווייטער, האָט דער וואַלד אָנגעהויבן צו ווערן בולט מיט זיין טיפן גראַנאַט־קאָליר. פייגעלעך האָבן זיך אויפ־געכאַפּט און מונטער, ווי נישט פילנדיק פון קיין זאַך וואָס דאַרף באַלד פאָרקומען, געצווישערט דעם נייעם טאָג אַנטקעגן.

דורכן קאָפּ זענען מיר געלאָפן געדאַנקען:

— הונדערט פינף און זעכציק יאָר זענען אַוועק זינט עס האָט פּאַסירט אַזאַ זאַך וואָס דאַרף אָט באַלד פּאַסירן. אָ, ווי גרויס איז די אייביקייט!? — און נאָך אַמאָל אַזוי פיל יאָר וועלן אַוועקגיין, ביז עס וועט נאָך אַמאָל פּאַסירן דאָס זעלבע וואָס פּאַסירט היינט. ווו וועט פון אונז דאַן אַ זכר בלייבן? ווער וועט אונז דאַן דערמאָנען? ווער וועט אונז געדענקען?

דאָס הארץ איז מיר פול געוואָרן מיט מוטנע, זויערלעכע געפילן. איך האָב געפילט, אַז מיר איז אוממעגלעך צו בלייבן מיט דער קאָמפּאַניע, און בּאַ מיר איז געבליבן אויסצוזוכן אַ פּלאַץ פאַר זיך אַליין.

מיר איז אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק די „קרעניצע" אין סאָד. איך האָב בּאַ זיך געקלערט: אויב מען קאָן זעען די לקוי־חמה אין אַ צעבער וואַסער, וועט מען דאָך אין קרעניצע געוויס קאָנען!?

איך האָב זיך גלייך פאַרקירעוועט אַהין.

די קרעניצע איז געווען זייער טיף. איר אויבערפלאַך האָט געגלאַנצט מיט אַ רויקן שיין. פון איין זייט, וווּ דאָס ווענטל איז געווען נידעריקער, איז אַראָפּגערונען אַ דינינק שטראָמל, האָט זיך געשלענגלט איבער דורכגעוואַשענע שטיינדלעך און קלאָרן זאַמד, ביז עס האָט דערלאַנגט צום טייכל, אונטערן באַרג. זי האָט געשיינט ווי אַ רויקער שפּיגל, פּונקט ווי עס וואָלט אין איר גאַרנישט פאָרגעקומען און איר שטענדיקער אַריבערפליסן וואָלט געווען אַן אייביקע רויקייט. ס'האָט זיך אין איר אָפּגעשלאָגן דער הימל און אַ קרומע צווייג פון אַ נאָענטן בוים.

איך האָב מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פלאַכן שטיין דערביי און געוואַרט.

מיטאַמאָל איז אויף די בוים־שפּיצן געפאַלן די בלאַסע שיין פון דער באַר־וואָס אויפגייענדיקער זון.

און די שיין איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, און וואָס די זון האָט זיך אַלץ העכער געהויבן, האָט זיך די שיין אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט איבער די צווייגן. די גאָר אַלטע גרינע ריזן האָבן שוין אַ העלפט

אין ליכט געשטעקט. ענדלעך האָב איך זי דערזעען אין קרעניצע. איר קאָליר איז געווען פון פריש אויסגעגאָסענעם מעש.

און טאַקע באַלד האָט איר רונדקייט זיך גענומען פאַרפלאַכן, פון דער לינקער זייט. די פאַרפלאַכונג איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ קענטיקער, ביז עס איז אַריינגעפאַלן אין אַ האַלבן קרייז. דאָס געשטאַלט פון דער זון האָט זיך לאַנגזאַם אַזוי געביטן און האָט אָנגענומען די פאָרם פון דער לבנה, ווען זי הייבט אָן צו וואַקסן אויף צוריק. לאַנגזאַם, ביסלעכווייז, איז די זון איינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן, לאָזנדיק בלויז אַ סימן פון איר הויט, — אַ רונדער, דינער, שטרייף מאַטע ליכט איבערן הימל. אַרום איז געוואָרן פינצטער, אָבער טאַקע ווי באַנאַכט, און אַן אומהיימ־לעכקייט איז מיך באַפאַלן. איך האָב מורא געהאַט זיך צו רירן פון פלאַץ. איך בין געזעסן אַ פאַרגליווערטער. אַ ווינטל האָט זיך געטראָגן פון צווייג צו צווייג, איבערגעבנדיק אין דער שטיל סודות פון דער לופטן. די בלע־טער האָבן זיך געשאָקלט אין דער גרויער פינצטערניש, און דורכן גאַנצן סאָד האָט זיך געטראָגן אַ געהיימניספולער אָטעם. עס איז מיר געגאַנגען אַ סקרוך איבערן לייב. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס זענען צוריק־געקומען די „ששת ימי בראשית", ווען גאָט זאָגט אַ וואָרט און אַ גאַנצע וועלט ווערט באַשאַפן.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ האַלב רונדער שטרייף ליכט אויפן פלאַץ פון דער אויסגעלאָשענער זון און דער סאָד איז געוואָרן דורכזיכטיק.

ביסלעכווייז איז דער שטרייף געוואָרן ברייטער און ליכטיקער, ביסלעכווייז האָט די ליכטיקייט זיך ווידער צעגאָסן איבער אַלץ אַרום, ביז דער לעצטער פלעק איז פון דער זון פאַרשוווּנדן.

איך בין אַריין אין שטעטל דורך דער „טייטשער" גאַס. דער מאַרק און דער שול־הויף זענען געווען פול מיט מענטשן. אין דער ברייטער גאַס־ריננע האָט געפליצט וואַסער ווי נאָך אַ שלאַגס־רעגן. עס האָבן שוין אַלע די צעבערס אויסגעגאָסן.

7.

די קינדער־מגפה

פונקט ווי עס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט, געדענק איך עס.

נאָכן דאַוונען איז ר׳ לייב נחמהס, אַ הויכער, בלאַסער ייד, וועמען מען פלעגט תמיד אויפרופן צו „שלישי״, האַסטיק אַרויס פון זײַן ווינקל־שטאָט לעבן ארון־קודש, איז צוגעגאַנגען צום עמוד, האָט מיט דער דאַרער האַנט אַ פּאַטש געטון, אַז די פלאַמען פון די האַלב־אָפּגעברענטע יאָרצייט־ליכט האָבן זיך אַזש אַ צאַפּל געטון, און מיט אַ האַלב־פאַרשטיקט קול אויסגערופן:

„יידן, עס זאָל קיינער דאָס בית־המדרש נישט פאַרלאָזן. ס׳איז דאָ היינט נאָך אַ תפילה צו זאָגן״.

דער עולם, וועלכער איז שוין מערסטנטיילס געווען פאַרטיק מיט צונויפלייגן טלית און תפילין, האָט מיט פאַרוווּנדערונג אָנגעקוקט ר׳ לייבן און מיט געשפּאַנטע בליקן געוואַרט אויף וואָס ער וועט דאָ ווייטער זאָגן. אפילו מאָטעל פּלוט, וועלכער איז שוין געווען מיט איין פוס אויף יענער זייט טיר, האָט זיך אומגעקערט און איז געבליבן שטיין באַם „כיור״ מיט אַן אָפן מויל.

באַ ר׳ לייבן אין געזיכט האָבן זיך געביטן קאָלירן, פון בלאַס־געל צו וואָרעם־רויט. ענדלעך האָט ער אָפּגעהוסט און מיט מער פעסטקייט אין זיין קול האָט ער געזאָגט:

„יידן! מיר מוזן עפּעס טון צו דער מגפה, ר״ל. אונזערע עופּהלעך פאַלן ווי די פליגן. נעכטן איז שוין אויך אַ קימפּעטאָרין געשטאָרבן.

אָ, גאָט, ווי גרויס דיין שטראָף איז (דאָ האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין האַלז. ער האָט זיי אָבער גיך אַראָפּגעשלונגען און ווייטער גערעדט, נאָך מיט מער שטאַרקייט): אונזער שטאָט איז פול מיט חטאים: חלול שבת, גיאוף און אַלע עבירות פון דער תורה, און דער צאָרן גייט אויס צו אונזערע אומשולדיקע עופהלעך. יידן, מיר מוזן בעטן רחמנות, אפשר וועט דער רבונו של עולם צוהערן".

ער האָט געהייסן אויפמישן די תפילה: „אל נא רפא נא".

אין בית־המדרש איז געוואָרן שטיל. אויף אַ ווײַלע האָט מען קיין אַנדערע זאַך נישט געהערט, אויסער דאָס מישן פון בלעטער און דאָס לאַנגזאַמע טיקען פון אַלטן זייגער.

„זאָלן די קינדער זיך צוזעצן באַם טיש און נאָכזאָגן אין דער הייך", האָט ר' לייב געהייסן מיט אַ בעטנדן טאָן. „פון זייערע מײַלער וועט אפשר דער רבש"ע גיכער צוהערן".

באַלד האָבן זיך אַלע קינדער אַוועקגעזעצט אין צוויי לאַנגע שורות, איינע אַנטקעגן די אַנדערע. אַ פּאָר עלטערע מענטשן האָבן זיי געהאָלפן אויפמישן די תפילה, און, מיט ר' לייבן באַם עמוד, האָט זיך גלייך גענומען טראָגן איבערן בית־המדרש אין אַ יאָמערדיקן ניגון: „אל נא רפא נא תחלואי גפן פוריח".

באַם דריטן פסוק איז דער עולם שוין געווען אַזוי צעוואַרעמט, אַז מען האָט געקאָנט הערן פון אַלע ווינקעלעך כליפּען און זיפצן טאַקע ווי יום־כיפור אַליין. איבערהויפּט, ווען עס פלעגט קומען צום רעפריין: „ענני כמו שענית", האָט זיך געטראָגן עפּעס אַ מאָדנער פּחד אין דער לופט.

איך בין געזעסן באַם טיש און נאָכגעזאָגט פון סידור. אַ טיפע ערנסטקייט האָט שווער געדריקט איבער מיין האַרץ און אַ כמעט באַנאַכטיקע מורא איז מיך באַפאַלן. „עופהלעך", „מגפה", און עפּעס אַ מאָדנע אומעטיקע תפילה, מיט אַזאַ קלאָגנדיקן ניגון אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, האָט מיט פאַרבאָרגענע בליקן געוואָרפן אַ שרעק אין מיין האַרץ.

די לעצטע צייט האָט מען אברהמל באַגראָבער טאַקע צו אָפט געזען אין גאַס. דאָ מיט דער „טיטשקע" (מיט וועלכע ער פלעגט נעמען אַ מאָס די טויטע) און דאָ מיט עפּעס אין פאַלע. גראָד נעכטן האָב איך אים באַגעגנט מיט אַ פאַרלייגטע פאַלע, און אַז דאָס ווינטל האָט אַרייננגעבלאָזן און עפּעס אַ ווייסקייט האָט זיך אַרויסגעזעען, האָט מיר געטון

א צוף בא דער נשמה. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס טראָגט ער אַ טויט עופהלע אין ווייסן. און אַז איך בין ענדלעך, אַן אויסגעמוטשעטער פון שרעק, קוים איינגעשלאָפן, האָט זיך מיר געחלומט אַ גרויסער גאָרטן מיט טיטשקעס, נאָר, אַנשטאָט די גרינע סטרוטשעס בעבלעך, האָבן זיך אַרום זיי געדרייט ווייסע סטרוטשקעס, אַזוי ווייס ווי תכריכים־לייוונט, און אַז איך האָב מיינע אויגן גוט איינגעגראָבן אין די ווייסע סטרוטשקעס, האָב איך צו מיין שרעק געזעען ווי זיי ווערן אַלץ גרעסער, גרעסער, ביז זיי זענען געוואָרן אַזוי גרויס ווי דאָס פעקל, וואָס אברהמל באַגראָבער האָט באַטאָג אין פאָלע געטראָגן.

אַז די תפילה האָט זיך געענדיקט און די יינגלעך זענען זיך גיך צעלאָפן, דער אהיים, דער אין חדר, בין איך נאָך געבליבן זיצן באַם ברעג טיש, נישט קאָנענדיק זיך רירן. דאָס פערפּענדיקל פון גרויסן זייגער האָט לאַנג געשפּאַנט פאַרביי די שווערע געוויכטער, הין און צוריק, און דער גרויסער פאַרזשאַווערטער ווייזער האָט זיך פון צייט־צו־צייט געטון אַ רוק איבערן געלן, צעשפּאָלטענעם ציפערבלאַט, געקראָכן אַלץ באַרג אַרויף, ווי ער וואָלט וועלן דעריאָגן דעם קלענערן, וואָס איז גע־ווען שוין נאָענט צו דער 9. אַ גרויסע שפּין האָט פלייסיק געאַרבעט אין געוועב, וואָס איז געווען פאַרצויגן איבער די מעשענע געדערים פון זייגער.

איך האָב געפילט, אַז עס ווערט שפּעט. איך האָב געוווּסט, אַז מיינע חברים זענען שוין אין חדר, אָבער ווי עפּעס וואָלט מיך צוריקגע־האַלטן. איך האָב זיך נישט געקאָנט רירן. דער סידור איז נאָך געלעגן אָפן און די שורות פון דער געהיימנישפולער תפילה האָבן מיך אָנגעקוקט מעלאַנכאָליש. ביז איצט האָב איך גאָר קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס בא אונז אין שטעטל גייט פאָר. איך האָב נישט אָנגעהויבן צו ווייסן, אַז בא אונז איז אַן אמתע מגפה, אַז עופהלעך פאַלן ווי פליגן, און אַז עס האַלט שוין בא קינפעטאָרינס, און אַלץ צוליב חטאים, צוליב עבירות, וואָס גייען בא אונז פאָר.

באַלד האָבן זיך פאָר מיינע אויגן אָנגעהויבן אויסשטעלן אין אַ רייע: משהקע פאַלצער, הענעכקע שוסטער און בערל דער „דאַמסקער", אויף וועמען מען פלעגט שטאַרק מורמלען אין שטעטל, אויך וויכנע די עגונה, מיט וועמען די סאָלדאַטן זענען געווען גאַנצע מחותנים, און האַנולקע

די וועשערקע. איבערהויפּט האָט פון מיר נישט געוואָלט אָפּטרעטן דאָס בילד פון טעווקע קלעזמער, וועלכער פלעגט אָפּטון „כל דבר אסור" און האָט קיין מורא גישט געהאַט פאַר גאָט, נישט פאַר לייט.

איך האָב זיך דערמאַנט אָן דעם שבת פאַר שבועות.

איך און מיינס אַ חבר זענען געגאַנגען צום „פּוסטן באַרג". מיין חבר, וועלכער איז געווען אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר, האָט מיר געוואָלט ווייזן די סקליעפּעס אונטערן באַרג, וועלכע שטאַמען נאָך פון דוּקעס סאַפּיעס צייטן. אַז מיר זענען אַריינגעקומען אַ ביסל טיפלעך אין די הויך־געוועלבטע הייל, האָבן מיר דערהערט אַ גערויש, וואָס איז געקומען פון אַ ווייט ווינקל. אַ שרעק איז אונז באַפאַלן. מיר האָבן זיך גלייך פאַרקירעוועט און אויף די שפּיץ פינגער, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, האָבן מיר גענומען דעם וועג צוריק. דאָס גערויש איז אַלץ אָנגעגאַנגען. עס איז געווען באַגלייט פון אַ פאַרשטיקט געלעכטער און אָפּגעבראָכענע „גוישע" ווערטער.

אַ האַלבע שעה שפּעטער, זיצנדיק אויפן פאַרענטש פון אַגראַד־סאָד, האָבן מיר געזען טעווקע קלעזמער אַרויסקומען פון אונטערן פּוסטן באַרג, זיך אַרומקוקנדיק אויף אַלע זייטן, און אַ ווײַלע שפּעטער איז אַרויס האַנולקע די וועשערקע, פאַרשפּילענדיק דאָס קאָפּטל...

דאָס האַרץ האָט שוין דאַן מיר געזאָגט וואָס פאַר אַן אויסוווּרף טעווקע איז, וואָס פאַר חטאים דערדאָזיקער הפקר־יונג קאָן אָפּטון, אָבער אַז דאָס זאָל קאָנען אַרויסרופן אַ מגפה אויף קליינע קינדער, האָב איך זיך נישט פאַרגעשטעלט, ביז ערשט היינט איינדערפרי.

— און פאַרוואָס שווייגט מען עס טאַקע טעווקען ? און פאַרוואָס טוט מען עפּעס נישט צו די אַנדערע מופקרים ?

איך בין אַזוי געזעסן און געקלערט, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן אָן רבין און אינם חדר, ביז דער זייגער האָט אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט זיין „צודריפּעטן" קול און האָט אָפּגעשלאָגן 9.

דער עולם איז שוין געווען צעגאַנגען. אויסער מיר און ירוחם „זשעטלער", וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ שטענדער און געזוכט אין די אויבערשטע פאַכן פון ספרים אַלמער, איז אין בית־המדרש קיין פּוס נישט געבליבן. די שטענדערס זענען געווען צעשפּרייט אָן אַ טאַלק און אָן אַ לאַד. אייניקע זענען געלעגן האַלב אומגעוואָרפן איבער די בענק.

אַנדערע זענען געווען אַנגעשפּאַרט איינער אָן אַנדערן. זעלטן וועלכער איז אויף זיין אָרט געשטאַנען. די זון האָט מאָדנע דרייסט אַריינגעקוקט דורך די הויכע פענצטער, און אין די ברייטע, ווייסע שטראָמען ליכט, וועלכע זענען געפאַלן משופּעדיק און דערלאַנגט אַזש ביז הינטער דער בימה, האָט זיך געטראָגן אַ דינער שטויב, ווי אויף אומזעבאַרע פליגעלעך, מחנותווייז אַראָפּ, וועמענס עקזיסטענץ, עס האָט אויסגעזעען, הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט די שטראַלן פון דער זון.

ווען ירוחים איז פון שטענדער אַראָפּגעקראָכן, האָב איך זיך פון פאַרטראַכטקייט אויפגעכאַפּט. איך האָב זיך דערמאַנט אָן חדר. דעם רבינס שטרענגער בליק האָט פון דער זוניקער צעגאָסנקייט אַרויסגעשווומען און האָט מיך „ביסטרע" אָנגעקוקט. אַלץ האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן: ר' לייב נחמהס, טעווקע, עופהלעך, קינפּעטאַרינס, אברהמל באַגרעבער. אויף זייער פּלאַץ האָבן גענומען אַרויסשווימען בלאַסע פּנימלעך איינס נאָך דעם אַנדערן. איך גיי זיי ציילן: איינס, צוויי, דריי, און אַזוי ביז ניין. דאָס זענען מיינע חברים, וועלכע זיצן שוין אַלע איבערגעבויגן איבער די גמרות, אין פאַרשטיקטן, פינצטערן חדר, באַם סופר אין שטיבל. מיין פּלאַץ איז דאָרט ליידיק.

— גיכער! — האָב איך אין זיך אַ שטים דערהערט — דו וועסט שוין קריגן פון רבין! און איך האָב מיט גרויס אימפּעט גענומען לויפן.

באַ דער טיר בין איך שטיין געבליבן. אַ כליפּען האָט זיך דער־הערט אין פּאָליש. צוויי ווייבער, איינגעדעקט איבער די קעפּ מיט פּאַטשיי־לעס, האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין בית־המדרש.

מיט וואַקלענדיקע טריט זענען זיי צום ארון־קודש צוגעלאָפן און באַלד האָבן זיך גענומען טראָגן האַרצרייסנדע יללות. די העכערע, וועמען איך האָב דערקענט אָן פּאַטשיילע, אַז דאָס איז באַשע גנענדלס, איז בישט געווען אַזוי דרייסט ווי די צווייטע. זי האָט זיך מיט איר ווייטיק געוואָרגן. אירע אויסגעשרייען זענען אַרויסגעקומען עפּעס ווי צעבראָכע־נע, ווי דערשראָקענע, אָבער די צווייטע האָט זיך געלאָזט מיט אירע קולות אַזש אין זיבעטן הימל אַריין. עס האָבן זיך באַלד גענומען פאַר־זאַמלען מענטשן, און נייגיריקע האָבן זיך איינע די אַנדערע אָנגעקוקט און געפרעגט: באַ וועמען?

איך בין יענעם טאָג אין חדר נישט געגאַנגען. אַז איך בין אַהיימ־
געקומען האָט די מאַמע מיך דערשראָקן אָנגעקוקט, האָט מיין שטערן אַ
טאַפּ געטון און געזאָגט, אַז איך האָב פיבער.

אויף מאָרגן איז דאָס גאַנצע שטעטל געגאַנגען „כאַדאָראָם”. בײַ
באַשע גנענדלס זענען ביידע קינדער געשטאָרבן פון שקאַרלאַטינע...

8.

א נסיון

אין הויז איז שטיל.

א שבתדיקע רויקייט איז אויסגעגאָסן אין יעדן ווינקעלע. דער טאַטע איז נאָר־וואָס אַוועק אין דער „אַלטער מויער״ הערן דעם „מאַזירער״ מגיד, און די מאַמע איז געווען אַריבערן פיר־הויז, אויסהעלפן דער שכנטע אין „צאינה וראינה״. איך בין געבליבן איינער אַליין און האָב זיך געפילט מאָדנע גוט אויפגעלייגט.

איך האָב שוין געהאַט אָפּגעזאָגט „ברכי נפשי״; געמאַכט א רעוויזיע איבערן שפייז־אַלמער, איבער דער קאַמאָד, און טאַקע דערטאַפּט נאָך טייערע זאַכן, דאָרט א קרענצל טרוקענע בארנעס געפונען, און דאָ א זעקעלע מיט טערקישע ניסלעך. — אום עס זאָל זיך נישט לאָזן דערקענען מיטאַמאָל, האָב איך זיי ביסלעכווייז געשלעפּט: א פּאָר בארנעס — עטלעכע ניסלעך, אזוי, אז פון איין מאָל צום צווייטן איז דער אונטערשיד געווען זייער קליין.

אינדרויסן האָט געשיינט א בלאַסע זון. דער פראָסט האָט א ביסל אָפּגעלאָזט פון די שויבן און פון צייט־צו־צייט האָב איך געזען ווי עס פאַלן די אייז־ליכטלעך פון דאַך אַרונטער.

די געלע הון איז אַרומגעגאַנגען מיט א ברייטקייט איבערן הויז, האָט זיך א ביסל אויסגעקוואַקטשעט, דערנאָך האָט זי זיך פאַרקליבן אונטערן טיש, ווו זי האָט געסאַרשקעט מיט די פיס אינם געלן זאַמד און אויסגעפּיקט די ברעקלעך, וואָס זי האָט דאָרט געפונען.

אָ, ווען איך וואָלט געקאָנט אָפּקויפן די טויבן פון בערטשען, — האָב איך געקלערט, קוקנדיק אויף דער הוין, — דאָס גאַנצע הויז וואָלט גאָר אַן אַנדער פנים געקריגן. ער וויל אָבער פאַר זיי צוואַנציק קאָפּיקעס, און ווו נעמט מען עס ?

בערטשע איז געווען אַן אָרים ייִנגל, אַ יתום נעבעך, האָט נישט געהאַט קיין טאַטן. אַ מאַמע האָט ער געהאַט אַ שוואַכע, אַן אויסגעמוטשעטע, שוין פון פיל יאָרן, אַז זי איז אַ ברויט-קנעטערקע, און פון שטיין באַכאַנאַנד איינגעבויגן איבער דער „דייזשע", האָט זיך איר רוקן אויסגעקרימט ווי אַ האַלבע בייגל און איר קאָפּ לאָזט זיך אַלץ אויף אַרונטער. קיין נחת האָט בערטשע באַ איר נישט געהאַט. תמיד געווען קאַרג צו עסן, פלעגט אַרומגיין אָפּגעריסן, אָן אַ ברעקל שוך, און פלעגט גאַנץ אָפט, ווען דער מאַמעס האַרץ איז געווען גוט אָנגעלאָדן, כאַפּן כפול-שמונהדיקע קללות, אַ מאָל אויך אַ קלאַפּ אַלס צוגאָב. עס איז אים נעבעך גאָרנישט געווען וואָס מקנא צו זיין: פונדעסטוועגן איז בערטשע געווען דאָס איינציקע ייִנגל אין שטעטל וועמען איך האָב מקנא געווען. ווען איך פלעג אים אָנקוקן מיט זיינע טויבן (ער האָט געהאַט אפשר זעקס פאָר), ווי אַזוי זיי קריכן אויף אים, עסן באַ אים אין דער האַנט און וואָרטשען אים גלייך אין אויער אַריין, האָב איך געמיינט, אַז קיין גליקלעכערער פון אים קאָן גאָר אויף דער וועלט נישט זיין.

צווישן אַלע מיינע קינדערישע ווונטשן איז דער ווונטש בעווען פון תמיד פון אויבן אָן; צו האָבן אייגענע טויבן; האָדעדען אַ דור יונגינקע טייבעלעך.

אַ פייגעלע האָב איך שוין אַמאָל געהאַט אין הויז, אַ וואָראָביי-טשיקל, האָט עס אָבער לאַנג נישט געלעבט. ווען איך האָב עס אין הויז געבראַכט, האָב איך עס אַריינגעטון אין אַ גלעזערנעם סלאָי, איבערגעקערט מיט דער דעק אַרויף און עס דאָרט געהאַלטן ביז איך האָב צורעכט געמאַכט אַ שטייגל. אויף מאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, זעען וואָס דאָס פייגעלע מאַכט. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז ס'שפרינגט אַרום און ס'פישטשעט. צו מיין גרויס קלעמעניש איז עס געלעגן טויט; דאָס קעפל פאַרוואָרפן, דאָס שנעבעלע פאַרביסן. איך בין אַ גאַנצן טאָג געווען אויסער זיך פון האַרץ-ווייטיק. איך האָב געוווסט, אַז פייגעלעך איז שווער צו האַלטן אין אַ הויז, זיי בענקען נאָכן דרויסן, נאָך די גרינע

צווייגן און לופטיקע גאַסן, דערפֿאַר אָבער, טויבן, געפֿינען זיך באַקוועם אין הייזער. זיי האָבן ליב וואַרעמקייט, זיי האָבן ליב מענטשן. אָבער ווי כאַפּט מען זיי? ווען איך האָב געהערט, אַז בערטשע וויל פֿאַרקויפֿן אַ פּאָר, האָב איך אַ מינוט נישט געוואַרט און אַוועקגעלאָפֿן צו אים. איך האָב נישט געדענקט, אַז ער וועט פֿאַר זיי ביטן אַזוי פֿיל. און ווי האָב איך דאָס געקאָנט נעמען? בעטן באַם טאַטן, האָב איך נישט געקאָנט. איך האָב פֿריער געוווּסט, וואָס ער וועט מיר ענטפֿערן: „וואָס?“ וואָלט ער זאָגן, „מער ווי טויבן פֿעלן דיר נישט? דאָס איז אַן עסק פֿאַר אַ בערטשען אָבער נישט פֿאַר דיר“. — וואָס קאָן מען מאַכן? פֿאַרפֿאַלן!

פֿון קאַטוך, אונטערן אויוון, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ פֿריי־לעך קוואָטשען און אַ הינערשער געמורמל אויף די אונטערשטע טענער. דאָס איז געווען די ראַבע הון. דאָס האָט זי אַ פֿריש איי געמוזט לייגן. אַלע מאָל נאָכן לייגן זיך, פֿראַוועט די ראַבע הון אַזעלכע גדלות.

די געלע הון האָט אויף אַ ווײַלע אונטערגעבראָכן דאָס פּיקן אונ־טערן טיש, האָט פֿאַרוואָרפֿן דאָס רויטע קעמל אויף הינטער, אַרויסגע־שטעלט די אָפּגעפּרעסענע וואָליע און געקוקט מיט קנאה צום טירל פֿון קאַטוך. שוין זייט עטלעכע וואָכן, אַז זי האָט זיך אויפֿגעהערט צו לייגן, און דאָס האָט קענטיק איר פֿאַרשאַפֿט לײַדן. אין איר באַנעמען זיך, פֿלעג איך, דאַכט זיך, זעען, אַז זי איז נישט צופֿרידן מיט זיך אַליין; אַז זי קוקט אויף זיך אַליין ווי אויף אַן אומזיסטע פּרעסערקע, און אי־בערהויפּט נאָך דאַן, ווען די ראַבע הון לייגט זיך און מאַכט נאָכדעם אַזאַ גוואַלדיקן טאַראַראַם.

דידאַזיקע סצענע האָט מיך ווידער דערמאַנט אָן די טויבן. באַ זיי, האָב איך געקלערט, איז גאָר קיין קנאה־שנאה נישטאָ. עפּעס לעבן זיי זיך אַזוי רויִק, אַזוי שטיל, אַזוי פֿרידלעך צווישן זיך.

עס איז מיר אַרויף אויפֿן געדאַנק דער פּסוק פֿון שיר השירים: „יונתי בחגוי הסלע“, און אַ פֿאַרחלומטע בענקשאַפֿט האָט מיך דורכגענו־מען. אַ בענקשאַפֿט צו דער אומבאַקאַנטער צוקונפֿט — די פֿרייהייט, וואָס מען פֿילט זיך, זאָגנדיק שיר השירים, דער אינהאַלט, און אפֿילו דער ניגון האָט מיך דורכגעדרונגען.

איך האָב אַרויפֿגעקלעטערט צום ספֿרים אַלמער, וואָס איז געשטאַ־נען אויפֿן קאָמאָד און גענומען זוכן אַ שיר השירים. איך האָב בריי־

פונאַנדערגעפּפנט ביידע טירלעך און פיר פּאַליצעס ספרים האָבן מיך אַנגעקוקט מיט זייערע שטומע באַגילדטע רוקנס. איך האָב זיך געפילט ווי איך וואָלט געשטאַנען אין אַ מקום קדוש, און דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן קלאַפּן. איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך שטיי אויף די קני אויפן קאַמאָד.

— אויף די קני! מען טאָר נישט! — רעד איך שטרענג צו זיך אַליין.

נישקשה, איין מינוטקעלע, איך גיי שוין אַראָפּ, — האָב איך זיך אַליין פאַרענטפערט. איך האָב אַרויסגעצויגן דאָס ספר און געוואָלט אַראָפּ־שפּרינגען. מיט אַמאָל גיט עפּעס אַ בליץ אין ווינקל אויפן דריטן פאַך. איך גיב אַ קוק, אַ קופּקעלע זילבער־געלט איז פאַרוקט אין סאַמע ווינקל, קענטיק, ווי עס האַלט דאַרטן שבת.

איך בין אַזוי געבליבן שטיין אויף די קני פאַרטראַכט אַ היפּשע צייט, און אומבאַוווּסט האָט עפּעס אַ געדאַנק אין מיר מאָדנע גע־אַרבעט.

— זעסט, רעדט עפּעס אַ שטימע צו מיר, אָט ליגט אַ צוואַנציק־קאָפּיקע פון סאַמע אויבן.

איך האָב אָבער מורא געהאַט צו הערן ווייטער און האָב זיך שנעל אַראָפּגעכאַפּט פון דער קאַמאָדע און אַריינגלאָפן אין צווייטן צימער.

די שטימע האָט מיך אָבער נישט אָפּגעלאָזט. זי האָט נישט אויפ־געהערט צו רעדן צו מיר: זעסט, סאַראַ נאַר דו ביסט, וואָס איז אַז דו'סט נעמען אַ צוואַנציק קאָפּיקעס, דו גייסט עס דען נעמען פאַר זיך, וואָס? וועסט דאָך דערפאַר ברענגען אַ פאַר טויבן אין הויז...

— אָבער, ס'איז דאָך שבת! פּרוּוו איך זיך בעטן בײַ זיך אַליין.

— עס מאַכט נישט. מען מוז עס נישט צונעמען דווקא איצט. מ'קאָן שוין קריגן אַן עצה, אַז מען זאָל נישט דאַרפן עובר זיין אויף חלול־שבת.

איך האָב געזעען, אַז דער יצר־הרע האָט זיך צו מיר גענומען זייער פעסט. איך האָב זיך פלוצלינג אָנגעטון אַ כּוח און אַוועק פון הויז. איך האָב געוואָלט גיין אין בית־המדרש אַריין, אַרויסצומאַכן זיך פון דער עבירה.

ווען איך בין אָבער געקומען צום שול-הויף, האָט מיך דאָס האַרץ גענומען שלעפּן אויף צוריק, ביז עס האָט מיך געבראַכט ווידער אין הויז אַריין. דער אַלמער איז נאָך געשטאַנען אָפן. באַם אַראָפּשפּרינגען האָב איך פאַרגעסן פאַרמאַכן די טירלעך.

אַז איך האָב אַ קוק געטון אין ווינקל ווו דאָס געלט איז, האָט מיך אַ טיאַכקע געטון אין האַרץ.

— לאָמיר כאָטש אַ קוק טון, וויפיל דאָרט איז פאַראַן. דאָס קאָן מען דאָך, נישט דאַרפנדיק עס אָנרירן — האָב איך באַ זיך אַליין זיך געבעטן.

איך בין ווידער אַרויף אויף דער קאַמאָדע. מיין פוס האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ שטיק פּאַפּיר. עס האָט געטון אַ טרוקענעם קנאַק און איז אַרונטערגעפאַלן אויף דער ערד.

עס האָט זיך מיר אין האַרץ אָפּגעריסן. איין עבירה איז שוין דאָ, האָב איך אין פאַרלעגנהייט געקלערט. נאָר, מען קאָן עס דען כאַפּן צוריק ?

איך האָב זיך צוגערוקט נאָענט צו דעם קופּקעלע געלט און גענומען ציילן. פריער פון אונטן אַרויף, דערנאָך צוריק פון אויבן אַראָפּ. עטלעכע מאָל האָב איך אַזוי געציילט מיט די אויגן הין און צוריק, ביז באַ מיר איז קיין ספק נישט געווען פון דער סומע וואָס דאָרט געפינט זיך. איך בין געווען זיכער, אַז עס וואָלט גאָרנישט זיין קענטיק, ווען איך נעם אַרונטער אַ צוואָנציק-קאָפּיקענע.

— אהין אָדער אהער ! הער איך פּלוצלינג אַ קול אין מיר; די קניען פאַרחלשן באַלד.

— שאַ ! הער איך ווי אַן אַנדער קול הייבט אָן צו מיר רעדן געלאַסן. דער טאַטע האָט דעם לעצטן חנוכה געוווּנען צוויי רובל מיט צוואָנציק קאָפּיקעס אין קאָרטן, זאָל זיך דאַכטן, אַז ער האָט געוווּנען צוויי רובל גלייך. די צוואָנציק קאָפּיקעס זאָלן גיין פון דעם קאָרטן-געלט.

טאַקע אַ גלייכע זאַך, געפעלט מיר דער איינפאַל.

אָבער גנבה איז עס דאָך אַלץ, טענהט אין מיר דאָס ערלעכע געוויסן.

— גנבה! ס'איז דאָך דעם טאַטנס. וואָרים, אַז ווען עס וואָלט גע־ווען פרעמדס, וואָלט מיר אַזאַ זאַך גאָר איינגעפאַלן צו טון?

— נו, אַז דעם טאַטנס? און טאַמער האָט דער טאַטע דאָס נאָך געציילט?

עס איז מיר ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן אַ געדאַנק דורכן קאָפּ. כ'בין געפאַלן אויף אַ טייערער עצה.

איך האָב גענומען אַ ספר, אַראָפּגעשאַרט די אייבערשטע מטבע פון די ספרים, אַזוי, אַז עס זאָל זיך גאָרנישט אַרויסזען. און איך האָב גע־קלערט: איך וועל וואַרטן ביז באַנאַכט אָדער ביז מאָרגן. וועט דער טאַ־טע זיך כאַפּן, וועל איך אים העלפן זוכן און טאַקע אַזוי צעשאַרן די ספרים, אַז ער אַליין זאָל עס געפינען. און אויב ער וועט זיך נישט כאַפּן, וועל איך עס אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום אַרויסנעמען און ברענ־גען אַהיים די טויבן. איך וועל שוין געפינען וואָס צו זאָגן. בערטשע וועט נישט דערציילן, אַז איך וועל אים בעטן.

פּאַרטיק געוואָרן, האָט מיר דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן. איך האָב זיך גענומען טומלען און נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך.

איך בין אַרונטער פון דער קאַמאָד, גענומען דעם שיר השירים און אַריין אין צווייטן צימער.

אַז איך האָב זיך אָוועקגעזעצט באַם טיש, האָב איך דערזעען מיין פּנים אין דעם שפּיגעלע, וואָס איז געהאָנגען אַקעגן אויף דער וואַנט. ס'איז געווען אינגאַנצן רויט און צעשראָקן.

— פּונקט ווי באַ אַ גנב! — האָט מיר מיין געוויסן שטיל אַריינ־געשושקעט.

איך האָב זיך געשעמט אויפצוהייבן מיינע אויגן אַקעגן.

— גנ... גנ... — האָט מיך עפּעס געגריזשעט אין געדאַנק.

איך האָב איבערגעלאָזט דעם שיר השירים אויפן טיש און אַרויס אין גאַס. אַ היפּשע צייט בין איך געגאַנגען, נישט וויסנדיק ווו איך גיי. מיטאַמאָל בין איך געבליבן שטיין. איך זע, איך בין פאַרקראָכן אַזש הינטער דער שטאָט, לעבן בערטשעס איינגעפאַלן הייזל.

אין הייזל איז קיינער נישט געווען, נאָר אַז איך האָב גוט אַריינ־געקוקט דורך די קליינע שייבלעך, האָב איך געזען ווי אַ גאַנצע משפּחה טויבן און טייבעלעך פאַרברענגען זיך אין דער האַלב־טונקלקייט איבערן

גרויסן אויוון, אייניקע זענען, קענטיק, גוט אויפגעלייגט, מאַרשירן זיך געמיטלעך איבערן הויפּן שמאַטעס, אַנדערע זיצן פאַרטראַכט און נודען זיך מיט די קעפּלעך אונטער זייערע אייגענע פליגעלעך. דאָס וואָרטשען האָב איך נישט געקאָנט הערן, נאָר איך האָב זיך עס שוין פאָר־געשטעלט.

אַז די קעלט האָט מיך גוט דורכגענומען, האָב איך זיך אומגעקערט צוריק. יידן זענען שוין געגאַנגען פון מנחה. די זון האָט זיך גענומען זעצן און דער הימל איבער דער גאַנצער מערב־זייט האָט זיך גענומען פאַרציען מיט אַ רויטקייט. איינס נאָך דאָס אַנדערע האָבן זיך די ליכטיקע, העלע וואָלקנדלעך פאַרוואַנדלט אין רויטע פלעקן, און אין אַ קורצער צייט, האָט דער גאַנצער הימל זיך צעפלאַקערט אין איין קאָלטן, העלישן פלאַם.

מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט פאַרזאָרגט אויפן אימהדיקן הימל. ס׳צייגט אויף מלחמות. — האָבן אייניקע ערנסט געזאָגט.

— יאָ, יאָ, אָבער ווער מיט וועמען? — האָט עמעצער מיט אַ טרויעריקן טאָן געפרעגט.

— אַז מיר וועלן עלטער ווערן, וועלן מיר וויסן! — האָט ווער פון הינטן געענטפערט, עס וועט זיך שוין גיסן בלוט, רחמנא ליצלן...

עס האָט מיך מאָדנע דורכגענומען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַ טיפער בייזער בליק קוקט דורך דורכן צאָרנדיקן הימל מיר גלייך אין האַרץ אַריין; אַז, נאָר צוליב מיינע עבירות היינט, גיסט דאָס גאָט אויס זיין צאָרן אויף דער וועלט. עפּעס אַ קלייניקייט: חלול שבת! גנבה! וואָס איז, איז דאָס נישט גנבה? יאָ, אמתע גנבה, גנבה!

אין בית־המדרש האָט מען שוין געדאַוונט מעריב. דער שמש צינדט שוין אָן די ליכט און גרייט זיך שוין צו מיט דער הבדלה. אָט באַלד, נאָך אַ פּאָר מינוט איז אויס שבת. דער טאַטע האָט זיך שוין גענומען קלויבן אַהיים.

די רויטקייט פון הימל איז ביסלעכווייז אויסגעלאָשן געוואָרן. אַש־קאָלירנדיקע וואָלקנס האָבן זיך מיד אַרומגעשלעפּט. אַ שימער פון אַ שטערן האָט זיך וועץ נישט דורכגעוואָרפן דורך זיי.

גייענדיק אַהיים איז מיין באַשלוס געווען פעסט: נישט דערלאָזן זיך צו זיין אַ גנבֿ און עס מעג זיין וואָס עס וויל, איז אָן טויבן! נו, וואָס קאָן מען העלפן.

אַריינקומענדיק אין הויז בין איך גלייך צוגעלאָפן צום ספרים־אַלמער און שטיל, קיינער זאָל נישט באַמערקן, האָב איך אַרויסגעשלעפט די מטבע פון אונטערן ספר און אַוועקגעלייגט עס צוריק פון אויבן אויף דער קופּקע.

איך האָב פריי אָפּגעאָטעמט. עס האָט זיך מיר ווי אַ שטיין פון האַרץ אַראָפּגעקייקלט. אָבער פאַר די אויגן האָט מיר מאָדנע געשווינדלט. עס האָט זיך מיר געדאַכט ווי אַ פּאָר טויבן לויפן אַרויס פון הויז, מרוקען און וואָרטשען עפּעס אַזוי סודותדיק און לויפן ווייט, ווייט אַוועק...

9.

צו הקפות

אַ גאַנץ יאָר פֿלעגט מען אין שול זען בלויז דעם יונגן עולם, די שוואַכע דאַווענערס, וואָס קומען נאָר אָפּפּטרן דאָס דאַווענען און אַנטלויפֿן. שבת, ווען אין די בתי־מדרשים האַלט מען נאָך באַם לייענען אָדער באַם אָנהייב מוסף, פֿלעגט מען אין שול שוין אויפֿלייגן די טליתים און זיך איילן אַהיים. אפֿילו שבת־מברכים, אָדער יום־טוב, ווען דער חזן מיט די משוררים פֿלעגן דאַווענען, איז מען דאָרט אויך אַרויס נישט שפּעטער ווי פֿון די בתי־מדרשים, ווייל די שול־מענטשן האָבן זיך פֿון תמיד אָן דער־לויבט געוויסע פּריווילעגיעס, דעם „פּאַרנט״ פֿון דאַווענען האָט מען שטענ־דיק געקריוודעט; פֿון שחרית האָט מען אויך נישט געמאַכט קיין צו גרויס חזון. מען פֿלעגט אָוועקשטעלן שלמה דעם טשעסלער און ער פֿלעגט עס אָפּמאַלן אַזוי ווי אין אַ מיל, און אום יום־טוב פֿלעגט מען דאָרט גאַנצע שטיקער פּיוט אַרויסוואַרפֿן, אַז עס איז פּשוט געווען אַ רחמנות אויפֿן מחזור. ווינטער פֿלעגט מען אינמיטן וואָך די שול גאָרנישט עפֿענען, ווייל דאָרט איז געווען קאַלט ווי אין אַ ליאַדאָווניע, און אויך זומער האָט מען זייער אָפּט דאָרט נישט געקאָנט צוזאַמענקלייבן אַ מנין. פֿרימאָרגנס איז די לופֿט דאָרט געווען בייסנדיק־קיל אפֿילו אין תמוז, און אַז מען פֿלעגט פֿאַרקאַשערן דעם אַרבל צו לייגן תּפֿילין, פֿלעגט אַ סקרוך אַריבער איבערן לייב און דער אָפּגעבלויזטער אָרעם האָט זיך אויסגעשאָטן אין דראָבנע פּינטעלעך. פֿון דער פּאַדלאָגע, וועלכע איז געווען אַ סך טיפֿער ווי דער שול־הויף, און וועמענס ברעטער עס זענען נישט צוגעגאַנגען איינס צו

דעם צווייטן, האָט זיך געלאָזט שפּירן דער קאַלטער אָטעם פון דער ערד, און פון היכן, נישט אויסגעוועלבטן סופיט, האָט אַראָפּגעדריקט אַ מאָדנע קילע פוסטקייט.

די לאַנגע אויסגעצויגענע פענצטער זענען געשטאַנען גאַנץ הויך אין די ווענט, פיל נעענטער צו די קראָקווען ווי צו דער פּאַרובע, און די זון האָט דורך זיי קיינמאָל נישט געקאָנט דערלאַנגען אונטן צום עולם. דאָס בעסטע וואָס זי האָט געקאָנט טון איז געווען, אַריינצוקוקן אין די פענצטער פון דרום-זייט אויף דער גרויער, רוי-געטינקעווען צפון-וואַנט, אָדער באַשיינען אַ וועלכע גאַלקע אָדער סלופּ פון דער היכער, נישט געפּאַרבטער הילצערנער בימה, וואָס איז געשטאַנען אין רעכטן מיטן שול. דער איינציקער פּלאַץ וווּ די זון האָט געקאָנט צוקומען צו מענטשן, איז געווען די ווייבערישע שול, וועלכע איז הינטן, אין מערב, אינדערהייך איבערן פּאָליש. אָבער עס איז דאָרט זעלטן ווען געווען פאַר וועמען צו שיינען.

איבערהויפּט האָט זיך אין שול נישט געפילט די באַשטענדיקייט, דאָס איינגעפונדעוועטע באַלעבאַטישקייט ווי אין בית-המדרש. די „שטעט" זענען געווען הפקר, דעם שבת האָט פאַרנומען אַ שטאָט איינער, און איבער אַכטאָג אַן אַנדערער. עס האָט אויסגעזען ווי קהלשע, און ערשט אין די ימים נוראים האָט מען געקאָנט זען ווער עס זענען דאָרט די אמתע באַלעבאַטים.

אָבער אַז ס'פלעגט קומען שמחת תורה באַנאַכט, פלעגט פלוצלינג פאַרשווינדן פון דער שול איר קאַלטער, גלייכגילטיקער אויסזען, און אַזוי ווי אַ וואַרעמער, פריילעכער, פול מיט לעבן קלאַפּנדיקער אָטעם וואָלט געשטראָמט פון אַלע ווינקעלעך און אָנגעפולט די הערצער מיט לעבן.

שמחת תורה איז די שול געווען דער צענטער פון לעבן און לוס-טיקייט אין שטעטל.

וווּ נאָר עס איז געווען אַ פּלאַץ אויפֿצושטעלן אַ קאַרטאָפלענעם לייכטער, האָט געברענט אַ ליכט; וווּ נאָר אַ באַלקן, אַ קראָקווע אָדער אַ סלופּ, איז געווען צוגעטשעפּעט הענגלייכטער, פון שטעקעלעך מיט אויס-געהוילטע קאַשטאַנעס אָדער קאַרטאָפל, וווּ עס האָבן געשטעקט ברענענ-דיקע ליכטלעך. ווי שטערן אין הימל האָבן זיי געפינקלט אינדערהייך

און די גרויסע הענגלייכטער מיט די גרויסע סטעאַרינאָווע ליכט, און די פיר גרויסע בליץ־לאָמפּן האָבן אָנגעפילט אַלע ווינקעלעך מיט ליכט.

אַלע פּנימער האָבן געשיינט. מען האָט געקאָנט זעען ווי יעדער איינער איז אָנגעשטעקט מיט פרייטלעכקייט. יונג און אַלט, פרום און פריי, יעדער פילט זיך ווי אויפגעלעבט.

ס'איז אַ תיקון אין שטעטל, אַז שמחת תורה באַנאַכט דאַוונט דער רב אין שול. דאָס איז דאָס איינציקע מאָל אין יאָר, וואָס דאָס ווינקל פון דער רעכטער זייט ארון קודש איז פאַרנומען.

און צוזאַמען מיטן רב קומט אויך זיין גאַנצע סוויטע און גלאַט פרומע יידן פון די אַנדערע בתי־מדרשים, וועלכע וואָלטן אַזוי אין שול נישט געקומען.

היינט קאָן מען דאָרט זעען אין דעמדאָזיקן אָוונט רויטע, בלויע, ווייסע און אַלערליי אַנדערע קאָלירן פון קליידער, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן צווישן די מוטנע, טונקעלע, גאַרנישט זאָגנדיקע קאָלירן פון זאַכן, וואָס מענער טראָגן.

מיידלעך, קליינע, מיטעלע, און אפילו כלה־מיידן קומען אונטן, גלייך מיט אַלע מענער. אמת, זיי גייען נישט ווייטער, ווי ביז צו דער בימה, אָבער דאָרט מישן זיי זיך צווישן די מאַנסבילן, ריכטיק ווי עס וואָלט געווען אויף אַ „זמירות".

דאָס קומען זיי זעען די „הקפות", קושן די ספרי תורות און נע־מען אָנטייל אין דעם פרייטלעכן אָוונט.

פאַר די יונגעלייטלעך איז דאָס אַ גאַנצע שמחה. ווער נאָר עס קאָן, פאַרקלויבט זיך הינטער דער בימה; מען צעטיילט זיך אין קופּקעס, מען וואַרפט אויגן צו די מיידלעך. אַנדערע, כוואַטעס, שעמען זיך נישט און טשעפּען מיט די מיידלעך גאַנץ אָפן.

אַז עס קומט די צייט פון הקפות, און די מיידלעך טרעטן צו צו קושן די ספרי תורות, כאַפּט זיך אַמאָל אונטער אַ ווילער יונג און שטעלט אונטער אַ האַנט, אויף וועלכע עס שטעמפּלט זיך אָפּ דעם מיידלס קוש. דאָס מיידל ווערט רויט, די יינגלעך און בחורימלעך מאַכן אַ גאַנצן טאַ־ראַראַם, אי, אי, אי! אַ קוש געטון אַ בחורס האַנט! דאָס מיידל ווערט אָבער נישט אָפּגעשראָקן און צילעוועט זיך צו אַן אַנדערע ספר תורה. און

וואָס די מיידלעך דריקן זיך אַלץ מער צו די ספרי תורות, אַלץ מער רוקן די יינגלעך די הענט זייערע צו כאַפּן די קושן, און טאָמער גליקט עס נישט, זוכן זיי כאָטש אַזוי אָנצורירן אַ מיידל, באַם האַנט, באַם צאָפּ, אָדער כאָטש באַ דער בלוזקע. עס פלעגן זיין די גליקלעכסטע מינוטן פאַר די בחורימלעך.

דאָס יאָר איז די שול געווען באַלויכטן מער ווי אַלע יאָר. דער נייער הענגלייכטער, וועלכן ר' מאָשע דעם גבירס ווייב האָט מנדב געווען, איז געהאָנגען איבערן רעכטן מיטן בימה, און זיינע אַלע דריי גאָרן-רערן זענען געווען אָנגעשטעקט מיט האַלב-פונטיקע ליכט, וועלכע האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסן קלומפּער פייער. עס האָט זיך יעדער איינער געחידושט איבער דעמדאָזיקן ליכטיקן ריז.

— נו, צו וואָס דערעטשין האָט דערלעבט! — האָב איך געהערט עפּעס אַ יונגן באַלאַבעסיל זאָגן — אַזאַ הענגלייכטער פּאַסט זיך כאָטש פאַר אַ ווילנער שול!

— ניש—קשה, — האָט עמעצער, פון אַ זייט, געענטפערט — מיט אונזער שול האָבן מיר זיך גאָרנישט וואָס צו שעמען. איך האָב דאָך עפּעס אָנגעזעען אַ וועלט, אָבער אַ סך אַזעלכע שולן האָב איך נישט געזעען.

באַ אַזעלכע געשפּרעכן פלעג איך תמיד אָנשטעלן נאָז און אויערן און צוהערן מיטן גרעסטן אינטערעס. דאָס מאָל, אָבער, האָב איך געפילט, ווי פון איין אויער גייען זיי מיר אַריין און פון צווייטן אַרויס. איך הער בעמען פון שטעט, מענטשן, זאָכן און אַזוי ווייטער, אָבער איך פיל, אַז פאַר מיר האָבן זיי איצט קיין באַדייטונג נישט. מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווענדט הינטער דער בימה-צו. יעדע פאָר מינוט כאַפּ איך דאָרט אַ קוק. עס איז אָבער נאָך צו פרי.

— וועט זי אויך קומען צו הקפות? — האָט מיך אַ פראַגע שוין פון עטלעכע טעג געטאָטשעט.

מיינע אויגן-דעקלעך האָבן זיך גערירט ווי אויסגעמאַטערטע, פּונקט ווי עפּעס אַ משא וואָלט אויף זיי געהאַלטן אין איין דריקן. מיין האַרץ

האָט שטאַרק געקלאַפּט און מײַנע געדאַנקען זענען געװען פאַרטומלט און װי אין אַ טשאַד.

פון תּשעה־באבֿ אָן האָב איך חיהקען נישט געזען, פון יענעם טאָג אָן, אין װעלכן מײַן קינדעריש האַרץ האָט אין זיך דעם ערשטן אָטעם ליבע אַרײַנגעזױגן, און מײַן געמיט האָט זיך פּלוצלינג געפילט אין אַ מאָדנעם צושטאַנד, װעלכער האָט מיך אַרומגענומען מיט נעפּלהאַפטע סודות. אָבער פון דאַן אָן איז זי אויף אײן מינוט פון מײַן פאַנטאַזיע נישט אָפּגעטרעטן. איר בלאַס פּנים, אירע פּעך־שװאַרצע בלישטשענדיקע אויגן, און אירע שװאַרץ־געקרײזלטע קורץ־געשוירענע האָר, האָבן מיך געהאַלטן פאַרכּשופט; איר רויטע בלוזקע און ראָז געשטרײַפט קורץ קלײדל, װעלכע זי האָט דאַן געטראָגן, האָבן זיך נישט געלאָזט אָפּטשעפּען פון מײַן בליק. װו איך פלעג געבן אַ קוק, איז חיהקע געװען דאָס ערשטע, און דאַן דער געגנשטאַנד אויף װאָס איך האָב געקוקט. איבערהױפּט די אויגן אירע, זײ האָבן מיך אויף אַ מינוט נישט אָפּגעלאָזט. — איך האָב געלערנט, געלײענט אַ ביכל, האָבן זײ זיך אַרומגעפּלאָנטערט צװישן די שורות, צװישן די װערטער און מיך פאַרטומלט. די גליקלעכסטע מינוטן פלעג איך דורכלעבן, װען איך פלעג שלאָפן גײן. קוים פלעג איך זיך אַנידערלײגן, אַזוי האָט שוין מײַן פאַנטאַזיע אָנגעהױבן צו מאָלן גן־עדן־בילדער פאַר מײַן גײסט, װו איך און זי זענען געװען די אײנציקע לעבעדיקע באַשעפּענישן... — מיר זיצן זיך בײדע אין װאַלד, אויפן זעלבן פּלאַץ װו מיר האָבן תּשעה־באבֿ צוזאַמען יאַגדעס געקליבן. מיר זיצן אַזוי נאָענט אײנער צום צװײטן, אַ סך נענטער װי דאַן... און קוקן זיך אָן מיט אָפענע אויגן. נישט װי דאַן, װען אונזערע בליקן פלעגן זיך באַגעגענען, האָבן זײ זיך גלײַך צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט; — איך נעם זי אָן בײַ דער האַנט און איך פּרובֿיר אין מײַנע געדאַנקען זיך פאָרשטעלן דאָס געפיל, װאָס נעמט מיך דורך, װען איך האַלט איר װײַך, װאַרעם הענטל אין מײַנער. איך נעם זי אָן בײַ דער אַנדערער האַנט, קוק איר אַרײַן טיף אין די אויגן. זי קוקט מיך אָן פאַרשעמט, װערט רויט און גיט אַ צעטומלטן ציטער. אירע ליפּן באַװעגן זיך, זי װיל עפּעס זאָגן, האָט אָבער נישט דעם מוט... מײַן מוט װערט דורך דעם שטאַרקער. „אָ, חיהקעלע!“ רוף איך אויס מיט אַנטציקונג „האָסט מיך ליב אַזוי װי איך דיך?“ זי װערט בלאַס. איך לאָז

אָפּ אירע הענט און וואַרף זיך מיטן פּנים צו דער ערד; מיינע אויגן ווערן פאַרלאָפן מיט טרערן און מיין האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק, אַזוי גיך. מיין קאָפּ איז אַזוי מיד, אַזוי צעווייטיקט. איך זוך פאַר אים עפּעס אַ פּלאַץ. איך לייג אים דאָ, איך לייג אים דאָרט, ביז איך פאַרקריך מיט אים אויפן ברעג פון איר קליידל. — דער ריח פון די נייע קאַרטון גיט מיר אַ האַק אין נאָז. אַ פרישער שטראָם לויפט דורך מיין האַרץ: איך פיל ווי עס עפנט זיך אויף פאַר מיר אַ נייע וועלט, מיט אַ ניי לעבן, פון וועלכן כ'האָב ביז נישט לאַנג צוריק גאָר קיין באַגריף נישט געהאַט. עס ווערט מיר אַזש הייס. — איך וויל זיך צודריקן צו איר, פילן איר וואַרעמען, פרישן קערפּער, אויסקושן אַלע גלידער אירע. איך ווער אָבער פאַרשעמט פאַר מיין אייגענעם געדאַנק און לאָז אַראָפּ מיינע הענט אָנמוטיק, און קוק זי אָן מיט אַ בליק, וואָס בעט רחמנות.

אָט אַזוי פלעג איך תמיד אָנהייבן מאָלן דאָס בילד, פון דער זעל־ביקער סצענע. גאַנץ אָפט, פלעג איך אויסקלערן נייע אומגעבונגען, נייע פּאָזיציעס, אָבער אַזוי נאַטירלעך זיך פילן, ווי בײַ דערדאָזיקער סצענע— אויף יענעם פּלאַץ אין וואַלד, וווּ מיר האָבן טאַקע באמת איינמאָל צו־זאַמען געזעסן — האָב איך בײַ קיין פאַל נישט געקאָנט. איך פלעג אָפט ווערן צעטומלט, נישט קאָנענדיק זיך שאַפן אַ שפּאָגל־ניי פאַנטאַזיע־בילד. און פלעג זיך אומקערן צוריק צו דערדאָזיקער סצענע, וועלכע איך האָב אַזוי גוט איינגעחזרט, אַז עס איז מיר פאָרגעקומען, אַז מיר האָבן עס אין דער אמתן טאַקע צוזאַמען דורכגעלעבט, און אַזוי פלעג איך כמעט יעדע נאַכט איינשלאָפן.

עס האָט זיך געהערט אַ פּאַטש איבערן עמוד און דעם גבאַיס קול, וועלכער האָט אָנגעזאָגט, אַז דער „טאָרג" אויף „אתה הראית" הייבט זיך אָן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט „דריי גילדן און צען גראָשן" און איז אַזוי ביסלעכווייז געשטיגן, צענגראָשנדיקערווייז, ביז עס האָט דערלאַנגט זעקס און דרייסיק גילדן. געקויפט האָבן עס צוויי שכנים ישובניקעס,

בשותפות. פיר פסוקים האָבן זיי פאַרטיילט: צום רב, צו ר׳ מאָשע און נאָך אַ פּאָר שיינע בעל־עבאַטים, און דאָס איבעריקע האָבן זיי געהאַלטן פאַר זיך. זיי האָבן „געהאַקט" עברי אויף וואָס די וועלט שטייט, און דער עולם האָט נאָכגעזאָגט און צוגעשמייכלט איבער דער דאָרפישער עברי.

שטייענדיק לעבן פעטער און זאָגנדיק מיט אים פון איין מחזור, האָב איך באַמערקט ווי אַ פּאָר בחורימלעך פון אויבנאָן הייבן זיך אָן צו רוקן הינטער דער בימה. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָרט מוזן שוין זיין מיידלעך. מיין האַרץ האָט מיר אַזוי אָנגעהויבן צו קלאַפּן. עס האָט מיר געזאָגט אויף זיכער, אַז חיהקע איז שוין דאָרט פאַראַן, נאָר איך האָב זיך נישט געקאָנט באַשליסן אַרונטערצוגיין; איך האָב מורא געהאַט, טאָמער איז זי דאָרט נישטאָ. עס איז מיר געווען ליבער צו שטיין דאָ און זיך פאַרשטעלן, אַז זי איז דאָרט יאָ פאַראַן — אַזוי נאָענט צו מיר...

ענדלעך האָב איך זיך אָנגעטון אַ כוח און צוגעגאַנגען נענטער צו דער בימה. איך האָב זיך געשטעלט אין אַ ווינקל, צווישן צוויי סלופּעס, פונוואַנען איך האָב געקאָנט זעען די גאַנצע קאָמפּאַניע מיידלעך, וועלכע זענען געווען אַלע אויף איין זייט. עס זענען אָבער דאָרט געווען אַזוי פיל, אַז מען האָט נישט געקאָנט זעען אַלע קלאָר. איך האָב געזוכט מיט די אויגן איר רויטע בלוזקע און ראָזע קליידל. עס איז אָבער דאָרט אַזוינס נישט געווען.

ווען איך בין צוגעקומען נענטער צו די מיידלעך, מאַכנדיק זיך ווי איך גיי נאָר פאַרביי, הער איך ווי איין מיידל זאָגט: — חיהקע, זעסט! אָט איז שלמהקע! קיין ענטפער האָט זיך נישט געהערט, אָבער איך האָב געפילט די פאַרלעגנהייט אין וועלכער זי האָט זיך געפונען, און פון וועלכע עס האָט אויך מיין פנים געפלאַמט.

חיהקע איז געזעסן אויף אַ באַנק מיט איר חברטע הינטער דער גאַנצער קאָמפּאַניע מיידלעך. זי האָט געטראָגן אַ ווייס קליידל מיט אַ שוואַרצער שלייף בא דער ענדע פון אָפּגעלייגטן מאַטראָסן־קאָלנער. אויף איר ברוסט האָבן זיך שוין געזען סימנים פון פריילין. זי האָט אויסגעזען אַ סך בלאַסער ווי תשעה באב אין וואַלד. אירע אויגן האָבן אויסגעקוקט גרעסער און גלאַנציקער. איך האָב זי אָנגעקוקט, זי מיך, און באַלד זענען אונזערע בליקן פאַרגליווערט געוואָרן אין דער לופטן.

— אָ, וואָלט די חיסן וואָס איך שטעל זיך פאָר פון איר, אימער, חען איך גיי שלאָפן, וואָס וואָלט זי פון מיר געדענקט? — איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק און ס'איז מיר וואָרעם געוואָרן אין געזיכט. אַזוי הייסט זי שוין אויך, אַז איך בין גאָר נישט אַזאַ שטילינקער ווי מען האַלט מיך. אַז איך האָב זי דאָן, אין וואַלד, אָנגענומען בלויז בײַ דער האַנט, האָט זי אויף מיר אַ קוק געטון מיט אַזאַ מינע, ווי איינער זאָגט: פּע, פאַר דיר פּאַסט עס נישט! היינט נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס איך דערלויב זיך צו טראַכטן פון איר...

עס האָט זיך מיר אָנגעהויבן מישן אין קאָפּ. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע קוקן אויף מיר און זעען אַלץ וואָס עס קומט אין מיר פאָר. יעדע סעקונדע איז פאַר מיר געווען אַן אייביקייט. איך האָב נישט געוווסט מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן.

צום גליק איז צוגעקומען מיינס אַ חבר, און מיר האָבן זיך פאַררעדט פון אַנדערע זאַכן. איך האָב זיך געפילט אַ ביסל צעשטרייט.

דערדאָזיקער חבר האָט זיך גוט געקענט מיט חיהקען און מיטן צווייטן מיידל, וואָס איז מיט איר צוזאַמען געזעסן. ער איז צוגעקומען צו זיי. איך האָב זיך אים כמעט ווי נאָכגעשלעפּט.

באַלד האָט זיך אַנטוויקלט אַן אַלגעמיינער שמועס, און איך האָב אין חיהקעס אויגן באַמערקט אַ שעמעוודיקע צופרידנקייט. איך האָב עס גענומען אויף מיין רעכנונג.

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן די הקפות.

דאָס יונגוואַרג, הינטן אין שול, האָט זיך אַ לאָז געטון בענטער צו דער בימה. עס איז געוואָרן אַ גאַנצער מישמאַש. ייִנגלעך, מיידלעך, אַלע אינאיינעם. מען האָט זיך אויסגעשטעלט אין צוויי שורות און זיך געצילעוועט, ווער מיט די מיילער, ווער מיט די הענט, אין די ספרי תורות אריין.

מיר איז אויסגעקומען צו שטיין אין דער צווייטער שורה, אַנטקעגן חיהקען. — יעדעס מאָל, וואָס מיין בליק האָט זיך מיט אירן באַגעגנט האָב איך געפילט ווי אַ נייער כישוף וויקלט מיך אַרום. איך בין געשטאַנען אין איין ציטערניש, זי זאָל נישט אַ קוק טון מיט די זעלבע אויגן אויף אַן אַנדערן. איך האָב זיך שוין בעסער געוווּנטשן, זי זאָל גאָרנישט האָבן געקומען אהער...

איך בין געשטאַנען ווי אַ צעדולטער. דריי הקפות האָט מען שוין געמאַכט און איך האָב נאָך קיין איין ספר תורה נישט אַ קוש געטון. אויך חיהקע האָט נאָך קיין איין ספר נישט אָנגערירט. קענטיק, מיין אומרויקייט האָט אויך אויף איר געווירקט.

מיטאַמאָל קומט אָן די פירטע הקפה. עס האָט עמעצער אַ שטופּ געטון חיהקען און זי איז כמעט ווי געפאַלן מיטן מויל אָן אַ ספר תורה. זי האָט זיך אַנדערש נישט געקאָנט העלפן ווי אַ קוש צו טאָן.

דאָ איז געוואָרן מיטאַמאָל אַ געלעכטער. — בערל דעם סטאָליערס „באַיבאַק" האָט אונטערגערוקט זיין לאַפּע און דער קוש איז אויף איר געפאַלן.

עס האָט זיך מיר אָנגעצונדן אין קאָפּ.

— זשוליק איינער? גראָבער יונג! — האָט מיך מיין קול געוואָרגן אין האַלז. ווען איך וואָלט בשעת מעשה געקאָנט, וואָלט איך אים דערהרגעט.

חיהקע איז רויט געוואָרן, האָט מיך אָנגעקוקט מיט פייכטע אויגן און איז אַרויס.

איך האָב געמיינט, אַז ס'האַרץ מיינס גייט אויס.

10.

פערעלע

מיט פערעלעס אַנקומען איז אונזער הויז מיט איינמאָל געוואָרן פול מיט פרייילעכקייט.

איר גאַנג, איר קער, איר ריר, זענען געווען פול מיט לעבן און האָט זי אַ לאַך געטון, האָבן אַלע ווינקעלעך פון הויז פאַרקלונגען מיט איר שאַרפן זילבערן קולעכל. מיט דער כמעט דורכזיכטיקער קלאָרקייט פון איר געזיכט, מיט אירע בלאָנדע, איבער די רונדע אַקסלען אַרונטער־פאַלנדע לאָקן און מיט איר לענגלעכן דינעם האַלז און אירע גרויסע ליכטיקע בלויע אויגן האָט זי אויסגעזעען מער ענלעך צו אַ בילד, וואָס איך האָב אַמאָל געזעען באַם פריץ אין הויז, איידער צו וועלכע פון די מיידלעך פון אירע יאָרן און איר וווּקס, וואָס איך האָב ווען געזעען.

דעם ערשטן טאָג האָב איך זיך געשעמט צו ווייזן פאַר איר. איך האָב געפילט, וואָס זי, בערל פּאָסעסאָרס פאַרצויגענע טאָכטער, וועט דערקענען, ווען זי וועט מיך דערזעען אין דעם אָפּגעטראָגענעם קאָרטענעם אַנצוג. מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט אויספּוצן אין דעם נייעם שבתדיקן גאַרניטור, אָבער איך האָב זיך געשעמט פאַרן טאַטן, פאַר דער מאַמען, פאַר די קינדער אין הויז און פאַר זיך אַליין.

האָב איך דעם גאַנצן אָוונט פאַרגנבעט געקוקט אויף איר דורך דער

שפּאַרע פון דער טיר, פון הינטערן אויוון און פון די ווינקעלעך פון הויז און האָב זיך געפילט זייער מאָדנע.

אויף מאָרגן אינדערפרי בין איך אין חדר אָן „מיטאָג" אוועק, כדי איך זאָל האָבן אָן אויסרייד צו קומען אהיים באַטאָג.

ווען איך בין צו מיטאָג אַהיימגעקומען, איז פּערעלע געזעסן אויפן גאַניק און עפּעס אויסגענייט. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ העל־בלוי קליידל, וואָס איז איר געלעגן ענג צום לייב. איך האָב פאַרשעמט אַרונטערגעלאָזט מיינע אויגן, ווען איר בליק איז אויף מיר געפאַלן.

— דו ביסט עס, שלמהקע ? — האָט זיך פּערעלע אָפּגערופן, אָנ־שטעלנדיק אויף מיר אירע גרויסע ליכטיקע אויגן — איך האָב געהערט פון דיר אין „הויף", קאָנסטו טאַקע מאָלן בילדער ?

איך האָב געפילט, אַז איך בין געוואָרן רויט אין געזיכט. איך האָב געקוקט פאַרשעמט אַרום זיך און האָב געקוועטשט מיט די פּלייצעס ווי איינער זאָגט : „איך ווייס ?"

פּערעלע האָט זיך געטון אַ שטעל אויף, איז צוגעטרעטן צו מיר און לאַכנדיק אויפן קול, האָט זי געזאָגט :

— דו שעמסט זיך, האַ, ביסט אַ שעמעוודיקער ? ווי אַלט ביסטו, שלמהקע ?

— מיר וועט ווערן צען יאָר, — האָב איך געענטפערט און זיך אָנגעשטרענגט צו קוקן איר גלייך אין פּנים אַריין.

— צען יאָר ? — האָט פּערעלע לאַנגזאַם נאָכגעזאָגט, — און דו זעסט אויס ווי פון צוועלף.

איך האָב מיינע אויגן נישט געהאַט ווו אַהינצוטון און ווי אָנגע־נעם איך האָב געפילט טיף אין האַרץ, האָב איך זיך געוווּנטשן עמעצער זאָל אָנקומען און איך זאָל קאָנען אין הויז אַריין.

— און ווי אַלט, דענקסטו, בין איך ? האָט פּערעלע אויסגעשריגן מיט איר זילבער קולעכל, פאַרשאַרנדיק אירע בלאָנדע לאָקן הינטער די אויערן און אַרויסשטעלנדיק הויך די ברוסט.

איך האָב זיך געפילט, ווי אַ הייסע כוואַליע זאָלט מיך פּלוצלינג אַ שטויס געטון. עס איז מיר געוואָרן וואַרעם אין האַרץ און אין קאָפּ. איך בין געשטאַנען הילפלאָז, פאַרשעמט, געקוקט נאַריש אויף די שפּיצן

פון אירע האַלבע שיך און אויף די לאַקירענע שנאַלן און האָב געקוועטשט מיט די פּלייצעס :

— איך ווייס ?

— פּרוביר — האָט זי ווי זיך געבעטן, צוטרעטנדיק נענטער צו מיר, — לאָמיר זעען צי דו קאָנסט טרעפן.

— זעכצען יאָר, — האָב איך זיך געמאַכט האַרץ און אַרויס־געפּרעדט.

פּערעלע האָט זיך צעלאַכט און איר קלינגענדיק קול האָט זיך צע־טראָגן אין דער מילדער פרילינגס־לופט, ווי דאָס קול פון אַ זילבערן גלעקל.

— זעכצען יאָר, זאָגסטו, בין איך ! ביסט אַ נאַרעלע, פּרוביר נאָך אַמאָל.

זי האָט אויסגעגלייכט איר שלאַנקן קערפּער, האָט ווידער פאַר־שאַרט די לאָקן אויף הינטער און האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אַזוי, אַז איר שיין פאַרמירטע ווייכע מאַרדאָטשקע האָט געקריגן אַ גוידער אַרום. אירע אויגן, וועלכע זענען געווען ווי באַלויכטן פון אַ בלוי פייער, האָבן אַריינ־געקוקט גלייך אין מיין נשמה אַריין.

— וואָס וויל זי פון מיר האָבן ? — האָב איך מיט פאַרדראָס גע־טראַכט — וואָס האָט זי זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר מיט אירע יאָרן ? אין האַרץ האָב איך אָבער געפילט אַזוי גוט, ווי איך האָב פריער קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געפילט. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט, האָב פול געעפנט מיינע אויגן, האָב זי אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ און מיט אַ קול, נישט ווי מיינס, געזאָגט : „פינפצען יאָר !"

— ווידער נישט געטראָפן ! — האָט זיך פּערעלע צעלאַכט — פינפ־צען יאָר איז אַלט מיין ברודער ברוך, וועלכער איז מיט אַ יאָר עלטער פון מיר.

— הייסט עס, אַז דו ביסט אַלט פערצען יאָר — האָט זיך דער־הערט מיין מאַמעס קול דורך דעם אָפענעם פענצטער — קיין עין הרע, אַ מויד אַ ביסל, זעט אויס ווי זעכצען־זיבעצן.

פּערעלע, וועלכע האָט נישט גערעכנט, אַז עמעצער אויסער מיך הערט וואָס זי רעדט, האָט זיך אַרומגעקוקט אין פאַרלעגנהייט און ווען

איך בין אין הויז אריין האָט זי זיך צוריק אוועקגעזעצט און אויפגעהויבן זיך געגומען צו דער האַנט־אַרבעט.

אין חדר האָבן אַלע מיינע חברים מיך מקנא געווען פאַרוואָס פערעלע דעם פּאָסעסאָרס שטייט איין בא אונז, איבערהויפּט דודל, משה דעם לערערס, בא וועלכן פערעלע האָט זיך געלערנט שרייבן. און אַז איך פלעג זיך אַמאָל פאַרטראַכטן איבער דער גמרא אָדער איבערן תנ"ך, פלעגן זיי קוקן אויף מיר מיט בליקן וואָס האָבן געזאָגט: „דו טראַכטסט פון פערעלען, דו טראַכטסט פון דעם פּאָסעסאָרס מיידל".

דודל האָט געזוכט פאַרשידענע אויסריידן צו קומען צו אונז אין הויז. איך האָב אָבער דערצו נישט דערלאָזט. איך פלעג אים געבן אַלערליי תירוצים און אים נישט געגעבן די געלעגנהייט צו קומען. איך האָב איינפאַך נישט געוואָלט פערעלע זאָל זיך באַקענען מיט אַנדערע יינגלעך, איבערהויפּט נאָך מיט דודלען, וואָס איז שטענדיק געווען אָנגעטון ווי אַ „פּאַניטש".

בא אונז אין הויז איז די ליבע צו פערעלען אפילו געווען נישט אַזוי שטאַרק. די מאַמע פלעגט זאָגן, אַז פון אירע קאַפּריזן קאָן מען נישט אויסהאַלטן, אַז זי איז אַ מרשעת, אַ שלאַנג, און מיין שוועסטער פלעגט אַ טאָג איבער אַ טאָג זיין ברוגז מיט איר. איבערהויפּט איז איר געווען שווער צו אַוועקגעבן, ווען זי פלעגט קריגן געסט פונדערהיים, וואָס פלעגט פּאַסירן גאַנץ אָפט.

איר טאַטע, ר' בערל פּאָסעסאָר, האָט אפילו אָנגעזאָגט דער מאַמען, זי זאָל נישט נאָכגעבן צופיל פערעלען, זי זאָל זי נישט לאָזן „פּאַגעוועז" און זיך האַלטן פאַר אַ יחסנטע. ער פלעגט עס זאָגן אָפט זיין טעכטערל אין די אויגן, אָבער אַזוי גיך, ווי ער פלעגט אַוועקפאָרן, האָט די מאַמע איינגעזעען, אַז מען קאָן מיט פערעלען גאָרנישט מאַכן, אַז מען מוז איר נאָכגעבן, צי מען וויל, צי מען וויל נישט.

איבערהויפט איז נישט געווען קיין גוט לעבן אין הויז צווישן פע־
רעלען און דער ראבער קאַץ.

דעם ערשטן טאָג, וואָס זי איז אָנגעקומען, האָט פּערעלע געוואָרפן
אַן אומחן אויף דער קאַץ און די קאַץ, ווידער, האָט אַרויסגעוויזן אַ האַס
צו פּערעלען, און וואָס אַ טאָג ווייטער איז די שנאה צווישן די צווי גע־
וואָרן גרעסער און גרעסער.

עס האָט נישט פּאַסירט קיין איין מאָל פּערעלע זאָל, פאַרבייגייענ־
דיק, נישט טון אַ שטויס דער קאַץ מיטן פוס אָדער זאָל נישט אַ שליי־
דער טון עפּעס אויף איר, און די קאַץ, ווידער, זאָל זיך נישט אָנהאָרבע־
ווען און אָנשטעלן אויף פּערעלען אַ ביסטרע גרינעם בליק און מיאַוקען
ווילד, ווען זי האָט זי געזען קומען.

— פע, סאַראַ משוגענע קאַץ! — פלעגט פּערעלע שרייען אויף
איר חילכיק קול. — עס איז דאָך אַ מורא צו האַלטן אַזאַ קאַץ אין
אַ הויז!

— זי איז דאָך שוין אין הויז פינף יאָר — האָט די מאַמע איינ־
מאָל געפּרווט זיך אָננעמען פאַר דער קאַץ — און מיר האָבן קיינמאָל
נישט געהאַט זיך צו באַקלאָגן אויף איר.

— און איך קאָן זי נישט אָנקוקן — האָט פּערעלע קאַפּריזנע
געענטפערט.

און צוליב פּערעלען האָב איך אויך גענומען קוקן קרום אויף דער
קאַץ, כאָטש אין האַרץ האָב איך צו איר גאָרנישט געהאַט.

איין פרייטיק, פאַר שבועות, אינדערפרי, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט
פון אַ שטאַרקן גערודער אין הויז. דער טאַטע האָט געליאַרעמט, די
מאַמע האָט געשריגן, די קינדער זענען געלאָפן הין און צוריק איבערן
הויז און פּערעלע מיט אַ ווילקע אין האַנט האָט זיך אַרומגעיאָגט נאָך
דער קאַץ, וועלכע איז אין פאַרצווייפלונג געלאָפן פון איין ווינקל צום
צווייטן, ביז איר איז געלונגען זיך פון הויז אַרויסצוכאַפּן.

— גיכער, שלמהקע, כאַפּ אַ שטעקן און לאָמיר זיך נעמען צו

איר ! — האט פערעלע סאפענדיק געשריגן, ווען זי האט מיך דערזעען — אזא נאשערקע, אזא פרעסערקע, אזא טריפדנער האלז ! דאס גאנצע טייג פון די אייער-קיכלעך האט זי אויפגעפרעסן !

קעגן מיין ווילן האב איך געכאפט דעם בעזעם און בין ארויסגעלאפן אין גארטן ווו די קאץ האט געזוכט זיך צו באהאלטן הינטערן פלויט. פערעלע איז נאכגעלאפן מיט דער ווילקע אין האנט און אירע ווילדע קוויטשערייען און משונהדיקע באוועגונגען האבן אויף מיר אנגעווארפן אן אימה. מיר איז פארגעקומען ווי זי וואלט פלוצלינג אין א היה פארוואנדלט געווארן. די קאץ האט זיך אויסגעדרייט פון אונזערע הענט, אריבערקלעטערנדיק דעם הויכן פלויט און פערעלע האט מיט רציחה די ווילקע אוועקגעשליידערט, נאכשרייענדיק דער קאץ, אז זי וועט זי נאך כאפן, אז זי וועט זיך מיט איר נאך אפרעכענען.

ווען איך בין באטאג אהיימגעקומען פון חדר האב איך געטראפן די מאמען מיט פארוויינטע אויגן.

— לויף גיכער אין גארטן — האט זי געזאגט — די שלאנג וועט דארט נאך די קאץ דערהרגענען, אזוי ווי א קליפה האט זי זיך אין איר איינגעגעסן. אן אמתע שלאנג איז זי דאך, די פערעלע.

ווען איך בין אין גארטן אריין איז שוין נישט געווען וועמען צו ראטעווען. די קאץ איז געלעגן טויט לעבן בליענדן עפלבוים, צו וועלכן זי איז געווען צוגעבונדן מיט א שטריקל. ארום זענען געווען אנגעווארפן שטיינער, ציגל און שטיקער האלץ און די בייט מיט יונגע בעבלעך איז געווען אינגאנצן צעטרעטן. פערעלע איז געשטאנען מיט די הענט פארלייגט אויף די זייטן און געקוקט מיט א זיגרייכער מינע אויף דער טויטער קאץ.

— זעסט, שלמהקע, איך האב זיך מיט איר אפגערעכנט ! — האט פערעלע אויסגעשריגן מיט בצחון.

— אבער ווי האסטו דאס געקאנט הרגענען א נפש ? — האב איך מיט פארוואורף אויסגערופן.

— ביסט א נארעלע, אזוי ווי דיין מאמע, — האט פערעלע מיט שפאט געזאגט, — אזא פאסקודנע קאץ איז א מצווה צו טויטן.

איך האב נישט געקאנט רעדן אווארט. דאס הארץ האט מיר מאדנע

פאַרקלעמט. מיינע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן און מיר האָט זיך געדאַכט ווי איך זע ווי פערעלעס שלאַנקער קערפער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער שלאַנג.

אַן אויפגעציטערטער בין איך אין הויז אַרייַנגעלאָפן און זיך צעוויינט.

11.

אן אָפּקומעניש פאַר זײַנע עבירות

דעם גאַנצן שבת האָט אין שטעטל געקאָכט מיט דער גנבה.

אין הילצערנעם בית-המדרש צו „לייענען" האָט דער גרעסטער טייל פון עולם זיך פאַרקליבן אין פּאַליש. יידן אין טלתים און אָן טליתים האָבן מיט התלהבות גערעדט, געטענהט, און דאָס יונגוואַרג האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט זיך צוגעהערט. אַמאָל אַ וואָרט אַרייַנגעוואָרפן און אַמאָל „פּאָטאַקעוועט" די עלטערע מיט אַ שאָקל פון קאָפּ, אָדער אַ תנועה פון געזיכט.

אין בית-המדרש האָבן דאָ און דאָרט צו צוויי, דריי יידן זיך פאַרקליבן אַרום איין שטענדער, האָבן געקוקט פאַרגנבעט צו דער צפון-וואַנט, ווו דער אַלטער זייגער מיטן געלן צעשפּאָלטענעם ציפערבלאַט איז געהאַנגען אויסגעדרייט אויף אַ זייט, און האָבן זיך געשושקעט זייער נידעריק.

הינטער דער בימע האָבן זיך פאָרמירט קליינע גרופּקעס פון יונגע באַלעבעסלעך און בחורים, וועלכע האָבן האַלב אין זיך, האַלב אינדער-הייך גערעדט וועגן דער גנבה אין מרחץ. דער גבאי האָט אָפּט געטון אַ פּאַטש איבער דער בימע אַלס וואָרנונג נישט צו שטערן די קריאה, דער נייגיריקער עולם האָט זיך אָבער נישט געקאָנט איינהאַלטן און דאָס שושקעריי איז נאָך אַ קורצער אונטערברעכונג פאַרגעזעצט גע-וואָרן.

באַ אַ הינקעדיקן שטענדער, צו דער לינקער זייט פון זייגער, איז

דער אַלטער חיים מאַריאַשעס געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויףביידע עלנ־בויגנס איבער אַ גרויסן צעריסענעם חומש. די אויסגעטראָגענע עטרה פון זיין אַלטן, ערטערווייז צעריסענעם טלית האָט פאַרשטעלט די אייבער־שטע העלפט פון זיין געזיכט. פון דער אונטערשטער העלפט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען, האָט מען געקאָנט זען, אַז ער איז זייער פאַרזאָרגט און צערודערט. זיינע בלאַסע ליפן האָבן זיך נערוועז באַוועגט, ווי זיי וואָלטן נאָכגעשעפּטשעט דעם בעל קורא, אָבער וואַרפנדיק אַ בליק אונ־טער דעם אַרונטערגעלאָזענעם טלית, האָט מען זיך גלייך געקאָנט איבערצייגן, אַז זיינע געדאַנקען זענען וייט, ווייט פון דער סדרה. אַ פאַרשטיקטער זיפץ האָט פון צייט־צו־צייט זיך אַרויסגעשפּאַרט פון צווישן זיינע פאַרשטשירעטע ציין און זיינע פינגער האָבן געקראַמפט געקנייטשט די בלעטער פון חומש.

חיים מאַריאַשעס האָט געוווּסט, אַז ער איז דאָס דער געגנשטאַנד פון אַלעמענס נייגיריקייט, און דאָס רעדן און שושקען זיך באַציט זיך איינגאַנצן אויף אים, ער האָט אָבער נישט געוווּסט וואָס צו טון צו פאַר־מאַכן די לייטן די מיילער און וואָס צו מאַכן, אום אָראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם שרעקלעכן בלבול, וואָס מען האָט אויף אים אַרויפגע־וואָרפן.

— שוין באַלד זיבעציק יאָר אָפּגעלעבט — טראַכט דער אַלטער חיים — אַלערליי שווערע צייטן דורכגעמאַכט, נישט איינמאָל האָט דאָס שטיקל ברויט אין הויז געפעלט, אָבער גאָט צו דאַנקען, קיינעמס קיינמאָל נישט אָנגערירט, צו קיינעם קיינמאָל נישט אָנגעקומען, אפילו נישט צו די אייגענע קינדער. און צום סוף — גאָר אַזאַ אָנשיקעניש, אַזאַ בלבול!

ער וואָלט זיין גאַנץ חלק עולם הבא אוועקגעגעבן — טראַכט דער אַלטער חיים, ווייטער איינגראָבנדיק זיין שטאַרקן בליק אין חומש — ווען עמעצער קאָן פונאַנדערוויקלען דעם פּלאָנטער אין וועלכן ער איז אומ־שולדיקערהייט פאַרוויקלט געוואָרן. און עס איז מאַקע באַ אים אַליין גע־ווען אַ מאָדנער חידוש: אַרויסגייענדיק פון מרחץ האָט ער נישט גע־קאָנט געפינען זיינע שטיוול. ער האָט אָנגעטון אַ פרעמדע פּאָר, וואָס איז אויסגעבליבן אָן אַ באַלעבאָס און ווען ער נעמט דאָס פּעקל אונ־טערן אָרעם אַהיימצוגיין, קומט מיטאַמאָל צו לויפן אַ פרעמדער ייד, אַן

אָרימאַן, מיט אַ געוואַלט: ער זאָל אים אָפּגעבן די צוויי הונדערט רובל, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן אין די שטיוול. צו ערשט האָט ער בעדער איז אפילו אָנגעפאַלן אויפן אָרימאַן מיט קללות און זידלווערטער, ער האָט געשריגן, אַז ער איז אַ מאַשעניק, אַז ער האָט קיינמאָל נישט באַהאַלטן קיין געלט אין די שטיוול, וואָרים ווען ער וואָלט עס געטון, וואָלט ער נישט געמאַכט קיין טעות און געקראָכן אין פרעמדע, אָבער אַלע אין מרחץ האָבן נישט געצווייפלט אין דעם אָרימאַנס רייד, איבערהויפּט ווען ער האָט גענומען וויינען און חלשן.

דאָס נייעס וועגן דער גנבה האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט פון הויז צו הויז. נאָך ווארעמס האָט קיין איינציקער אין שטעטל זיך נישט פאַרגונען צו לייגן שלאָפן, אַלט און יונג זענען אַרויס אויף די גאַניקעס, זיך אויסגעשטעלט אין קופּקעס אויפן מיטן מאַרק און די ווערטער: אָרימאַן, חיים מאַריאַשעס, צוויי הונדערט רובל, אַ פּאָר שטיוול, האָבן זיך געטראָגן פון איין עק שטעטל ביזן צווייטן.

די עלטערע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געקענט חיים מאַריאַשעס נאָך פון פאַר דער גרויסער שרפה, ווען ער האָט געהאַט אַ גרויסן אַריינפאָר־הויז באַם עק שטאָט און האָט געשפּילט אַ ראָלע פון אַ שיינעם באַלעבאָס, האָבן בשום אופן נישט געקאָנט גלייבן, אַז ער זאָל אויף דער עלטער ווערן אַ גנב. צו דער זעלבער צייט האָט זיך זיי ווידער נישט געלייגט אויפן שכל, דאָס אַ ייד אַן אָרימאַן, וואָס קומט מאַכן אַ פּאָר גילדן אין שטעטל זאָל זיך טשעפּען צו אַ באַלעבאָס גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין.

נאָר וועגן וואָס מען האָט זיך אין שטעטל געוווּנדערט אַממערסטן איז געווען די גרויסע סומע, וועגן וועלכער עס האָט זיך געהאַנדלט.

צוויי הונדערט רובל איז איבערהויפּט געווען אַ סומע, וועגן וועלכער מען האָט נישט זייער אָפט געקאָנט הערן רעדן אין ד. אַזאַ זאַך האָט געקאָנט פּאַסירן נאָר ווען אַ פייַנער באַלעבאָס האָט אַ טאָכטער חתונה געמאַכט, אָדער ווען עמעצער האָט אַ הויז פאַרקויפט. מיטאַמאָל קומט גאָר אַראָפּ אַן אָרימאַן, ווער ווייסט פונוואַנעץ, אין אַ פּראָסטן פּרייטיק, ברענגט אין מרחץ אַזאַ אייגנס און פּלוצלינג ווערט עס פאַר־

שווינדן, ווירקלעך, אזא זאך האָט נישט פּאַסירט אין ד. זינט זי איז אַ שטעטל.

אַזוי גייך ווי דער שבת איז אַוועק האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון דין תורהס צווישן אָרימאַן און חיים מאַריאַשעס. דער אָרימאַן האָט אפילו געוואָלט שלעפּן דעם אַלטן חיים צום פּריסטאַוו. באַלעבאַטים האָבן זיך אָבער אַריינגעמישט און ער איז מרוצה געוואָרן צו גיין פריער מיטן יידישן דין.

דער אַלטער חיים האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן און דער אָרימאַן, פון דער אַנדערער זייט, האָט געטענהט, אַז קיין אַנדערער אויסער אים האָט דאָס געלט נישט געקאָנט גנבענען, ווייל קיינער אויסער אים איז בּאַ זיינע שטיוול נישט געווען.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ פּאָר וואָכן נאָכאַנאַנד. דער אָרימאַן האָט אַראָפּגעבראַכט אַלס עדות בערל קרעטשמער, פון ווינאָווקע, און ר׳ הערש לאַפּידעס, אַ רייכער תבואה־הענדלער, פון קאָסעווע, בּאַ וועלכע ער האָט אַ וואָך פאַר דער גנבה אויסגעביטן קלענער געלט אויף גרויסע אַסיגנאַציעס. ער האָט אויך צוגעשטעלט אַ כתב פון דעם רב פון זיין שטעטל, אין וועלכן ער איז געווען אָנגעגעבן אַלס געפּאַלענער, בּכבודער באַלעבאָס. און דער רב, ר׳ לייזער וואָלף, האָט נישט געוווסט וואָס ער זאָל דאָ טון.

ענדלעך האָט ר׳ לייזער וואָלף געלאָזט אַראָפּברענגען דעם רב פון ז. האָט פאַררופן דריי באַלעבאַטים, וואָס האָבן געהאַט אַ שם פאַר גרויסע לומדים און קלוגע יידן און נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת איז געבליבן, אַריינצורופן דעם אַלטן חיים אין חרם. מען האָט זיכער געמיינט, אַז דער אַלטער מאַן וועט זיך דערשרעקן פאַרן חרם און ער וועט זיך מודה זיין אין דער גנבה.

חיים מאַריאַשעס האָט אויפגעציטערט, ווען ער האָט געהערט, וואָס מען גייט מיט אים טון. ער האָט אָבער קעגן דעם פּסק־דין נישט פּראָ־

טעסטירט. ער האָט זיך געטרייסט, אַז דאָס וועט זיין אַן אָפּקומעניש פאַר זיינע עברות.

דער קלאַנג, אַז מען גייט אַריינלייגן חיים מאַריאַשעס אין חרם, האָט אָנגעטראָגן אַ מאָדנעם פּחד אויפן שטעטל. בלויז געציילטע מענטשן האָבן זיך געקאָנט דערמאַנען, ווען אַזאַ פאַל איז פאָרגעקומען אין ד. אין דער לופט האָט זיך געשפּירט אַ ימים-נוראים-ערנסט און יעדער איינער האָט געוואַרט אויפן חרם מיט אומגעדולד און שרעק.

און דער טאָג איז געקומען.

עס איז געווען אַ דאָנערשטיק פאַר מנחה אין די לעצטע טעג פון ספירה. די זון האָט אַריינגעשיינט אין דער „אַלטער מויער" און אין די קליינע פענצטער פון די ווייבערישע שול. שטרייפן ליכט זענען געפאַלן אין דער קרום אויפן טונקל-רויטן פּרוכת, אויפן שפּיץ מזרח איבערן עמוד און אויף די בלויע קאַכל פונם שווערן בימע-געזימס. אין די ליכט-שטרייפן האָבן מיליאָנען שטויבעלעך זיך געהויבן און געזונקען, זיך באַוויזן און פאַרשוווּנדן אונטער און איבער די ליניעס פון די העלע פאַסן. אויף דער בימע האָבן פיר שוואַרצע ליכט געברענט, וועמענס בלאַסע פלאַמען האָבן ווי צעשראָקן געהאַלטן אין איין פאַלן אויף די זייטן און די פאַר הונדערט געזיכטער, וואָס האָבן זיך געקערט פון אַלע זייטן בית-המדרש, אַמאָל צו דער בימע און אַמאָל צו דער טיר, האָבן אויסגעדריקט איין שרעק-געפיל. אָבער אויף קיינעמס געזיכט איז דער פּחד נישט געלעגן אַזוי ווי אויף אַרטשע דעם בעדערס, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ געמויערטן סלופּ פון דער בימע און האָט מיט פאַרגלאָזטע אויגן און אַ האַלב געעפנט מויל געקוקט צו די מיט סאַזשע באַדעקטע ליכט.

דער רב און די כלי קודש האָבן אַלע מיט איין מאָל זיך באַוויזן אין דער טיר און אַ שאַרפער רעש איז דורכגעלאָפן האַסטיק צווישן עולם.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז דער אַלטער חיים מאַריאַשעס אַריינגעקומען. ער איז געווען בלאַס ווי קאַלך און די פיס האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט, ווי זיי וואָלטן געווען נישט זיינע. משה יחיאלס, דער בית-דין-שמש, האָט אים צוגעהאַלטן בײַם אָרעם, אַרויפפירנדיק אויף די טרעפּלעך פון דער בימע און האָט אים געהאָלפן אָנטון דעם בלאַנק-ווייסן קיטל.

ר׳ יהושע בעל תוקע איז אַרויף אויף דער בימע מיט אַ שוואַרצן שופר צוגעדריקט צו דער ברוסט און באַלד האָט דאָס בית־המדרש פאַר־הילכט פון אַ „תקיעה גדולה". אַ סקרוך איז אַריבער איבער אַלעמענס לייבער. אייניקע האָבן אָפּגעזיפצט. חיים מאַריאַשעס, פון וועמען בלויז אַ שפּיץ ווייסע באָרד האָט זיך אַרויסגעזעען פון קיטל, האָט זיך אָנגע־כאַפּט מיט איין האַנט אָן ברעג באַלעמער און אַרטשע דער בעדער האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט וועלן שרייען: „געוואַלט!"

דער רב איז לאַנגזאַם מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ אַרויף צום באַלעמער, דער שמש האָט אַ הילכיקן פּאַטש געטון און אין בית־המדרש איז געוואָרן שטיל, ווי אַלע וואָלטן פּלוצלינג אויסגעשטאָרבן. דער רב האָט אַ פּאָר מאָל צוגעטראָגן זיין רויטע פאַטשיילע צו די אויגן. דאַן האָט ער מיט אַ ציטערנדיקער שטימע אָנגעהויבן:

— ר׳ חיים ב״ר יוסף!

טרערן האָבן אים גענומען שטיקן אין האַלז און ער האָט געמוזט אונטערברעכן.

— ר״ חיים ב״ר יוסף!! — האָט דער רב זיך געפּרוווט שטאַרקן — אין נאָמען פון קהל או — —

איידער דער רב האָט באַוויזן צו ענדיקן זיין לעצט וואָרט איז דאָס בית־המדרש פאַרקלונגען געוואָרן פון דעם געשריי: „רבי!" אַרטשע דער בעדער האָט דאָס אַרויסגעלאָזט, פאַלנדיק מיטן קאָפּ אָן דער כאַ־לאַוועך באַנק. אין בית־המדרש איז געוואָרן אַ טומל און אַ גערודער. אַלע האָבן זיך גענומען שפּאַרן צו דער בימע. שמואל דער רופא האָט אויף גיך אָנגעטון זיינע שפּאַקולן און גענומען באַטראַכטן אַרטשען, וועלכער איז געלעגן אויסגעצויגן ווי אַ טויטער מיט דער רעכטער האַנט אויף דער ברוסט.

— ער איז פּאַראַליזירט — האָט דער רופא געמורמלט, ווען ער האָט באַטאַפּט דעם מער טויטן ווי לעבעדיקן בעדער.

דער שמש מיט דער הילף פון נאָך אַ פּאָר יידן האָבן אַרטשען גע־נומען אַרונטערטראָגן. צוקומענדיק צום לעצטן טרעפּל האָבן זיך גענומען שיטן פינף און צוואַנציק־רובלדיקע פון זיין קעשענע. דער רב איז נשתומם געוואָרן און אַלע האָבן זיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

ווען מען האָט צוזאַמענגעקליבן די אַסיגנאַציעס פון דער ערד האָט

מען זיי אַרויפֿגעלייגט אויפֿן באַלעמער און דעם רב האָט אָפּגעציילט — צוויי הונדערט רובל.

דער רב האָט זיך צעוויינט אויפֿן קול. דער אָרימאַן, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ ווינקל אויף דער בימע, האָט געקוקט אַרום זיך ווי משוגע און חיים האָט געכליפּעט אין קיטל ווי אַ קינד:

— „רבונו של עולם, זאָל עס מיר זיין אַן אָפּקומעניש פֿאַר מיינע עבירות!“

12.

חנוכה־געלט

ר׳ מאיר וואַנילעוויטשער האָט פון תמיד אָן געהאַט אַן אָפענע האַנט צו געבן, איבערהויפּט, אַז עס פלעגט קומען חנוכה.

גאָר אין די גוטע צייטן פלעגט ער צעטיילן אַ פּאָר הונדערט קערבּלעך חנוכה־געלט. זיינע קינדער, דודל, בערעלע, טייבעלע און פייגעלע, פלעגן באַ אים קריגן צו רובל פאַר יעדן יאָר, וואָס זיי זענען אַלט; זיינע ברידערס און שוועסטערס קינדער פלעגט ער געבן צו גילדן פאַר יעדן יאָר און די ווייטערע קרובים פלעגט ער געבן צו „צענערלעך" און אפילו די שכנישע קינדער פלעגט ער נישט פאַרגעסן און זיי געבן צו עטלעכע קאָפּיקעס.

און יעדן חנוכה צו דעם ערשטן ליכטל איז באַ ר׳ מאיר וואַנילעוויטשער אין הויז געווען אַן אמת יארידל. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען די פּלימעניקעס און די פּלימעניצעס און די קינדער פון די נאָענטע שכנים און זיי זענען נישט אָפּגעטרעטן ביז יעדער איינער האָט געקריגן זיין חנוכה־געלט.

און אָנגעהויבן די חלוקה האָט ר׳ מאיר תמיד פון די פרעמדע קינדער. איז ער פאַרטיק געוואָרן מיט זיי, האָט ער זיך גענומען צו די „אייגענע", פריער צו די ווייטערע, דאַן צו די נענטערע, און ענדיקן האָט ער תמיד געענדיקט מיט זיינע אייגענע קינדער.

אָבער מיט זיינע אייגענע קינדער האָט ער זיך אַזוי לייכט נישט געקאָנט אָפּפאַרטיקן ווי מיט די קרובים און די פרעמדע און אום צו

קאָנען מיט זיי דורכקומען, האָט ער געמוזט אָנקומען צו די הילף פון „מנורת המאור" און זיין ווייב שרה הינדע.

האָט ער דערלאַנגט דודלען פינפצען נייע רובל און געזאָגט: „דאָס, מיין קינד, איז דיין חנוכה־געלט". האָט דודל פאַרקרומט זיין איידל פּנים און קאַפּריזנע געזאָגט:

— טאַטע, מאַכסט אַ טעות, מיר קומט זעכצען רובל, ווייל איך בין שוין אַלט זעכצען יאָר.

— הערסט, שרה הינדע? — פאַרוואונדערט זיך ר' מאיר, שמייכּלענדיק אין זיין שיינער בלאָנדער באָרד, דודל וויל מיך באַשווינדלען. ער זאָגט, ער איז שוין זעכצען יאָר אַלט.

— ער וועט דאָס אַלט זיין איבער אַ יאָר אם ירצה השם — ענטפערט שרה הינדע, פאַררייסנדיק פרום די אויגן צום סופית.

דודל גיט זיך אָבער נישט אונטער און טענהט, אַז ער איז פאַרט זעכצען יאָר אַלט; אַז ס'איז שוין דריי יאָר, ווי ער לייגט תּפילין און פינף יאָר, ווי ער האָט געלערנט באַם זשעטלער פרוש.

דאַן גייט ר' מאיר צו צום ספרים־אַלמער, נעמט אַרויס דעם אין מאַרמאָר־געבונדענעם „מנורת המאור" און ווייזט זיין בכור שוואַרץ אויף ווייס אויף דער לינקער זייט פון שער־בלאַט:

בני דוד נולד י"ב בשבט שנת תּר' — — —

— נו, וואָס וועסטו איצט זאָגן, שייגעץ איינער! — רופט ר' מאיר אויס מיט נצחון — האָסט געוואָלט באַשווינדלען דיין אייגענעם טאַטן, הא!

און דודל לאַכט און בערעלע און טייבעלע און פייגעלע לאַכן מיט און טאַטע־מאַמע קוקן זיך איבער און זייערע געזיכטער דריקן אויס גליק און פרייד.

און קומט צו בערעלען, ווידערהאָלט זיך די גאַנצע געשיכטע נאָכאַמאָל:

ר' מאיר דערלאַנגט אים די „בומאַזשקעס" און זאָגט:

— נאַ, בערעלע, דאָס איז פאַר דיר חנוכה־געלט.

בערעלע ציילט איבער דאָס געלט און כּלומרשט זיך אָנברוגזנדיק, זאָגט ער:

— טאַטע, אויף נאמנות, דו האָסט מיר געגעבן מיט אַ רובל ווײַ־ניקער ווי מיר קומט. מיר איז חול המועד סוכות געוואָרן צוועלף יאָר.

— וו—אַ—אַס — רופט ר׳ מאיר אויס אין אַן אויסגעצויגענעם טאָן, זיך צולייגנדיק די האַנט איבערן אויער, ווי ער האָט נישט גוט געהערט— זאָגסט, דיר איז געוואָרן צוועלף יאָר, ביתי ספר ונחזה, לאָמיר נאָר אַ קוק טון און זען, וואָס דער „מנורת המאור" זאָגט.

און טאַקע באַלד לייענט ר׳ מאיר אינדערהייך:

— בני דוב בער נולד כ׳ תשרי שנת תר׳ — — —

— וואָס ווערסטו איצט זאָגן, ר׳ בערעלע, — רייצט זיך ר׳ מאיר— עס איז נאָר אַ גליק, וואָס איך האָב פאַרשריבן אין ספר.

מיט אַ כיטרען ווונק צו זיינע שוועסטערלעך טוט בערעלע אַריין דאָס געלט אין זיין נייעם טייסטער און טראָגט זיך אָפּ אין אַן אַנדער צימער.

דאָן הייבט זיך אָן אַ סדרה מיט טייבעלען און מיט פייגעלען און דער טומל און די געלעכטערס האַלטן אָן ביז שרה הינדע דערלאַנגט צום טיש די לאַטקעס און די פריש געפּרעגלטע גריוון.

דערווייל קומט אָן משפחה און באַקאַנטע און מען זעצט זיך שפּילן אין „אָקע".

דודל שטייט צו צו טאַטע־מאַמע און ער קריגט אַ „האַנט" אויף זיין אייגענעם חשבון. טייבעלע שפּילט בשותּפות מיט איר טאַנטע סאָניע, און בערעלע שפּילט אויף איין קאָרט מיט זיין אָנקל מאָריץ.

פייגעלע זיצט בײַ איר טאַטן אויפן שויס, קוקט אַריין אין זיינע קאָרטן און פאַרבייסט פון מאָל צו מאָל אירע ראָזע ליפּעלעך פון התפּעלות, כאָטש זי הייבט נישט אָן צו וויסן וואָס אין די קאָרטן טוט זיך.

דאָס אַלץ איז געווען אין די אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען ר׳ מאיר וואַנילעוויטשער האָט געשפּילט די גרויסע ראָלע, האָט געהאַט פאַראָוועע מילן און איז געפאָרן צוויי מאָל אַ יאָר קיין אויסלאַנד. יענע יאָרן זענען אָבער אַוועק און עס זענען געקומען שווערע, ביטערע צייטן פאַר דעם אַמאָליקן גביר ר׳ מאיר.

עס איז געקומען דערצו, דאָס שרה הינדע האָט געמוזט אַוועקשיקן פון הויז די לעצטע דינסט און זיך אַליין אַוועקשטעלן אין קיך און דאַן איז זי געקומען אַזוי ווייט, אז ר׳ מאיר וואַנילעוויטשער האָט געמוזט

פאַרקויפן דאָס הויז, צו באַצאָלן פאַר וועקסלען, וואָס זענען געוואָרן פעליק.

ר׳ מאיר האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעווינט פון אַלע לוקסוסן און באַקוועמלעכקייטן. ער איז אויסגעקומען אָן אַ פעענעם פוטער. ער איז זיך באַגאַנגען אָן אַ גאָלדענעם זייגער און אָנשטאָט די טייערע אימפּאָר־טירטע ציגאַרן, האָט ער געררייכערט טיטון פאַר פערצן קאָפּיקעס אַ פעקל. פון איין זאַך אָבער האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּגעוויינען — פון געבן און שענקען. און ווי ער איז געווען אין אַ געדריקטן צושטאַנד האָט ער געקאַרגט און געשפּאָרט, צו קאָנען פון מאָל צו מאָל האָבן דאָס פאַר־גענוגן פון געבן.

און אַזוי איז ר׳ מאיר וואַנילעוויטשער אַלץ פאַרבליבן דער נדבן און זיין רובל איז תמיד געווען דער ערשטער פאַר אַ דבר של צדקה. און איבערהויפּט האָט ער נישט פאַרפעלט צו שפּילן די ראָלע פון אַ פילאַנ־טראָפּ, ווען עס איז געקומען חנוכּה אָדער פּורים.

שלח־מנות און חנוכּה־געלט זענען בײַ אים געווען דער סימבאָל פון יידישע גוט־האַרציקייט און וואָכן פאַרויס האָט ער גענומען אויפקלייבן אין אַ זייט אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע, אַז ווען דער יום־טוב וועט קומען, זאָל ער האָבן וואָס אַוועקצוגעבן, איבערהויפּט האָט ער געלייגט פיל גע־וויכט אויף דעם חנוכּה־געלט צו זיינע קינדער און צו די קינדער פון די קרובים און די שכנים. האָט ער נישט געקאָנט געבן מער קיין רובלס און בילדנס, האָט ער געגעבן צענערלעך, זעקסערלעך, דרייערלעך און קאָפּי־קעס, אָבער געגעבן האָט ער אַלעמען.

ענדלעך איז אָבער געקומען אַ צייט, וואָס ר׳ מאיר וואַנילעוויטשער האָט מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דאָס לעבן פון אָרימקייט און דחקות און, ער האָט גענומען צוקרענקען.

פון אָנהייב האָט ער גענומען פילן אַ מין שוואַכקייט אין האַרץ. דאַן האָט ער גענומען שפּירן אַ ווייטיק אין דער רעכטער זייט. וואָס אַמאָל איז ער געוואָרן אַלץ בלאַסער און שוואַכער און זיין ווייב און זיינע קינ־דער זענען צו אים צוגעשטאַנען ער זאָל גיין צום דאָקטאָר, ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן וועגן דעם.

כּל זמן זיינע כּוחות האָבן אים געטראָגן האָט דער אַמאָליקער גביר, ר׳ מאיר, זיך געוואָרפן אַהין און אַהער און זיך געמאַטערט מכּרנס צו

זיין די פאמיליע אזוי ווייט ווי ער האט געקאנט, אבער ענדלעך הנוכה־צייט, איז ער איינגאנצן צוזאמענגעבראכן געווארן און האט פון הויז ניט געקאנט ארויס.

שרה הינדע האט געזעען, אז איר מאן איז א גרויסער חולה און זי האט איבער אים אנגעהויבן וויינען און קלאגן. ער זאל גלייך פארן קיין ווין צו א פראפעסאר.

— וויסטו, מיין ווייב, וויפיל דאס דארף קאסטן ? — האט ר׳ מאיר געפרעגט מיט א באזארגטער מינע.

— עס מעג קאסטן, וויפיל עס איז ! — האט שרה הינדע אנט־שלאסן אויסגערופן — אז יחיאל האט געמוזט פארן צו א פראפעסאר, איז ער אויך געפארן, כאטש ער האט אויפן לעבן נישט געהאט קיין אפגע־שפארטן רובל.

— און וואס מיינסטו בין איך ? — האט ר׳ מאיר געזאגט מיט א געבראכענעם טאן.

— עטלעכע רובל ליגן בא דיר אין קאמאד און די איבעריקע וועלן מיר צולייען. מאריץ און פסח און שמואל לייב וועלן אונז אויסהעלפן — אויף אזא זאך.

— אויסהעלפן ? אפשר יא, — האט ר׳ מאיר א ציי געטון מיט די פלייצעס, אבער די עטלעכע רובל אין דער קאמאד רעכן איך נישט, ווייל ס׳איז נישט מיינס. דאס האב איך אפגעלייגט פאר חנוכה־געלט און עס איז אינגאנצן איין וואך צו חנוכה.

שרה הינדע האט גענומען דערקלערן איר מאן, אז דאס געזונט איז בילכער, אז ער דארף זעען גלייך פארן קיין ווין. ער האט אבער נישט געוואלט הערן און זעען.

— מיר וועלן וועגן דעם זעען נאך חנוכה — האט ער פארעקשנט געענטפערט.

13.

צו תשליך

פייערלעך געשטימט פון די תקיעות, פון דעם נייעם חזנס מוסף און פון דעם יום־טובדיקן ווארעמעס, האָב איך גענומען דעם מחזור אונטערן אָרעם און בין געגאַנגען צו תשליך.

די לופט איז געווען שיין און ווארעם און עס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט נאָך געווען מיטן זומער. כאָטש דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען דארע בלעטער, ארומטרייבנדיק אינם לייכטן ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן פונם אַגראַד־סאַד.

דער מאַרק איז געווען ווי אויפגערוימט, קיין סימן פון אַ פור, קיין צייכן פון אַ גוי איז אין ערגעץ נישט געווען צו זען. די קראָמען געשלאָסן, די לאָדנס פון די שענקען צוגעמאַכט. אפילו אין אַפטייק זענען די שטאָרן געווען אַראָפּגעלאָזט.

פון דער „לאַנגער גאַס”, פון דער „ברייטער גאַס” און פון אַלע הינטערגעסלעך האָבן זיך געצויגן מענטשן צום מאַרק און פון דאָרט פאַרביי דעם אַגראַד־סאַד צו דער בריק אין דעם הויף־געסל, ווו דער גרעסטער טייל פון שטעטל גייט צו תשליך יעדן ראש השנה.

און אין דעם שמאָלן, לאַנגן, פון ביידע זייטן מיט ביימער באַזוימטן הויף־געסל איז געווען קאָכעדיק, לעבעדיק. דער טיפער ערנסט אויף די פנימער פון די עלטערע מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען מיט מחזורים אונטער די אָרעמס, איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם פריילעכן געטומל פון די יונגעלייטלעך, וועלכע האָבן זיך געוויצלט מיט די מייד־

לעך, וועלכע האָבן לכבוד יום־טוב אָדער לכבוד תשליך אויסגעקליבן דאָס הויף־געסל אַלס פּלאַץ צום שפּאַצירן.

קומענדיק אָבער נענטער צו דער בריק, איז די אַטמאָספערע גע־וואָרן שווערער, געדריקטער. די עלטערע מענטשן מיט די ערנסטע פּנימער האָבן הכנעהדיק, ווער מיט אַ פאַרטראַכטן בליק און ווער מיט אַ טיפן זיפץ זיך געמאַכט גרייט די עבירות אָפּצושאָקלען, און אפילו דאָס יונגוואַרג האָט נישט געוואַגט מער צו פּראַווען קלות ראש.

איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָן פּאַרענטש, האָב געעפנט דאָס מחזור און גענומען אויפמישן „תשליך", ווען מיינע געדאַנקען האָבן מיטאַמאָל זיך אַ מיש געטון און איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער. מיין בליק האָט זיך געריסן ערגעץ־ווו ווייט, ווו ביימער און מענטשן און הייזער האָבן זיך צוזאַמענגעמישט אין איין מאָדנער מאַסע און דער גרינער וויהאָן מיטן שמאָלן געדרייטן טייכל אינמיטן און מיט די בהמות, פערד און חזירים פון ביידע זייטן, איז פאַר מיר געלעגן ווי אַן אויסגעמאָלט בילד, אָן אַ וואַנט און אָן אַ ראַם.

איך מיש אַזוי דאָס מחזור, מיש און מיש און מיינע געדאַנקען פּלאָנטערן זיך איינע אין די אַנדערע ווי אין חלום. אַרום מיר הערן זיך לויזע שטימען, פאַרשטיקטע זיפצן, און עס זעען זיך איינגעבויגענע פּי־גורן, בלאַסע פּנימער. דער חלום לאָזט מיך ביסלעכווייז אָפּ און איך הייב אָן צו דערקענען די מענטשן אַרום מיר.

אָט שטייט ר' משה פּעשעס באַם בריקל, שאָקלט זיך איבערן מחזור, וויינט און כליפּעט און רעדט צום רבונו של עולם מיט אַ געבראָכענער שטימע, מיט אַ פאַרצווייפלטן טאָן, ווי עס וואָלט אים אין לעבן געגאַנגען. זיין לאַנגע באָרד זעט אויס לענגער ווי אַלע מאָל און די פרומע בלאַס־קייט פון זיין פּנים איז בלוטלאָזער ווי תמיד. ר' משה בייגט זיך אין דרייען, שאָקלט זיך און זאָגט פון מחזור, ביז ענדלעך טוט ער אַ נעם די פּאָלעס פון זיין לאַנגער אַטלאַסענער קאַפּאָטע און טרייסלט מיט כוונה.

איך האָב זיך גיך אַריבערגעבויגן איבערן פּאַרענטש און גענומען זוכן אויפן וואַסער, אויפן פּלאַץ, וווּ ר' משה האָט זיינע פּאָלעס אָפּגע־שאָקלט. שטיקער ווייסער שוים זענען געשוואומען מיטן שטראָם אַרונטער צו דער בריק צו.

דאָס זענען עברות, בין איך באַ זיך געווען זיכער, אָבער ווי קומען עברות צו אַזאַ ייִד, ווי ר׳ משה פּעשעס, אַ ייִד, וואָס איז זיך פּשוט ממית אין אוהל של תּורה, וואָס האָט נישט צו טון מיט קיינעם און רירט נישט אָן אַ פליג אויף דער וואַנט.

אָבער צו וואָס האָט ער אַזוי געוויינט און געקלאָגט און אַזוי שטאַרק געטרייסלט די פּאָלעס ? אַרט מיך באַלד אַן אַנדערע קשיא, און די ווייסע שטיקלעך שוים אין וואַסער לעבן אים ?

איך האָב באַלד צוגעמאַכט דאָס מחזור, צוגעהאַלטן מיט אַ פינגער באַ דעם ערשטן בלעטל פון „תשליך“, און האָב איינגעגראָבן מיין בליק אין טייכל. עס איז געווען באַדעקט מיט ברעקלעך ווייסער שוים.

אַזוי פיל עברות! טראַכט איך מיט פּאַרדראָס, און די מענטשן וואָס איך זע דאָ אויף דער בריק און אויף ביידע זייטן טייכל, זענען נאָך די חשובסטע אין שטעטל: ר׳ וועלוול דיין, יאָשע דער סופר, מאיר ברוך דער מלמד, ר׳ משה פּעשעס און בערל דער שול־רופער, אַלץ אַזעלכע ייִדן, איינער ווי איינער, מיט וועלכע גאָט און לייט בענטשן זיך.

איך בין געווען אַ בעלן צו זען ווי דאָס טייכל זעט אויס פון דער צווייטער זייט בריק, וווּ דאָס יונגוואַרג האָט געזאָגט תשליך.

איך גיי אַריבער צו דעם צווייטן פּאָרענטש און טו אַ קוק — דאָס וואַסער איז כמעט ווייס פון שוים.

אָי, אַי, אָי! האָט אַ שטימע אין מיר גענומען שרייען. אַזוי פיל עבירות, אַזוי פיל חטאים! איז טאַקע נישט אומזיסט, וואָס אַזוי פיל קליינע קינדער זענען געשטאָרבן דאָס יאָר און וואָס דער פּאַרקאַן פון אַלטן בית עלמין איז איינגעפאַלן און וואָס דאָס הקדש איז אָפּגעברענט און נאָך אַזעלכע אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן אין שטעטל. אַז אַ שטעטל איז אַזוי איינגעטונקט אין עבירות און וואָלט מען עס כאָטש אַ גאַנץ יאָר וויסן.

עס באַווייזט זיך מיטאַמאָל פייוועלע דער ריטער מיט דער אָפּגעגאָלטער מאָרדע מיט אַ מחזורל אין האַנט.

אַהאַ! — קלער איך באַ זיך — אָט דאָ וועלן באַלד פאַלן עברות, טאַקע פון די ריכטיקע.

פייוועלע האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, נישט אויף דער בריק און נישט אויף ביידע זייטן און ער איז אַוועק אַזש לעבן

קרעניצע, נישט ווייט פון האַנולקע דער וועשערקעס הייזל, ווו הערצעלע באַלעגאַלעס צוויי טעכטער זענען געגאַנגען שפּאַצירן.

פּייוועלע האָט זיך געשטעלט באַם ברעג טייכל און גענומען מישן דאָס קליינע מחזורל, ווען עמעצער אויף דער בריק האָט מיט אַ געלעכ־טער אויסגערופן:

— ער האָט זיך אויסגעקליבן דעם ריכטיקן פּלאַץ, לעבן האַנולקען.

— זעט איר, וועמעס ווי וועמעס, — פּייוועלעס חטאים וואָלט איך אַליין געוואָלט האָבן — האָט אַ יונג באַלעבעסל, וואָס האָט געהאַט אַ נאָ־מען פּאַר אַ לץ, זיך אָנגערופן, אָפּשאָקלענדיק די פּאָלעס צום לעצטן מאָל.

זעליג דער שניט־קרעמער האָט צוגעוואָרפן אַ ביסטרע קוק דעם באַ־לעבעסל, האָט אַ וואָרט נישט זאָגנדיק אָריינגעשפּיגן צוויי מאָל אין טייך און האָט זיך אָפּגערוקט עטלעכע טריט.

— ער מיינט, אַז ער האָט שוין אָפּגעטרייסלט די עבירות, מעג ער שוין פּלאַפּלען, וואָס ער וויל — האָט דער וואָלעזינער פּרוש געבורטשעט אונטער דער נאָז.

— וואַרט, ברודערקע, האָסט נאָך נישט די חתימה, דאָס קוויטל.

— שוין אַזוי גוט, ווי בײַ מיר אין קעשענע, — האָט דאָס באַלע־בעסל זיך געריצט מיטן פּרוש.

איך האָב זיך צוגעהערט צו אַלץ, וואָס ס'קומט פאָר אַרום מיר, אָבער געקוקט האָב איך אויף האַנולקעס הייזל, אויף פּייוועלען און הער־צעלע באַלעגאָלעס מיידן, וועלכע האָבן אַרומגעשפּאַצירט אַרום קרעניצע און חוצפּהדיק געוואָרפן אייגלעך אויף פּייוועלען.

ווי איך שטיי און קוק, שווימט אַרויס פאַר מיינע אויגן אַ לאַנג פאַרגעסן בילד.

עס איז געווען אַ יאָר פיר צוריק, איך בין דאַן קוים זיבן יאָר אַלט געווען.

אין הילצערנעם בית־המדרש האָט מען נאָר־וואָס אָפּגעדאַוונט. אַ טייל פון עולם איז שוין געווען צעגאַנגען און אַ טייל האָט זיך גע־קליבן אַרום לאַנגן טיש צו הערן אַ פּרק משניות, ווען האַנולקע די וועש־ערקע איז אַריין און געפּרעגט אויף האַלב־יידיש — האַלב־גוייש אויפן רב.

ווען מען האָט די גויע געפרעגט, צוואָס זי דאַרף דעם רב, האָט

די אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטערן פּאַרטוך, אַ קליין, מיט דיקע וואָלוטשקע אויסגענייט תּפֿילין־זעקל און געזאָגט:

— אָט דאָס־אָ האָט אַ בחורל איבערגעלאָזט אַ משכּון בײַ מיר און איז נישט געקומען עס אָפּנעמען, ווײַל איך, איר זאָלט מיר אויסגעפֿינען, ווער דער בחור איז, ווען נישט, וועל איך מאַכן סקאַנדאַלן.

אין בית־המדרש איז געוואָרן אַ טומל, אַ גערודער. אַן אַלטער ייד איז צוגעלאָפֿן צו דער גויע און גענומען רײַסן דאָס תּפֿילין־זעקל פֿון אי־רע הענט. זי האָט אָבער געהאַלטן פֿעסט און נישט געגעבן.

— וואָס שרײַסט איר, בין איך אַ צויג, וואָס? — האָט האַנולקע געשריגן אויף איר קוויטשיק קול. מײַג דער בחור זדאַכניען, זעט ער מוזן באַצאָלן דעם האַלבן רובל, אַזאַ מאַשעניק! אַזאַ זשוליק!

יידן האָבן זיך גלײַך צוזאַמענגעלייגט און מען האָט אויסגעלייזט די תּפֿילין מיטן תּפֿילין־זעקל פֿון דער גויעס הענט און האַנולקע איז אַוועק, שעלטנדיק אויף אירע העכסטע טענער דעם בחור דעם מאַשעניק, דעם זשוליק.

דעם גאַנצן טאָג איז דאָס שטעטל געווען אויף. אַ פּאָר באַלעבאַטים פֿון הילצערנעם בית־המדרש זענען געגאַנגען פֿון איין בית־המדרש צום צווייטן, זיי זענען אויך געגאַנגען אין חסיד'ארגע און אין חייטים־שטיבל, ביז זיי האָבן ענדלעך אויסגעפֿונען, אַז דאָס תּפֿילין־זעקל מיט די תּפֿילין באַלאַנגען צו אַ בחור, וואָס הייסט פּייוועלע, וועלכער איז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אָנגעקומען פֿון ס. און אַרבעט בײַם גוייִשן רימער.

עטלעכע שיינע באַלעבאַטימלעך זענען אויף מאָרגן אַוועק צו פּיי־וועלען און האָבן אים געזאָגט, אַז ער מוז גלײַך די שטאָט פֿאַרלאָזן, ווײַל ער איז אַן עובר ישׂראל, אַ מחלל שם שמים און אַזוי ווײַטער, אָבער פּייוועלע האָט געקוקט די יידן גלײַך אין די אויגן אַרײַן, האָט זיך גע־גלעט זײַן געגאָלטע מאָרדע און האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון זיי.

— איך האָב אַ פּאַס און איר קאָנט מיר גאָרנישט טון, — האָט ער פֿרעך געענטפֿערט.

און דאָס שטעטל האָט פּייוועלען גאָרנישט געקאָנט טון און ער איז דאָרט געבליבן אַ תּושב.

ווען פּייוועלע האָט אָפּגעטרייסלט די פּאָלעס פון זיין קורצער מאַ-רינאַרקע און איז אַוועק מיט הערצעלע באַלעגאָלעס מיידן אויפן וויהאַן, בין איך צוגעלאָפן צום פּלאַץ, וווּ ער האָט געזאָגט תשליך, מיט דער דערוואַרטונג צו געפינען דאָס וואַסער אינגאַנצן מיט ווייסע אויגן באַדעקט, אָבער צו מיין שטוינען איז דאָס טייכל דאָרט געווען אַזוי ריין, אַז מען האָט זיך דערין געקאָנט אָנשפּיגלען. אין צוריקקערנדיק צו דער בריק, האָב איך צו זיך געלאַכט:

ווער ווייסט, אפשר איז דאָס גאָר פּראָסט שפּייעכץ, וואָס שווימט אַרום באַם בריקל? אַז יעדער אייגער באַ תשליך שפּייט אַריין אין טייכל!

14.

פאַרוואָס דער שידוך איז נישט געוואָרן

עס איז געווען זייער שפּעט אין אָוונט, אַ זייגער עלף, ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַנציע ב. עס איז צו מיר גלייך אָן איזוואָזטשיק צוגעלאָפן, האָט אַ נעם געטון מיין טשעמאָדאַן און מיט אַ סקריפּיק-הייזעריק קול אַ פרעג געטון: „אין שטעטל, הא?"

— יאָ, אין שטעטל — האָב איך געענטפערט. — אָבער דענקט איר, אַז מען קאָן נאָך כאַפּן די ג—ר באַלעגאָלעס?

— אָ, די פאָרן נישט אַרויס פאַר האַלבער נאַכט. און אין פינפ-צען מינוט זענען מיר דאָרט — איז דער ענטפער געווען.

איך בין אַריינגעשפּרונגען אין דראָזשקע. די בייטש האָט אַ קנאַק געטון, דאָס פערד האָט געטון אַ צי, און באַלד האָט זיך געהערט דאָס גערויש פון די רעדער איבערן צוגעפרוירענעם ברוק.

פונוויטנס, באַרג אַראָפּ-צו, האָט דאָס שטעטל מיך אָנגעקוקט מיט פאַרזשמורעטע פייערדיקע אייגלעך. און וואָס נענטער מיר זענען גע-קומען, אַלץ מער אייגלעך האָבן זיך אויפגעעפנט. עס האָט מיך גע-מאַכט פילן, פונקט ווי איך וואָלט געשטערט די נאַכט-רו פון שטעטל.

דאָס גערויש פון די רעדער האָט זיך מיטאַמאָל אַרונטערגעלאָזט אויף ווייכע טענער. די דראָזשקע האָט זיך פאַרקירעוועט אָן אַ זייט, אויף אַ גלאַטן זאַמדיקן הינטער-וועג.

— מיט דעם וועג איז נענטער — האָט דער איזוואָזטשיק באַמערקט

באַם פאַרקירעווען זיך — פונדאַנען קומען מיר גלייך צו בערל כאַשקעס אכסניה, ווו די ג—ר באַלעגאָלעס שטייען איין.

ווען מיר זענען צוגעפאָרן צום הויז, האָט אַן אָנגעפּעלצט יידל אַרויסגעפירט פון סטאַדאָלע אַ ביידל, האַלטנדיק דאָס פערד פאַר דער צוים.

— אָט האָט איר נאָך אַ פאַרשוין — האָט מיין איזוואָזטשיק אַרויס־געסקריפּעט.

דער באַלעגאָלע האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער פּאַטילניצע, האָט עפּעס געמורמלט פאַר זיך, און ווען ער איז צוגעקומען נענטער און באַטראַכט מיך און מיין טשעמאָדאַן, האָט ער געזאָגט: „מ׳עט שוין מאַכן פּלאַץ״.

פון אינעווייניק אין ביידל האָבן זיך געהערט געמישטע שטימען: „רבונו של עולם, וווּ וועט ער אים דאָ אהינטון? מען קאָן שוין אַזוי אויך מיט קיין גליד נישט רירן!״

— דאָס איז מיין עסק — האָט דער באַלעגאָלע גראָב געענט־פערט — איר זייט נאָר אַלע אַזוי מוחל און קריכט אַרויס אויף אַ ווייַלע. מ׳עט זיך שוין איינלאָדן.

עס זענען אַרויסגעקראָכן אַ פּאָר יידן, אַן עלטערע יידענע, אַ יונגע פרוי מיט אַ קינד, אַלע אָנגעפּעלצט און איינגעדעקט, אַז קיין פּנים איז נישט געווען צו דערקענען.

אין ביידל האָט זיך נאָך געהערט אַ רירן.

— איר בלייבט אויף אייער פּלאַץ! — האָט דער באַלעגאָלע באַ־פוילן — לעבן אייך וועט זיך דאָרט זעצן דער נייער פאַרשוין. — אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ פאַרשוין — האָט ער צוגעלייגט און אַ ווונק געטון צו מיר מיט זיינע פאַרגאָסענע אויגן.

— דאָס מיינט מען אַן עקסטרא פּאָר גילדן — האָב איך געטראַכט פאַר זיך.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אַלץ איינגעמישטשעט און דאָס ביידל האָט זיך אָנגעהויבן רירן.

מיין פּלאַץ איז געווען פון סאַמע אויבנאָן, לעבן אַ יונגער פרוי אָדער אַ מיידל, ווי ווייט איך האָב געקאָנט זען אין דער מאַטער שיין

פון לאַמטער. זי איז געווען לייכטער אָנגעטון ווי די אַנדערע פאַרשוינען. עס האָט זיך פון איר געהערט אַן אויסגעוועפּטער ריח פון פּערפום.

דער וואָגן האָט זיך קוים־קוים גערירט. די רעדער האָבן זיך גע־עניצן אין דעם פון אויבן צוגעפרוירענעם וועג, און האָבן זיך שווערמו־טיק געקייקלט אַרום זיך. דער באַלעגאָלע איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן און פון צייט־צו־צייט האָט זיך געהערט זיין שטרענגער, ערנסטער: וויאָו!

די צוויי יידן האָבן צווישן זיך געשמועסט אין דער שטיל. די אַלטע יידענע פלעגט אַריינפאַלן ווען־נישט־ווען מיט אַ וואָרט אין זייער געשפרעך. די יינגערע פרוי האָט געהאַט צו טון מיטן קינד, וועלכעס האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוויינען צו דער אייגנשאַפט, און האָט יעדע מינוט זיך געקלאָגט אויף עפּעס אַנדערש: דאָ אַ פוס, דאָ אַ האַנט, דאָ די פּלייצע. נאָר איך און מיין שכנטע זענען געווען שטיל. נישט איך און נישט זי האָבן געהאַט עטוואָס געמיינשאַפטלעכס מיט וועמען אין ביידל.

האָבן מיר ביידע געשוויגן.

דער וועג האָט זיך אָנגעהויבן צו לאָזן באַרג אַראָפּ. דער באַלע־גאָלע האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער קעלניע, האָט אָנגעשטעלט דעם באַשליק און גענומען די לייצעס אין האַנט. דאָס פערד מיט די גראָבע פּאַרוואַקסענע פיס האָט אָנגעהויבן זיך צו רירן מער לעבעדיק, און אַז דער שווערער וואָגן האָט גענומען עס אונטערצושטופּן פון הינטן, האָט עס זיך נישט געקאָנט אַנדערש העלפן און גענומען לויפן. די לאַבע־דריגעס האָבן זיך אויף אים געטרייסלט און פון זיין אינגעווייד האָט זיך געהערט אַ רעגלמעסיק, מאָנאָטאָן געראויש: כרופּ, כרופּ.

— דאָס איז אַ סימן פון אַ געזונט פערד — האָט איינער פון די יידן באַמערקט.

— הלוואי וואָלט מיין ווייב געווען אַזוי געזונט — האָט זיך דער באַלעגאָלע אָפּגערופן, און אַלע האָבן זיך צעלאַכט, אפילו מיין שכנה־טע אויך.

איר געלעכטער האָט מיר אַזוי ווי אַ גלעט געטון איבערן האַרץ. ס'איז געווען אַזוי אָנגענעם, אַזוי פיל מיט חן.

איך האָב זיך פלוצלינג פאַרטראַכט, אין דער וועלט אַריין, נישט וויסנדיק, וואָס איך טראַכט. איך האָב בלויז געפילט, אַז מיינע אויגן זענען

אָנגעשטעלט אַקעגן אַ געדיכטן טומאַן, און מיין גייסט איז קאָנצענטרירט אויף איין נעפּלדיקן פּונקט.

אַ מינוט שפּעטער האָט דער טומאַן אָנגעהויבן צו צעגיין, און אַלץ איז ווידער געוואָרן קלאָר פאַר מיר.

איך דערמאָן זיך אָן דעם פעטער שכנאס בריף. איבערהויפּט אָן סוף:

„פאָלג מיך", שרייבט ער דאָרט, „קום אַריבער. עס וועט דיר אסור שאַטן. — האָלסט נישט פון קיין שדוכים, האָלסט פון ליבע, שמיבע? גוט! פונוואַנען ווייסטו, אַז איך וויל דיר דווקא רעדן אַ שידוך, אפשר וויל איך דיר גאָר רעדן אַ ליבע? איך בין זיכער, אַז דו וועסט דערזעען דאָס מיידל, וועסטו זיך אויסלאַכן פון אַלע דיינע חלומות מיט די ליבעס צוזאַמען".

מערקווירדיק, האָב איך געטראַכט, דאַכט זיך, אַ פּאַרצייטיקער מענטש און קאָן זיך אַזוי שיין אויסדריקן!

היינט די גליקן, וואָס ער גיט דאָרט אָן: די רייכקייט, דעם יחוס, די געלערנטקייט. „אַ ברודער", שרייבט ער, „ענדיקט דאָס יאָר אינזשי-ניער; אַן עלטערער ברודער איז אַ גאַנצער פירער באַ די ציוניסטן, איז אויסער דעם אויך אַ גרויסער סוחר און קען אפשר פינף שפּראַכן; די מוטער איז אַ גליד-שוועסטערקינד פון „חפץ חיים" און דער פאָטער איז אַ בן-גבירים און דערצו אַ גרויסער מופלג. היינט פון דער טאָכטער איז דאָך גאָר אָפּגערעדט. זי איז ליטער מעלות: שיין, קלוג, געזונט און געבילדעט, אַז מען דענקט, אַז אַ שיינער נדן איז נישט קיין חסרון, איז דאָך שוין גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן. בקצור — דאַרפסט מיר נישט גלייבן אויפן וואָרט. אָט קום אַריבער אַהער. דו וועסט זיין באַ מיר, ווי אויך באַ דער מומען, אַ פיינער גאַסט, און אַז דו'סט וועלן, וועסטו זיך קאָנען, פריער אַזוי, באַקאַנט ווערן מיט די בערשטיינס, און אַז דאָס מיידל וועט דיר געפעלן, וועסטו מיר דאַן לאָזן וויסן".

איך דערמאָן זיך אָן דער מינע, וואָס די מאַמע האָט געמאַכט, איבערלייענענדיק דעמדאָזיקן בריוו. די אויגן האָבן איר געלויכטן פאַר שמחה. און אַז זי האָט אויף מיר אַ קוק געטון מיט איר פרעגנדיקן

בליק, האָב איך זיך אַנדערש נישט געקאָנט העלפֿן ווי מסכּים צו זיין.

באַלד — קלער איך אַזוי ווייטער — נאָך אייניקע שטונדן און איך בין באַם פֿעטער אין הויז, און ווער ווייסט, אפֿשר אויך נאָענט צו מיין אידעאַל, צו מיין לעבנס־ציל?

אין ביידל האָט זיך געהערט אַ שטאַרק כראָפּען. אַלע זענען געשלאָפֿן, אפֿילו דאָס קינד איז אויך איינגעשלאָפֿן. דער באַלעגאָלע איז געזעסן איינגעדרייט אויף דער קעלניע און געדרימלט, און אַזוי ווי פֿון חלום פֿלעגט ער פֿון צייט־צו־צייט אַרויסבורטשען אַ קורצן פֿאַרשפּעטיקטן וויאָ. נאָר מיך און מיין שכנטע האָט קיין שלאָף נישט גענומען. איך האָב געקאָנט הערן אָן איר אָטעם און רירן מיטן קערפּער, אַז זי האַלט נישט באַם איינשלאָפֿן.

אין ביידל איז געוואָרן אַ ביסל העלער, ווייל די צוויי יידן, וואָס האָבן פֿריער פֿאַרשטעלט דעם גאַנצן פֿראָנט, האָבן זיך איצט, שלאָפֿנדיק, צוזאַמענגעקאָרטשעט אין די פֿוטערס און זיך אָנגעשפּאַרט אָן די זייַלן פֿון ביידל. עס האָט זיך באַוויזן אַ שטיק אויסגעשטערנטער הימל, וועלכער האָט געבלאָזן פֿון זיך מיט אַ טרוקענער קעלט.

פֿון וויטן האָט זיך דערהערט אַ בילן פֿון אַ הונט. דאָס זענען מיר געקומען נאָענט צו אַ דאָרף. דער וואָגן האָט זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען, ווייל דער שטאַרק צעפּאָרענער בלאָטיקער וועג איז, זינט עס האָט געכאַפּט דאָס פֿרעסטל אָנהייב אָוונט, געוואָרן דורך אין האַרטע גרודעס. אָבער דאָסדאָזיקע טרייסלען האָט די שלאָפֿנדיקע נישט געשטערט. פֿאַרקערט, עס האָט זיי נאָך שטאַרקער פֿאַרוויגט. הינטערן וואָגן האָבן געקלאַפּט די צוגעבונדענע קאַסטנס, און דער קעראָסין אין גרויסן „בו־טעל" האָט זיך געפּליושקעט אַזוי אומעטיק דומפּ און דאָס גאַנצע ביידל האָט געקרעכצט.

אַרויספֿאָרנדיק פֿון דאָרף, האָט זיך דער וועג אָנגעהויבן אויסצו־דרייען. אַ שטיק לבֿנה אין דער פֿאָרם פֿון אַ „סטריצעל" האָט אַריינגעקוקט אין ביידל און באַשיינט אַלץ מיט אַ מאַטער ליכט.

איצט ערשט האָב איך באַמערקט מיין שכנהטעס געזיכט.

אַ יונג, בליענדיק פּנים איז דאָס געווען, מיט גרויסע, ליכטיקע אויגן.

— אָ, — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין — וואָלט דאָרט די פריי־לין בערנשטיין אַזוי שיין געווען.

איך האָב אָבער באַלד אָנגעהויבן צו פילן, אַז מיין שכנהטעסקעגנ־וואַרט איז געוואָרן פאַר מיר איצט אינטערעסאַנטער, נענטער, ווי די פריילין בערנשטיין דאָרט, אויף וועלכער מיין פעטער איז דאָס אַזאַ גרוי־סער מבין. מיין גאַנצער פסיכאָלאָגישער אַפּאַראַט האָט זיך צוזאַמענגע־שטופּט און גענומען זיך אַריינגנבענען אין דערדאָזיקער אומבאַקאַנטער גרענעץ פון אַ פרעמדער וועלט.

כ׳האָב אומגעדרייט דעם קאָפּ צו לינקס. איך האָב באַגעגנט איר געזיכט, וועלכעס זי האָט געהאַלטן אין אָפּקערן. איר ברוסט איז אָפּגע־שטאַנען הויך פון אונטערן דינעם מאַנטל, און כ׳האָב געקאָנט זען, ווי זי אָטעמט.

— אָ, וואָס פאַר אַ ים מיט לעבן ס׳מוז דאָרט זיין? — איך האָב געפילט, ווי איך וואַקל זיך אָט אין דעמדאָזיקן ים און האַלט זיך באַם טרינקען.

אַ הינטערשט ראָד איז אַרויף אויף אַ שטיין און דאָס ביידל האָט זיך אַ קער געטון אויף אַ זייט. איך בין געפאַלן מיט קאָפּ אויף אַ רייף און מיין שכנהטע איז אַרויפגעשליידערט געוואָרן אויף מיר. איך האָב אויף זיך געפילט דאָס גאַנצע געוויכט פון איר קערפּער, און געפילט, ווי איך ווער צעטומלט. איך האָב זיך אָבער באַהערשט. איך האָב איר געהאָלפן זיך ווידער אַוועקזעצן, האָב דערביי זייער העפלעך געדריקט איר אָרעם. זי האָט זיך, קענטיק, פאַרשעמט, און מיך געבעטן אַנטשולדיקונג.

איך קול האָט געקלונגען אַזוי צערטלעך, מיט אַזוי פיל רייץ. עס האָט זיך מיר געדאַכט, איך הער מוזיק.

איך האָב זי געפרעגט, ווי לאַנג מיר דאַרפן נאָך אַזוי פאָרן.

— אָ, מיר וועלן קומען אין שטאָט אויף אָנבייסן — איז געווען דער ענטפער.

— מיך וואָלט אפילו נישט געאַרט, אַז אויף וועטשערע — האָט זיך מיר אַרויסגעכאַפּט פון מויל.

— איך פיל זיך אויך נישט אומבאַקוועם — האָט זי געזאָגט.

— עס פרייט מיך זייער — האָב איך געזאָגט ביז אַן אונטער־

דריקטער העפלעכקייט, און האָב זי אָנגענומען בא דער האַנט, וועלכע האָט זיך נאָר-וואָס אַרויסגעגליטשט פון מופטע.

זי האָט די האַנט נישט געפּרוווט אָװעקנעמען.

דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך צעוויינט און אויפגעוועקט די מוטער. יענע האָט עס איינגעדעקט, איינגעשטילט און זיי זענען גלייך ביידע ווידער איינגעשלאָפן.

— אָ, וואָס פאַר אַ וואַרעמע האַנט בא אייך איז — האָב איך שטיל איינגערוימט מיין שכנהטע אין אויער. — איך האָף, אַז דאָס איז נישט קיין סימן...

— אַז איך האָב אַ קאַלט האַרץ? — האָט זי דערענדיקט. — אפשר יאָ, ווער ווייסט?

איך האָב צוגעלייגט איר האַנט צו מיין קני. עס איז מיר אַריבער אַ וואַרעמקייט איבערן גאַנצן קערפּער. איך האָב זי אָנגעקוקט. אירע אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט-פאַרטראַכטע, באַצויגן מיט אַ פייכטן גלאַנץ.

אַ ווײַלע שפּעטער האָב איך באַמערקט, אַז מיין לינקער אָרעם איז הינטער איר פּלייצע און די האַנט בלאָנדזשעט אַרום אונטער איר מאַנטל. זי איז געווען צוגערוקט צו מיר, און איר ברוסט האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן מיינער.

— אָ, הערט אויף, — האָט זי געשעפּטשעט, — ס'איז נישט אָנשטענדיק.

— נישט אָנשטענדיק! — האָב איך סאַרקאַסטיש איבערגעזאָגט — דענקט איר, אַז מען קאָן זיך צורירן צו איינעם, וואָס מען קאָן נישט ליבן?

— ליבן? ווי לאַנג קענט איר דאָס מיך אַזוי?

איך האָב איר אויף דעם געענטפערט מיט אַ קוש אויפן מויל און זי איז געבליבן שטיל.

מיר זענען אַזוי געזעסן אַ לאַנגע צייט. מיט יעדן גלעט, מיט יעדן דריק, מיט יעדן קוש, האָב איך איר אַן אַנדער געפיל אויסגעדריקט און זי האָט, קענטיק, אַלץ פאַרשטאַנען און האָט מיר, פון מאָל צו מאָל, אָפּגעענטפערט אויפן זעלבן אופן. אַזוי ווייט האָבן מיר זיך איינער אין צווייטן פאַרלוירן, אַז ווייט האָבן מיר צייט און אומשטענדן פאַרגעסן. ענדלעך איז איר קאָפּ געפאַלן אויף מיין שולטער, און איך האָב דערהערט

איר זאַנפטן לויזן אָטעם. זי איז איינגעשלאָפן. אַזוי אַמווייניקסטן האָט זי מיר געמאַכט צו דענקען, כאָטש פילן האָב איך געפילט, אַז זי מאַכט זיך דאָס בלויז, אַלס צייכן, אַז זי גיט זיך צו מיר איבערגאַנצן איבער... איך האָב איר צוגעשפיליעט דאָס מאַנטל, די קעלט זאָל נישט אַריין. האָב צערטלעך געגלעט איר קאָפּ און געטוליעט צו מיר, ביז דער עולם איןביידל האָט זיך גענומען „משוכען".

עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. פונוויטנס האָבן זיך דערזעען רויטע דעכער און גלאַנציקע קלויסטער־קופּאָלן. ווו־נישט־ווו האָבן זיך געטראָגן פון קוימענס העל־גרויע, דינע רויך־זיילן, דורך דער פּראָסטיקער לופט, גלייך צום הימל אַרויף. ווען־נישט־ווען האָט זיך געהערט אַ פאַרשפּעטיקטער קריי פון אַ האָן.

ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן אויף דער בריק, האָט די זון געהאַלטן באַם אַרויסקריכן פון ברייטן, באַ די ברעגעס פאַרפרוירענעם, טייך. עס האָט אויסגעזעען, ווי זי קומט אַרויף פון „טבילה".

אינם ביידל איז געוואָרן ליכטיק.

— סאַדאָוועַ גאַס! — האָט דער באַלעגאָלע, עטלעכע מינוט שפּעטער, אויסגערופן.

מיין שכנהטע האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום.

— שטעלט זיך אָפּ, זייט מוחל, — האָט זי געזאָגט צום באַלעגאָלע, — איר זענט שוין פאַרבייגעפאָרן אונזער הויז.

דער וואָגן איז געבליבן שטיין. מיין שכנהטע האָט אויף מיר אַ קוק געטון פאַרשעמט, האָט מיר געגעבן די האַנט און כמעט ווי געשטאַמלט:

— אַדיע. פיליכט וועלן מיר זיך נאָכאַמאָל באַגעגענען.

דאָס האַרץ האָט מיר פאַרקלעמט. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן איר. איך האָב געזעען, ווי איינער פון מיינע שענסטע חלומות ווערט פון מיר פאַרשוווּנדן.

ערשט אַז דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט באַ מיין פעטערס הויז, אין דער אַנדערער עק שטאָט, האָב איך זיך דערמאָנט, צוליב וואָס איך בין אַהערגעפאָרן.

פרייטיק אָוונט, נאָכן עסן, האָט מיך דער פעטער אָפּגערופן אָן א זייט, און מיך געפרעגט, צי וואָלט איך געוועז א בעלן זיך דורכגיין מיט די קינדער צו בערנשטיינס.

— איר דאַרפט נישט זיצן דעם גאַנצן אָוונט דווקא אין הויז דאָרט — האָט ער צוגעגעבן. — איר קאָנט זיך ארויסגיין א ביסל אויף א שפּאַציר. ס'איז אַזוי שיין אינדרויסן. הלוואי וואָלט איך געווען יינגער, איך וואָלט אַליין אויך געגאַנגען שפּאַצירן.

די קוזינעס מיינע זענען שוין געווען אָנגעטאָן. זיי האָבן אויף מיר געוואַרט.

— טוט בעסער אָן די קאָלאָשן — האָט די מומע אויסגערופן מיט אַן ערנסטער מינע. — עס פאַלט א שנייעלע, און עס קאָן נאָך ווערן נאָכדעם א בלאָטע.

אַלע האָבן געפאָלגט די עצה.

אַריינקומענדיק אין סאַדאָווע גאַס, האָב איך באַמערקט א גרויס צווייסטאָקיק הויז, מיט גרויסע פענצטער, פון וועלכע א העלע ליכט האָט זיך אַרויסגעשפּרייט און באַלויכטן די גאַנצע ברייט פון דער גאַס.

— דאָס איז בערנשטיינס הויז — האָט מיין יינגערע קוזינע מיר פאַרטרויט א סוד אין אויער. — ער איז איינער פון די רייכסטע באַ אונז אין שטאָט.

אין פאַרזאַל האָט אונז באַגעגנט א שיינער ייד, מיט א לאַנגער, צעקעמטער גרוילעכער באָרד און א דיקע, אויסגערוטע, רייך־פאַרפּוצטע פרוי.

— הער ש., אונזערס א קוזין — הער און מאַדאַם בערנשטיין — האָט מיין עלטערע קוזינע פאַרגעשטעלט.

— טוט זיך אויס, מאַכט זיך באַקוועם, קינדערלעך! — האָט דער באַלעבאָס פריילעך אויסגערופן.

מיר זענען אַריין אין א גרויסן, רייך־באַפּוצטן זאַל.

— וווּ איז אַניוטאַ? — האָט מיין קלענערע קוזינע א פרעג געטון.

— זי וועט באַלד אַריינקומען — האָט פרוי בערנשטיין געענט־פערט. — געניסט עפּעס דערוויל. פרוכט, קאָנפעקטן.

איך האָב געפילט, ווי עס פאַלן אויף מיר בליקן פון אַלע זייטן. דאָ, פון הער, און דאָ פון פרוי בערנשטיין, און אַלס א צוגאָב, אמאָל אויך פון מיינע קוזינעס. איך האָב אָנגעהויבן צו פילן מיין ריכטיקע לאַ־

גע און געשפּירט, ווי מיין געזיכט פלאַמט. איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. טפוי! חתן! חתן־בחור! האָב איך געקוקט אויף זיך אַליין מיט פאַראַכטונג. אַלץ דעם פעטער צו פאַרדאַנקען!

עס האָט זיך געעפנט די טיר אַנטקעגן און אַ שיין־געבויטע, יונגע פרויען־פיגור איז אַריין.

— מיין טאָכטער — הער ש. — האָט דער באַלעבאָס פאָרגעשטעלט.

אונזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט.

כ'האָב נישט געקאָנט גלייבן, וואָס איך זע.

איך האָב אויף איר נאָכאַמאָל אַ קוק געטון, אירע אויגן האָבן אויס־בעדריקט די טיפסטע פאַראַכטונג. ס'איז נישט געווען מער יענץ נאַיווע, ליבע מיידל, וואָס אין ביידל. עס איז געווען אַ שטאָלצע, פאַרביסענע כלה...

אויף מאָרגן, שבת־צו־נאַכטס, בין איך געזעסן אין דעם זעלבן ביידל, כ'בין געפאָרן צוריק אַהיים. — אויס חתן.

פון דער בייער וועלט

1.

„ט ו ט צ י“

„טוטצי“ איז דער ליבלינג פון גאַנצן בלאָק.

איבערהויפּט איז זי באַליבט בײַ די קליינע קאָסטאָמערלעך, וואָס קומען אַריין אין דער קענדי-סטאָר, וווּ זי האָט איר היים געמאַכט.

קומט אַריין אַ ייִנגעלע נאָך אַ פּעני קענדי, לויפט ער די ערשטע זאַך צו צו טוטצין און טוט איר ליבלעך אַ גלעט; קומט אַ מיידעלע אַריין נאָך אַ „לאָלי פּאָפּ“ אָדער עפּעס אַנדערש, זוכט זי גלייך אויס טוטצין און מאַכט איר „נאַיס“ אָדער זאָגט איר אַ פריינטלעך וואָרט. און אפילו גרויסע מענטשן אינטערעסירן זיך מיט טוטצין, ווי זי וואָלט געהאַט ווער ווייסט וואָס פאַר אַ זכות.

און דאָך איז „טוטצי“ נישט מער, ווי אַ גאַנץ געוויינלעכע, מיטל-גרויסע גרויע קאַץ, פון וועלכע מען זעט שפּעט בײַנאַכט אויף די איסט-סיידער גאַסן אין די צענדליקער זיך אַרומדרייען אַרום גאַרבעדזש באַרעלס.

דער אַלטער קריסט, וועלכער האָט „טוטצין“ מיט יאָרן צוריק צוועקגעגעבן אין „באַרגיין“ מיט דער קענדי-סטאָר צו העריסן דעם ציגאַר-מאַכער, האָט פאַרזיכערט העריסן, אַז טוטצי איז נישט אַבי אַ קאַץ: אַז זי שטאַמט פון דער סיאַמעזער קעץ-ראַסע און האָט אַ גרויסן קעצענעם יחוס, וואָס איז ווערט גאָלד בײַ „סאָסייעטי“-פרויען און דעם קריסטס ווייב האָט פשוט געוויינט, ווען זי האָט זיך געדאַרפט אָפּגעזעגענען מיט דער קאַץ. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט בענקען נאָך טוטצין מער, ווי נאָכן סטאָר. און טאַקע, אַ פּאָר טעג נאָכדעם, ווי ער האָט איבערגענומען

דעם סטאָר, איז בײַ העריסן קיין צווייפל נישט געווען, אַז די „גויע" האָט געמיינט, וואָס זי האָט געזאָגט.

דעם זעלבן טאָג, וואָס העריס האָט איינגעצאָלט די לעצטע פּאָר הונדערט דאָלאַר אויפן סטאָר און די קריסטן זענען אַוועק פון דער נאָכבאַרשאַפט, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער איז מיאוס אַרײַנגעפאַלן מיטן „באַרגיין", אַז דער סטאָר לײַזט איין טוים העלפט, ווי דער קריסט האָט אָנגעגעבן און אַז טוטצי איז אַ קאַץ אַ נאַשערקע, אַ פרעסערקע, ווי אַלע קעץ.

העריס איז באַלד אַוועקגעלאָפן צו מר. בייטעלשניידער, דער איידשענט, וואָס האָט אים אַרײַנגעשדכנט די „מציאה" און האָט זיך צעשריגן:

— ס'טייטש, איר האָט מיך פאַרפירט אין אַ בלאָטע, דער סטאָר איז גאָרנישט ווערט, ער טראָגט קוים אויף די רענט! — אָבער דער איידשענט האָט אים אויסגעהערט קאַלטבלוטיק און אים געהייסן „זיך נישט צו קאָכן".

— איר וועט זען, אַז בײַ אייך וועט דער סטאָר זיך „אימפּרואווען" — האָט מר. בייטעלשניידער פאַרזיכערט העריסן — איר זענט אַ יונגערמאַן, אייער ווייב איז אַ יונגע פרוי, איר וועט קאָנען „אַטענדען" בעסער ווי דער אַלטער קריסט — דעם אמת זאָגנדיק, האָט דער סטאָר זיך טאַקע אַ ביסל אַרונטערגעאַרבעט בײַם גוי די לעצטע צייט. די געגנט איז געוואָרן אינגאַנצן אַ יידישע און אין סטאָר האָט זיך געבעטן אַ יידישער באַלעבאָס, אָבער אַמאָל איז דער סטאָר געווען אַן אמתער שמאַלץגרוב און אפילו איצט איז ער ווערט דאָס געלט, וואָס איר האָט פאַר אים באַצאָלט. אַ קלייניקייט, איינער אין בלאָק און אַזוי נאָענט פון אַ סקול.

— אויפן לעצטן אופן — האָט דער איידשענט געזאָגט — קאָן איך קריגן אַ קאַסטאָמער אויפן סטאָר אַזוי שנעל ווי איר וועט אים וועלן פאַרקויפן.

ווען דער איידשענט איז אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען און געזאָגט, אַז אים דאַכט זיך, אַז ער האָט אַ קאַסטאָמער אויפן סטאָר, איז „טוטצי" אַרויפגעקראָכן אויפן צעבראָכענעם „שאו קייס", האָט אָנגעשטעלט

אירע גרינע אויגן אויפן איידעשענט און איר קערפער האָט זיך געקאָר־טשעט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַרויפשפּרינגען אויף אים.

— פּע, סאַראַ ווילדע קאַץ איר האָט — האָט ביימעלשניידער אויסגערופן, זיך אָפּרוקנדיק אויף הינטער — זי קאָן דאָך מענטשן די אויגן אויסדראַפּען.

— דאָס האָט דאָך אייער קריסט אונז אין נדן אַריינגערעכנט — האָט מרס. העריס סאַרקאַסטיש געזאָגט — עס איז דאָך ספּעס אַ „שימע־זער" קאַץ. אַז שימלען זאָל ער שוין אין קבר דער אַלטער...

טוטצי האָט, קענטיק, פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן איר. זי האָט געוואָרפן אַ פייעריק־גרינעם בליק אויף מרס. העריס, האָט אַ ווײַלע אונטער זיך געבורטשעט און דאַן אַרויסגעלאָזט:

— מיאַו, מיאַו!

— זעט נאָר ווי עס פאַרשטייט וואָס מען רעדט — האָט מרס. העריס זיך געוווּנדערט.

פון דאַן אָן האָבן מר. און מרס. העריס גענומען קריגן רעספּעקט פאַר טוטצין און זייער רעספּעקט פאַר איר איז געשטיגן מיט יעדן טאָג, זעענדיק ווי זי לאַשטשעט זיך און קלעפּט זיך צו די קליינע קאָסטאָ־מערלעך, וואָס קומען אַריין אין סטאָר און ווי די קינדער זענען „דאָס לעבן" פאַר איר.

— וואָס טויג מיר די רייד — פלעגט מרס. העריס אָפט זאָגן צו איר מאַן — יאָ „שימעזער" נישט „שימעזער", מיט דער קאַץ האָבן מיר זיך שוין גאָרנישט אָפּגענאַרט.

דער סטאָר האָט באַ די העריסעס בשום אופן זיך נישט געוואָלט אימפּרואווען. עס האָבן נישט געהאָלפן די „טיקעטס", די „פּרעמיומס" און די אַנדערע „אינדוסמענטס" און אפילו טוטצי, וואָס איז מיטן טאָג געוואָרן אַלץ מער באַליבט באַ די קינדער פון בלאָק, האָט אויך גאָרנישט געקאָנט העלפן. דער סטאָר האָט אייבפאַך נישט געטויגט.

מען האָט, דאַכט זיך, דעם גאַנצן טאָג געלייזט, געווען „ביזי" באַ „סקול סופּלאַיס" באַ קענדי, באַ סיגאַרעטס, אָבער ווען עס איז געקומען צו ציילן דעם פּדיון איז געווען — פּעניס און פּעניס, און די העריסעס האָבן ענדלעך באַשלאָסן צו פאַרקויפן דעם סטאָר פאַר אַבי וועלכן פּרייז.

און מר. בייטעלשניידער האָט גענומען פירן קאָסטאָמערס, איינעם נאָכן אַנדערן, ביז עס איז געקומען דער ריכטיקער און האָט באַפרייט די העריסעס פון דער צרה.

און טוטצי איז אַריבער מיט דער „מציאה" אַ צווייט מאָל אין נייע הענט.

העריסעס נאָכפאָלגער איז געווען אַ מר. אַרמוטה, אַ ייד, וואָס האָט זיך אָפּגעמוטשעט פינפצען יאָר אין אַ שאָפּ באַם ביגעלאייזן. ער איז געווען בלאַס און אויסגעדאַרט און האָט געהאַט אַ „טאַטש אויף קאָנסאָמפּשען". זיין פרוי איז געווען אַ היימישע יידענע, אָן איינפאַכע גוטמוטיקע אָבער זייער אָנגעבלאָזענע און איר האַלב טוץ קינדערלעך, פון וועלכע דאָס עלטסטע איז געווען אַן אויסגעדאַרט מיידעלע פון אַ יאָר זיבן, איז שטענדיק געהאָנגען אַרום איר פאַרטוך.

טוטצי האָט די ערשטע פאָר טעג זיך נישט געפונען באַקוועם באַ די נייע באַלעבאַטים. מר. אַרמוטה, וועלכער האָט, גלייך ווי די העריסעס זענען אַוועק, זיך אַרומגעזעען, אַז ער איז מיאוס אַריינגעפאַלן מיט די ביזנעס, האָט גענומען אויסלאָזן זיין ביטער האַרץ צו דער קאַץ. ער האָט זי געטריבן, געיאָגט און געשלאָגן און נישט געלאָזט אַ מינוט צורו.

— קעץ האָבן מיר נאָך אויסגעפעלט ! — פלעגט ער זיך צעשרייען, אַרומיאָגנדיק זיך נאָך טוטצין.

אָבער טוטצי האָט זיך נישט געלאָזט פאַרטרייבן פון סטאָר. פון איין טיר פלעגט מר. אַרמוטה זי אַרויסטרייבן און פון דער צווייטער פלעגט זי צוריק אַריין — מיט אַ מיאו, ווי זי וואָלט זאָגן : דאָס איז מיין היים, איך האָב זיך דאָ אויפגעהאָדעוועט און וועל דאָ פאַרבלייבן.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג און דער איידזשענט בייטעלשניידער איז געקומען זעען, וואָס הערט זיך אין סטאָר.

דער כעסדיקער אַרמוטה איז אים באַפאַלן מיט קולות און געוואַלדן : גזלן, איר האָט אונז אומגליקלעך געמאַכט. פינפצען יאָר געאַרבעט שווער און ביטער אויפן געלט.

— שאַ, איר דאַרפט נישט שרייען - האָט דער איידזשענט אים געזוכט צו באַרויקן — וואָס איז מיין שולד. אַז די העריסעס זענען נישט

קיין אָרנטלעכע מענטשן. זיי האָבן מיר געוויזן, אַז דער סטאָר לייזט איין און נײַנציק דאָלאַר אַ וואָך.

— וואָס איז די פּעולה פון די רייד — האָט מר. אַרמוטה זיך אַרײַנגעמישט — דער סטאָר איז נישט פאַר אונז. מיר קאָנען פון אים, שונאי ישראל, קיין לעבן נישט מאַכן און איר מוזט זען, אונז קריגן אַ קאָסטאָמער אויף אים, וועלן מיר פאַרלירן אַ פאָר הונדערט דאָלאַר, אַבי אַרויסגיין מיט עפּעס.

— אַ זאָרג אַ קאָסטאָמער אויף אַזאַ סטאָר — האָט בייטעלשניידער געשמייכלט — איינער אין בלאָק, נישט ווייט פון אַ סקול.

טוטצי איז געלעגן אויפן בענקל, בײַם קענדי קאונטער, און געגלאָצט מיט אירע פייערדיק-גרינע אויגן אויפן איידזשענט און ווען ער איז אַרויס, האָט זי זיך אַזוי שטאַרק צעמיאַוקעט, דאָס דער בייזער באַלעבאָס האָט געכאַפּט אַ שטעקן און גענומען יאָגן נאָך איר.

טוטצי האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוויינט צו מר. אַרמוטהס רוגזה און האָט זיך קענטיק געפילט גאַנץ צופרידן, וואָס זי איז אַזוי באַליבט בײַ דער באַלעבאָסטע און איר האַלב טוץ קינדער און אַלס צייכן פון איר צופרידנקייט האָט זי איין שיינעם פרימאָרגן געבראַכט פיר שיינע, ווייסע קעצעלעך אויף דער וועלט.

דעם טאָג, וואָס בײַ אירע קליינטשיקע האָבן די אייגעלעך זיך גענומען עפענען, איז דער סטאָר ווידער אַריבער אין נייע הענט און בייטעלשניידער האָט אָפּגענומען זיין דריטע „קאָמישאָן”.

די נייע באַלעבאַטים, וועמעס הערצער ס׳זענען געווען פאַרביטערט, וואָס זיי זענען אַרײַנגעפאַלן אין דעם צרהדיקן סטאָר, האָבן גענומען אויסלאָזן זייער כעס צו טוטצין, ווי זייער פאָרגענגער האָט די ערשטע צייט געטון, און עס איז איינמאָל געקומען אַזוי ווייט, דאָס די אָרימע קאַץ האָט געמוזט פאַרברענגען אַ גאַנצע נאַכט אינדרויסן, אָבער אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען ער האָט זי געפונען ליגנדיק בײַ דער טיר פון סטאָר, האָט דער באַלעבאָס איבערגעבעטן טוטצין מיט אַ גלעט איבערן קעפּל און זי אַרײַנגענומען צוריק אין סטאָר.

זייט דאַן האָבן די באַלעבאַטים פון סטאָר זיך געביטן נישט ווייניקער ווי צען מאָל, אָבער טוטצי איז נאָך אַלץ אויף איר פּלאַץ און איז דער ליבלינג פון אַלע, וואָס קומען אַרײַן אין סטאָר.

צו איין מענטשן בלויז קאָן זיך טומצי נישט צוגעוויינען — צום אײדזשענט בייטעלשניידער.

ווען זי זעט אים נאָר קומען, וועקט זיך אין איר אויף איר קאַצן־נאַטור און זי צעמיאַוקעט זיך:

— מיאַו, מיאַו!

2.

אין ביזנעס פאַר זיך אַליין

הײמאַן איז געקומען קײן אַמעריקע מיט דער אַמביציע צו װערן אַ ביזנעסמאַן.

ער איז נישט געװען אַזוי אויסן די גליקן, װאָס מען מאַכט פון ביזנעס, נאָר ער האָט נישט געװאָלט האָבן אויף זיך דעם יאָך פון אַ באַלעבאָס. אים איז געװען ליבער צו אַרבעטן פאַר זיך צװאַנציק שעה אַ טאָג, אײדער באַ אַן אַנדערן צען שעה.

און אַזוי גיך װי ער האָט אײנגעהערט דאָס טוץ ענגלישע װערטער, װאָס איז נײטיק פאַר אײנעם, װאָס װיל פּעדלען אין אַ גויאישער נאַכבאַרשאַפט, האָט ער געבאָרגט עטלעכע דאָלאַר פון זײן שװאָגער, דעם אָפּערײטאָר, האָט זיך אײנגעשאַפט אַ „באַסקעט" מיט כל טוב און האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין די גאַסן צו טון ביזנעס.

און אים איז אַװעק נישט שלעכט און אין פאַרלויף פון אַ פּאָר מאָנאַטן האָט ער אויסגעצאָלט זײן שװאָגער, װאָס ער האָט פון אים געבאָרגט און איז געװאָרן באַלעבאָס פון אַ פּושקאַרט אויף ריװינגטאָן-סטריט.

מיטן פּושקאַרט האָט ער אָבער נישט אַזוי גוט אויסגעמאַכט. ער האָט געהאַט צופיל קאָנקורענץ אַרום זיך און האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט צוקלויבן אַ ריכטיקן פּלאַץ, דערצו האָט ער געהאַט גרויסע צרות מיט די לײסענס און ער האָט באַשלאָסן צו נעמען זיך צוריק צום באַסקעט ביז גאָט װעט אים העלפן אַרויסצואַרבעטן זיך אויף אַ שטיקל סטאַרקע,

פון וואָס עס זאָל נישט זיין. דאָס איז אים אָבער געווען נישט לייכט צו דערגרייכן.

עס זענען מיטאמאָל געקומען שלעכטע צייטן און עס זענען אוועק טעג, וואָס ער האָט קיין איין „סייל" נישט געמאַכט. זיין שוואָגער האָט געזוכט אים איינצורעדן ער זאָל בעסער זוכן א דזשאָב, ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ זיין „ביזנעס", אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט רירן פון אָרט. ער האָט געזאָגט, אַז וואָס עס זאָל מיט אים נישט פּאַסירן — גיין שקלאַפן אין אַ שאָפּ וועט ער נישט.

און זיין אַמביציע האָט אים דורכגעטראָגן דורך דער שלעכטער צייט. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינען גאָר נישקשהדיק און אַזוי ווי אַהיים האָט ער געשיקט „גאַרנישט מיט גאַרנישט" און זיין הוצאה האָט באַטראָפן זייער ווייניק, האָט ער זיך אַזוי געשפּאָרט אַ דאָלאַר צו אַ דאָלאַר ביז אין פאַרלויף פון אַ יאָר, האָט ער אָנגעזאַמלט דריי הונדערט דאָלאַר.

צו דערדאָזיקער סומע האָט ער צוזאַמענגעליען, פון זיין שוואָגער, זיינע קוזינען און די אַנדערע קרובים, וואָס ער האָט געהאַט, נאָך אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר און האָט געקויפט אַ קליינע קענדי-סטאָרקע אויף דער פינפטער סטריט.

ערשט דאַן האָט היימאַן אָנגעהויבן צו פילן, אַז ער איז אַ ביזנעסמאַן פאַר זיך. אמת, ער האָט געאַרבעט שווער און ביטער, איז געווען אויף די פיס אַכצן שעה און מער אין מעת-לעת, האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן אַ מינוט צו זעען, וואָס עס טוט זיך אויף גאָטס ליכטיקער וועלט, איז תמיד געווען פאַרשמייעט, פאַרביזעט, פאַרהאָוועט, באַם סאָדאַ פאָונטיין, און באַם קענדי קאָונטער, האָט נישט געהאַט קיין צייט אָפּצוּוואַשן די בלאָטע פון זיינע צעשפּאָלטענע הענט, אָבער דאָס באַוווסטזיין, אַז ער אַרבעט פאַר זיך אַליין, אַז ער איז זיין אייגענער באַלעבאָס, האָט אים אָנגעפילט מיט פרישע כּוחות און אים האָט נישט געאַרט, וויפיל און ווי שווער ער זאָל נישט אַרבעטן. זיין שטאָלץ און צופרידנקייט מיט זיך אַליין האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ, ווען עס פלעגט קומען דער ערשטער פון מאָנאַט און דער לענדלאָרד פלעגט קומען נאָך די רענט. ער פלעגט ברייטלעך אַרויסציען דעם „קעש דראָוער", אַרויסנעמען אַ פּעקל בילס, אויסציילן זיי אויפן קאָונטער, צוויי-דריי מאָל, מעשה ריכטיקער

ביזנעסמאַן און פֿאָדערן אַ רעסיט, אָבער טאַקע פֿאָדערן, ברייטלעך. עס פֿלעגט אים צוקומען אַ שטיק געזונט דערפֿון, כאָטש דאָס קעסטל פֿלעגט נאָכדעם בלייבן ליידיק און ער האָט געוווסט, אַז אַ פּאָר טעג שפּעטער וועט ער דאַרפֿן צאָלן פֿאַר טאַבאַק, פֿאַר וואַסער דעם קענדי-ביל און פֿיל אַנדערע בילס. ער האָט נישט געזאָרגט, ער האָט געוווסט, אַז ער וועט מיט גאָטס הילף איינלייזן די נייטיקע סומע, ביז ער וועט דאַרפֿן צאָלן די בילס. אַבי דאָס שווערסטע — די רענט, אָפּגעפּטרט.

און ווער איז געווען גלייך צו אים, ווען דער גרויסער וואָגן מיט די קאַנען סאָדע-וואַסער פֿלעגט זיך אָפּשטעלן לעבן זיין סטאָר, אָדער ווען דער דרייווער פֿון דער טאַבעקאָ אָדער קענדי-קאָמפּאַניס וואָגן פֿלעגט זיך אָפּשטעלן און נעמען זוכן זיין „אָרדער" אין וואָגן. ער האָט געפֿילט דאַן — ער איז עמעצער, אַז ער האָט אַ נאָמען, נישט אַבי ווער וועמען קיינער וועט קיין סענט נישט טרויען.

אָבער אמת גליקלעך, אפֿשר שוין איבערגליקלעך, האָט זיך היימאַן געפֿילט, ווען אַ מאַן פֿון פּאָבליק לייברערי איז צו אים איינמאָל געקומען נאָך אַן אונטערשריפֿט אויף אַן אַפּליקיישאַן פֿאַר ביכער צו ליינען, וואָס זיינס אַ קוזינס אַ טאָכטער האָט אַריינגעגעבן. ערשט דאַן האָט ער געפֿילט די גאַנצע וויכטיקייט פֿון זיין אַ ביזנעסמאַן.

זיין שוואָגער, זיינע קוזינען און זיינע אַנדערע קרובים האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט רעספּעקט. זיי האָבן אפֿילו געוווסט, אַז קיין גליקן מאַכט ער נישט, אַז ער אַרבעט שווער און ביטער צו קאָנען צאָלן די בילס און אַז די עטלעכע דאָלאַר, וואָס זיי האָבן אים געבאָרגט באַם קויפֿן דעם סטאָר, וועלן זיי נישט קאָנען אַרויסקריגן איידער ער וועט דעם סטאָר פֿאַרקויפֿן, דאָך האָבן זיי געפֿילט, אַז זיי דאַרפֿן שטאָלצירן מיט אים, אַז ער „פּאַרווייסט" זיי דאָך די משפּחה — אַ משפּחה, פֿון פּראַצע-וויטע אַרבעטער, און אַז טאָמער מאַכט זיך, אַז מען דאַרף עמעצער זאָל „אונטערשרייבן" אָדער „גוט זאָגן" האָבן זיי זיך צו וועמען זיך צו ווענדן.

און עס איז טאַקע איינמאָל געקומען אַ צייט, וואָס איינער פֿון די קוזינס איז געוואָרן „געבראָכן" אַזוי, אַז ער איז געווען געצווונגען אָנצו-קומען אין „גמילות" חסדים. און היימאַן האָט טאַקע ערוב געווען פֿאַר אים פֿאַר פֿינף און צוואָנציק דאָלאַר.

אַזוי איז זיך היימאַנען געגאַנגען גאָר כשורה, ביז מיטאַמאָל איז

אַרויסגעוואַקסן פֿון „אָפּאָזישאַן" אַנטקעגן זיין כּטאָר און אים איז געוואָרן טרויעריק אויפֿן האַרץ.

דאָס לייזונג אין סטאָר איז אָפּגעפֿאַלן מיט יעדן טאָג און עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ער האָט מער נישט געקאָנט צאָלן זיינע בילס אין צייט. זיינע קרובים האָבן אים אָבער נישט פֿאַרלאָזט, זיי האָבן אים געהאָלפֿן ווי ווייט זיי האָבן געקאָנט. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערלויבן צו לאָזן פֿאַלן דעם איינציקן ביזנעסמאַן אין זייער משפּחה.

היימאַן האָט געזעען, אַז ער וועט פֿיל לענגער דעם סטאָר נישט קאָנען אָנהאַלטן און ער האָט באַשלאָסן, אים צו פֿאַרקויפֿן איידער עס ווערט צו שפּעט.

ער האָט דעם סטאָר „אַריינגעגעבן" צו אַן איינדזשענט און באַלד האָבן זיך גענומען שיטן „קאַסטאָמערס" פֿון אַלע זייטן. דער „אָפּאָזישאַן" האָט אָבער אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף אַלעמען און עס האָט געדויערט אַ האַלב יאָר, ביז ער האָט געקריגן אַ בעלן פֿאַר העלפֿט וואָס ער האָט פֿאַרן סטאָר באַצאָלט.

אַ פּאָר וואָכן איז היימאַן אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער. זיך צו נעמען צוריק צום באַסקעט האָט ער נישט געקאָנט פּועלן. שטייענדיק די פּאָר יאָר אין סטאָר, האָט זיך אין אים אַנטוויקלט צופֿיל שטאָלץ צו קאָנען אויף דאָס ניי גיין קלאַפּן איבער די טירן און בעטן מען זאָל אים געבן צו לייזן. ער האָט געוווסט, אַז אים וועט עס שוין נישט אָנקומען אַזוי לייכט ווי אַמאָל און נעמען זיך צו אַן אַנדער ביזנעס האָט ער נישט געהאַט געלט, אפילו ווען ער זאָל זיינע קרובים די חובות דערווייל נישט באַצאָלן. זיין שוואָגער איז אים צו שטאַרק צוגעשטאַנען, ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן די ביזנעס פֿון קאָפּ און ווערן אַן אַרבעטער ווי אַלע פֿון זיין משפּחה, ער האָט אים פֿאַרזיכערט צו קריגן אַ דזשאָב אין שאַפּ, וווּ ער אַרבעט, אָבער היימאַן האָט נישט געוואָלט הערן און זען וועגן דעם. ער האָט אויף זיך גענומען אַ נדר, אַז וואָס מיט אים זאָל נישט פּאַסירן, וועט ער נישט גיין פֿאַרקויפֿן זיך צו אַ „באָס".

זעענדיק, אַז דאָס געלט צעקריכט ביסלעכווייז און קיין פּאַסנדע ביזנעס מאַכט זיך אַלץ נישט, האָט היימאַן זיך געפֿילט געצוווּנגען זיך צו נעמען צוריק צום באַסקעט. אים האָט אָבער שוין געפֿעלט דער מוט און קוראַזש, וואָס ער האָט געהאַט אַמאָל. און ווען ער פֿלעגט טאָפּן דעם

וועג אין די טונקעלע האָלס, שלעפנדיק אויף זיך דעם שווערן באָסקעט. פלעגט זיך אים פאָרשטעלן, ווי ער שטייט אין סטאָר הינטערן קאָונטער און לייזט אַזוי געשמאַק די פעניס און ניקעלס און דאָס האַרץ פלעגט אים פאַרדריקן, אַז טרערן פלעגן אַזש קומען אין זיינע אויגן.

ענדלעך האָט היימאַן זיך צוריק צוגעווינט צום באָסקעט און ווען ער האָט אין פאַרלויף פון אַ פאָר יאָר ווידער געהאַט זיינע דריי הונדערט דאָלאַר, האָט ער אַ צווייט מאָל געקויפט אַ קענדי סטאָרקע. אין אַן אַרי־מער געגנט אין ברוקלין.

קיין גליקן מאַכט היימאַן אין זיין נייער סטאָרקע אויך נישט, נאָר ווען מען זעט אים הינטערן קאָונטער, לייזנדיק די פעניס אָדער געבנדיק אָרדערס צו די טאָבעקאָ אָדער קענדי־לייטע, מיינט מען, אַז קיין גליק־לעכער פון אים איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

3

האַנדלשאַפט

באַגעגנט האָב איך זיך מיט הײמאַנען בײַ דער גרענעץ, װעלכער ער האָט זיך אַריבערגעגנבעט און איך — אַריבערגעפֿאָרן מיט אַ גובערנאַטאָרסקען פּאַס. איך האָב אים געטראָפֿן מיט אַ קאָמפּאַניע אימיגראַנטן: עטלעכע בחורים נאָר־װאָס פֿון פּריזיװ, אַ פּאָר עלטערע יידן און יידענעס און אַ מײדל פֿון אַ יאָר פֿינפֿצען, װעלכע האָבן זיך נאָכגעשלעפּט מיט זײערע פּעק און טשעמאָדאַנעס אַ װײס־בערדיקן „שװאַרצער" דורך די הינטערגאַסן פֿון אַ קלײן דײַטשיש שטעטל, װאָס ליגט האַרט בײַ דער רוסישער גרענעץ. עטלעכע טעג אַרום האָב איך אים װידער געטראָפֿן, אין מיסלערס שיף־קאָנטאָר אין ברעמען, און אויף מאָרגן האָבן מיר בײדע צוזאַמען באַשטיגן די שיף, װאָס האָט אונז געבראַכט קײן אַמעריקע.

ערשט װען די שיף איז אַרויף אויפֿן נאָרד־זעע האָבן מיר זיך באַקענט. איך האָב אים געטראָפֿן אויף דער דעק. ער איז געשטאַנען באַם פּאַרענטש צונויפֿגעדרײט פֿון קראַמפֿן און דער קאָליר פֿון זײַן געזיכט האָט זיך געביטן, פֿון געל אויף גרין און פֿון גרין צוריק אויף געל. איך האָב דערזען, אַז ער לײדט פֿון ים־קראַנקײט און האָב אים געראַטן זיך צו גײן צולײגן אויפֿן בעטל, װאָס ער האָט אויך געטון.

אויף מאָרגן, װען איך בין געקומען אים מבקר חולה זײַן, האָט ער געפֿילט פֿיל בעסער. דער שװינדל אין קאָפּ און דאָס איבלען אונטערן

האַרץ האָבן אים אָפּגעלאָזט און זיין געזיכט איז געווען גאַנץ פריי, כאָטש נאָך אַ ביסל געלבלעך. מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל פונאַנדערגערעדט און באַלד זענען מיר געוואָרן פריינט.

דאָס איבעריקע פון דער רייזע האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען און ווען מיר האָבן אין „קעסל־גאַרדען" זיך צעשיידט, האָבן מיר גענומען איינער דעם אַנדערנס אַדרעס און צוגעזאָגט זיך אָפּצוזוכן אַזוי גיך ווי מיר וועלן האָבן אַ געלעגנהייט.

און אויף דער געלעגנהייט האָבן מיר לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. איניקע טעג נאָך אונזער אָנקומען האָט זיין קוזין, וועלכער האָט אים פון דער שיף אַראָפּגענומען, אים געבראַכט צו מיר און ביידע צוזאַמען האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן אָנצוקוקן די שטאָט.

אַ וואָך שפּעטער האָבן מיר ביידע געאַרבעט אין איין שאָפּ און אין אַ מאָנאַט שפּעטער האָט ער זיך אַרויסגעצויגן פון זיין קוזין און איך פון מיין אָנקל און מיר זענען ביידע געוואָרן באָרדערס בײַ איין „מיסיס" ערגעץ אויף הענדי־סטריט.

און אַזוי זענען אַוועק אַ צוויי יאָר. איך אָן היימאַנען האָב זיך נישט אַ קער געטון און היימאַן אָן מיר האָט קיין טריט נישט געמאַכט. מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט, צוזאַמען „געסטאָפּט", אויף איין טיש געגעסן און אין איין צימער געשלאָפן. צוזאַמען געגאַנגען צו מיטינגען, צו לעקציעס, אין טעאַטער, אין פּאַרק, און צוזאַמען אַרויסגעפאָרן אויף פּיקניקס און עקסקורזשאָנס.

מיר האָבן זיך געפילט אַזוי צוגעפּאַסט איינער צום צווייטן, פּונקט ווי מיר וואָלטן איין מענטש געווען, און גאַנץ אָפט, אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע, ווען מיר האָבן איינער דעם אַנדערן געוואָלט עפּעס זאָגן אָדער אויף עפּעס אויפמערקזאַם מאַכן, האָבן מיר זיך נאָר איבערגעקוקט און עס איז געווען גענוג.

אַזוי איז עס געגאַנגען, ביז היימאַן האָט זיך באַקענט מיט מיס שלעכט, פאַר וועלכער זיין קוזין האָט אים פאָרגעשטעלט אויפן „פאָרשריט"־באַל.

היימאַן האָט זיך פאַרליבט אינעם מיידל מיטן ערשטן בליק און די פּאָר טעג, וואָס ער האָט געמוזט וואַרטן, ביז ער וועט זי קאָנען ווי־

דער זעען, איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום. ער האָט מיר פאַר־טרויט די אורזאַך פון זיין צעטראָגנקייט און איך האָב אים מיט שפּאַס געטרייסט, געגעבן האָפנונגען און צו דערזעלבער צייט געוואָרנט נישט צו זיין צו האַסטיק.

דער באַל איז געווען חנוכה־צייט און די נאַכט פון פּורים זענען היימאַן און מיס שלעכט געוואָרן אָפיציעל חתן־כלה. די חתונה איז באַ־שטימט געוואָרן אויף שבת נאָך שבועות.

די עטלעכע וואָכן פון די תנאים ביז דער חתונה האָב איך געזעען היימאַנען נאָר באַטאָג, צו דער אַרבעט. פאַרנאַכט, אַזוי גיך ווי עס פלעגט זיך דערהערן דער פייף פון דער דערבייאיקער פאַבריק, פלעגט ער גלייך נישט ווערן און אַהיימקומען פלעגט ער שפּעט אין דער נאַכט. און גאַנץ אָפט, פאַרטאָג, ווען דער „מיסיס״ עלטערער זון, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ גראָסערי, איז שוין געווען אויפגעשטאַנען.

אַ פּאָר מאָל האָב איך אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער שלאָפט צו ווייניק און אַז דאָס ווייניק שלאָפן קאָן זיך אָפּרופן שלעכט אויף זיין געזונט. אָבער איך האָב באַמערקט, אַז ער וויל נישט ליידן, וואָס איך גיב אים עצות און איך האָב אויפגעהערט.

מיס שלעכט איז געווען אַ גאַנץ אינטערעסאַנט מיידל, פון מיטעלן וווקס, בלאָנד, מיט אַ פּאָר שמייכלענדיקע בלויע אויגן און אַ פריש אויס־געפּילט געזיכט, זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גוטע צוגעלאָזטע נאַטור, אָבער עפּעס — איך האָב אַליין נישט געוווסט וואָס — איז אין איר געווען, וואָס מיר איז געווען נישט געפעלן און מיך האָט שטאַרק געקרענקט, וואָס מיין פריינט באַמערקט נישט דעם עפּעס.

אַ וואָך פּאַר שבועות האָט היימאַן אַרויסגעצויגן פון דער לאָזשי און איך בין פאַרבליבן אַליין מיט אַ בענקשאַפט אין האַרץ, ווי מען פאַרלירט עפּעס, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר ליב און טייער. כאָטש היימאַן האָט מיך פאַרזיכערט, אַז אונזער פריינטשאַפט וועט אונטער קיינע אומשטענדן נישט ווערן שוואַכער.

היימאַן האָט חתונה געהאַט און אַ פּאָר חדשים נאָך דער חתונה האָט ער אויפגעגעבן די אַרבעט און איז אַריין אין „ביזנעס״. ער האָט געקויפט אַ קענדי־סטאָר אין אַ קליין שטעטל אין ניו דזשורזי.

וואָכן נאָכאַנאַנד פלעגן אַדעק, אַז איך פלעג הײמאַנען נישט זען. דאָס פאַרן צו אים האָט געדויערט אַ פּאָר שעה און איך האָב זיך נישט געקאָנט אַרויסקלײַבן, סײַדן אַ זונטיק אָדער אַ יום־טוב, איז אין די טעג געווען די „ביזי" באַ אים אַזאַ גרויסע, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרײַסן עטלעכע מינוט צו רעדן מיט מיר.

אַזוי האָבן מיר זיך ביסלעכווײַז אָפּגעווײנט אײנער פון דעם אַנדערן און נישט געזען אײנער דעם צווייטן מאָנאַטן לאַנג, כאָטש אין טיפן הארץ האָבן מיר נישט אויפגעהערט, צום ווייניקסטנס וואָס מיר אַנבאַלאַנגט, צו פילן ווי פרײַנט און חברים.

אַ יאָר נאָך הײמאַנס חתונה, האָב איך, טאַקע באַ זײַן קוזין אין הויז, זיך באַקענט מיט הײמאַנס פרויס אַ לאַנדס־מײדל און אײניקע מאָנאַטן שפּעטער איז זי געוואָרן מײַן פרוי.

דעם דזשאָב אין שאַפּ האָב איך אויפגעגעבן אַ וואָך פאַר דער חתונה. און אַ וואָך נאָך דער חתונה בין איך און מײַן ווײַבל געשטאַנען אין אַן אײגענעם סטײשאָנערי־סטאָר אין אַ רײַכער געגנט אין ברוקלין.

און די צײַט האָט זיך אַזוי געדרוקט און מאָנאַט נאָך מאָנאַט איז פאַרשוווּנדן, ביז עס איז געוואָרן צוויי יאָר, אַז מיר האָבן געהײראַט. פון הײמאַנען האָבן מיר ווען נישט ווען געהערט צופעליק, אומדירעקט, אָבער געזעען האָבן מיר נישט אים און נישט זײַן פרוי פון דעם טאָג פון אונזער חתונה.

אונזער ביזנעס איז געגאַנגען נישט שלעכט. קײן קאָנקורענטן האָבן מיר נישט געהאַט. דער נעקסטער סטײשאָנערי־סטאָר צו אונז איז געווען אויפן דריטן בלאָק און דאָס האָט ער באַלאַנגט צו אַן אַלט קריסטלעך פאָרפאָלק, וועלכע האָבן זיך געהאַט זײערע קאָסטאָמערס און האָבן נישט געזוכט „אײַנצורײַסן די וועלט".

האָבן מיר זיך געלעבט רויק און שטיל און בשלום אפילו מיט אונזערע שכנים, די סטײשאָנערי־לײַט, וואָרים וואָס האָבן מיר געהאַט אײַבע צו די אַנדערע?

אײן פאַרנאַכט, נאָכן „ראַוש", ווי איך שטײ אַזוי אין סטאָר באַם קאַונטער, עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן — הײמאַן.

איך בין געוואָרן אַזוי פאַרוואונדערט, דאָס איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו דענקען וועגן זיין פלוצלינגדיקן קומען. איך בין צוגעלאָפן צו אים, האָב אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט און גענומען אויספרעגן אויף אים און זיין פרוי.

היימאַן איז געשטאַנען ווי פאַרשעמט, די אויגן האָט ער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט צום פּלאָר און אָנשטאָט צו רעדן קלאָר און פעסט, ווי ער איז געווען געוווינט, האָט ער געשטאַמלט.

— דו ווייסט — האָט ער זיך אָנגענומענדיק מיט מוט ענדלעך אַרויסגערעדט — איך גיי ווערן דיינס אַ שכן.

— מיינס אַ שכן! האָב איך מיט שמחה אויסגערופן — נו, נו, דערציייל שוין ווען, ווו!...

— איך האָב אָפּגעקויפט מעקאַלאָס סטאָר — האָט היימאַן געענטפערט, קוקנדיק אויף מיר ווי איינער וואָס פילט זיך שולדיק.

— נו, זאָל זיין מיט גליק! — האָב איך אים די האַנט געדריקט — און וואָס האָסטו געטון מיט דער סטאָר אין דזשוירזי!

— האָסט גאָרנישט געהערט? — האָט היימאַן פאַרוואונדערט געפרעגט, — דעם סטאָר האָב איך פאַרקויפט נאָך מיט פינף מאָנאַט צוריק. איך האָב שוין געהאַט געקויפט אַ ביזנעס אויף סטעטען איילאַנד און גאַנץ מיאוס אַריינגעפאַלן און האָב זיך אַרומגעדרייט ליידיק ביז איצט. וואָס דענקסטו וועגן מעקאַלאָס סטאָר?

— דו קומסט מיך פרעגן נאָכדעם ווי דו האָסט שוין געקויפט! — האָב איך אין אַ מוסר-טאָן זיך אָפּגערופן — נאָר איך דענק, אַז דער סטאָר איז גוט, מען קאָן מאַכן אַ גאַנץ פיין לעבן פון אים.

ווען מיין פרוי האָט זיך דערוווּסט, אַז היימאַן גייט ווערן אונזער שכן, האָט עס איר נישט צו שטאַרק „געשמעקט". זי האָט געזאָגט, אַז מיט גוטע פריינט איז שטענדיק בעסער פונדערווייטנס.

די ערשטע וואָך וואָס היימאַן האָט דעם סטאָר איבערגענומען, איז ער, ווי אויך זיין פרוי, געווען זייער פריינטלעך מיט אונז. עטלעכע מאָל דורכן טאָג האָט ער אָדער זי זיך „אַריינגעכאַפּט" צו אונז.

אויסצוגעפינען וועגן דעם אָדער יענעם, און מיר האָבן זיי אַלץ אויפֿן פריינטלעכן אופֿן דערקלערט. און ווען נאָר איך אָדער מיין פרוי האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט זענען מיר אַריין צו אים אין סטאָר, אים צו וויזן געוויסע זאַכן, וואָס ער האָט נאָך נישט געוווּסט.

אויף דער צווייטער וואָך זענען היימאַנס וויזיטן שיטערער געוואָרן, זיין פרוי איז בלויז איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַריינגעקומען און אויף דער דריטער וואָך האָבן זיך שוין ביידע נישט געלאָזט מער זעען. אונז האָט עס אַ ביסל פאַרדראָסן, אָבער שטאַרק גענומען צום האַרץ וועגן דעם האָבן מיר זיך נישט.

איינמאָל קומט אַריין אַ קאַסטאָמער, וואָס פלעגט שטענדיק קויפן אַ געוויסן „בּרענד" ציגאַרן, נאָך אַ צייטונג פון אַ פּאָר טעג צוריק. איך האָב די צייטונג אויפגעזוכט און אים געפרעגט, וואָס איז די אורזאַכע, וואָס ער האָט שוין אַזוי לאַנג קיין ציגאַרן נישט געקויפט.

— וואָרים זאָל איך אייך צאָלן צען סענט „סטרעיט" פאַר די ציגאַרן, ווען איך קריג זיי אין דער נעקסטער סטאָר דריי פאַר אַ קוואָרער, — האָט דער קאַסטאָמער ביזנעסמעסיק געענטפערט.

מיך האָט עס פאַרברענט ווי פייער, איך האָב אָבער מיין פרוי גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען איך בין צוריק געקומען פון דאָרט, האָט מיר מיין פרוי אַן אויפגערעגטע דערציילט, אַז אַ קאַסטאָמער האָט איר געזאָגט, אַז ער קויפט די „פּאַלמאָל" און די „פיליפּ מאָריס" ציגאַרעטן צו אַכצען סענט אַ פּעקל בײַ היימאַנען. דאָס הייסט, מיט פינף סענט אויפן פּעקל ביליקער ווי בײַ אונז. איך האָב מיין פרוי געזאָגט, זי זאָל זיך נישט אויפרעגן און איבערהויפּט נישט גלייבן וואָס מען דערציילט איר, און נאָך איבערהויפּט אויף היימאַנען.

— איך ווייס נישט ווי דיין היימאַן, אָבער אויף איר, אויף שיינדעלען, וועל איך אַלץ אין דער וועלט גלייבן. איך קען איר משפּחה פון דער היים — האָט מיין פרוי זיך נישט געוואָלט באַרויקן.

אַ פּאָר טעג נאָכדעם, צום „איווניג ראַוט" האָב איך זיך געטראָפן מיט היימאַנען אויף אַ בלאָק, ווו מיר האָבן ביידע געהאַט קאַסטאָמערס,

ווען ער האָט מיך דערזעען, האָט ער די אויגן אַראָפּגעלאָזט, האָט אויסגערופן העלאָ אונטער דער נאָז און איז שנעל אַוועק.

ווען עס איז געקומען וואַקיישאָן-צייט האָט היימאַן זיך אָפּט געלאָזט זעען אין די בלאָקס, ווו איך האָב אויסגעטיילט צייטונגען. מען האָט מיר אָפּגעגעבן גרוסן, אַז ער קויפט אונטער האָל-באָיס און דינסטן. זיי זאָלן ברענגען צו אים די אָרדערס פאַר די צייטונגען, ווען זייערע באַלעבאַטים וועלן צוריקקומען, און נאָך וואַקיישאָן, ווען דער עולם האָט גענומען צוריקקומען פון קאַנטרי, האָבן מיר טאַקע געפעלט היפּש עטלעכע קאַסטאָמערס.

מיין פרוי האָט פון מיר פאַרלאַנגט, איך זאָל אַריבערגיין צו הייימאַנען און אים געבן, אַז „עס זאָל אים אין האַלז נישט קריכן". ווען נישט, האָט זי געזאָגט, וועט זי אַליין גיין. איך האָב איר צוגעזאָגט דאָס צו טון, אָבער איך האָב אָפּגעלייגט פון טאָג-צו-טאָג. היימאַן איז געוואָרן אַזוי קליין אין מיינע אויגן, דאָס איך האָב זיך איינפאַך געמיאוסט צו באַגעגענען זיך מיט אים.

איין טאָג, ווען איך קום אַריין אין אַ הויז, ווו די באַלעבאַטים זענען נאָר-וואָס צוריקגעקומען פון קאַנטרי, צו נעמען דעם אָרדער פאַר די צייטונגען, באַגעגן איך אין האָל היימאַנען, איינטענהנדיק מיט אַ דינסט. ער איז געוואָרן שטאַרק רויט, ווען ער האָט מיך דערזעען און האָט נישט געהאַט ווו אַהינצוטון זיין בליק. איך האָב זיך געמאַכט, ווי איך זע אים נישט, נאָר אַרויסגייענדיק האָב איך אים אָפּגעוואַרט בײַ דעם צווייטן הויז.

— זייער פיין פון דיר, היימאַן! — האָב איך זיך נישט געקאָנט באַהערשן — אַזוי טוט עס אַ פריינט, אַ ברודער, האַ!

— היימאַן האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און גענומען שטאַמלען בע... מע... דאָס ווייב הייסט אים.

— עס וועט דיר נישט העלפן קיין תּרוצים — האָב איך זיך שטרענג אָפּגערופן, איך האָב, דאַכט זיך, אויך אַ ווייב און פונדעסטוועגן...

היימאַן האָט געזעען, אַז ער מאַכט זיך צו נאַר אומזיסט, האָט ער זיך אָנגענומען מיט קוראַזש, וויפיל ער האָט געקאָנט, און חוצפּהדיק אויסגערופן:

— אויב דיר געפעלט נישט, ווֹעסטו מיט מיר נישט גיין שפּאַצירן אויף גרענד סטריט! האָסטו געהערט, זיינע קאַסטאָמערס! נאָו סערי! האַנדלשאַפט איז נישט קיין ברודערשאַפט!

און איך האָב קיין וואָרט נישט געענטפערט. איך האָב נאָר גע־טון אַ שפּיי אויס און בין אַוועק אַזוי שנעל ווי די פיס האָבן מיך גע־קאָנט טראָגן.

4.

קינדער מיט גרויע קעפּ

אויפן חנוך תּגדר פון ד—ר סאָסייעטי.

דער רב האָט גערעדט, געשאָטן מיט פּסוקים פון חומש, מיט מדרש און מאמרי חז״ל, האָט צונויפגעפּירט בוידעם מיט וואַנט און האָט „באַוויזן״, אַז עס איז נישטאָ קיין בעסער אָרט אונטער גאָטס הימל ווי דער גן־עדן, אין וועלכן עס רוען אָן ספק די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע ד—ר מעמבערס. דער עולם האָט זיך געבאָקן אין דער ברענענדיקער זון, באַם קליינעם מאַרמאָרנעם טויערל און אַרום די שיטער צעוואָרפענע מצבות, און האָט זיך צוגעהערט מיט טיפן ערנסט צום רבס רייד. פון דאָ און דאָרט האָט זיך געטראָגן אַ זיפץ, אַ כליפּ פון אַ מאַן און אַ פאַרשטיקטער יאָמער פון אַ פרוי, אָבער דעם רבס העל־קלינגענדיק קול האָט זיך געטראָגן ווייט איבערן מיט מצבות פאַרזייטן פעלד און פאַרטושט די שטילע טרויעריקע קלאַנגען.

איך בין געשטאַנען אָן אַ זייט דורכגענומען מיט מאָדנע געפילן.

אַ פאַרבאָרגענע האַנט האָט האָסטיק — ווי איינער אין גרויס איילעניש דרייט אָן די אָפּגעלאָפענע ספרונזשינע פון אַ זייגער, — מיך געטון אַ שלעפּ צו מיינע לאַנג איבערגעלעבטע קינדער־יאָרן.

לאַנג פאַרגעסענע פּאַסירונגען און איבערלעבענישן האָבן איינע נאָך די אַנדערע זיך אַרויסגעשיילט פון דער נעפּלדיקער מאַסע, וואָס

הייסט פאַרגאַנגענהייט. ביז איך בין געבליבן שטיין בײַ די יאָרן און די טעג ווען איך און אַ גרויסע טייל פון די, וואָס זענען פאַרזאַמלט אויפן בית־עלמין, האָבן זיך געפונען אין דעם קליינעם שטעטל ד. און נישט געטרוימט אפילו, אַז מיר וועלן זיך אַמאָל צעשיידן און אין יאָרן און יאָרן אַרום זיך ווידער טרעפן אויף אַ חנוך הגדר אין דעם ווייטן־ווייטן אַמעריקע.

פינף און צוואַנציק יאָר זענען זייט דאַן אַריבער.

פאַר דער צייט האָב איך, ווען נישט ווען, זיך געטראָפן מיט אַן אַלטן חבר אין מיין נייער היים אין רוסלאַנד, אין ל. כ'האָב זיך אַ צוויי — דריי מאָל באַגעגנט מיט אַ חבר, קאָלעגע אין „סלוושבע" און שפּעטער אַמאָל, אין עטלעכע יאָר, זיך געטראָפן מיט אַ לאַנדסמאַן אין ניו־יאָרק, אָבער קיינע פון די באַגעגענישן האָבן אויף מיר נישט געמאַכט אַ געבוג טיפן איינדרוק, וואָס זאָל קאָנען צוריקרופן די גאָלדענע טעג פון מיינע קינדער־יאָרן, ווי די באַגעגעניש מיטן עולם לאַנדסלייט אויפן פעלד פון קברים און מצבות. מיינע בליקן האָבן געוואַנדלט האַסטיק פון איין מאַן צום צווייטן, פון איין פרוי צו דער צווייטער, און פאַר מיינע גייסטיקע אויגן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען קליינע הילצערנע און געמויערטע הייזלעך, שמאָלע ברוקירטע און נישט ברוקירטע געסלעך, אַ שול מיט אַ הויכן שינדלענעם דאַך, אַ הילצערן בית־המדרש, צוויי געמויערטע בתי־מדרשים, אַ שול־הויף, אַן אַלט בית־עלמין, אַ תלמוד תורה, דאַן אַ גרויסער מאַרק מיט אַ ווייסן קלויסטער פון איין זייט און אַ ריאַד קראָמען פון דער צווייטער, ביז דאָס גאַנצע שטעטל ד. איז גע־שטאַנען בולט אונטערן רויקן ד—ר הימל.

אַ בענקעניש האָט מיין האַרץ אָנגעפילט און טרערן זענען מיר געקומען אין די אויגן.

דער רב האָט געענדיקט זיין רעדע און דער פּרעזידענט פון דער סאָסייעטי, וועמענס פאָטער איז פאַר מיינע צייטן אין ד. נאָך אַ בחור געווען, האָט געעפנט דעם „טאָרג" אויף אויפשריפטן אויפן גדר.

שמואל אהרן דאָבעס, וועלכן איך געדענק נאָך אַלס אַ ייד אַ תּקיף, איז אַרויסגעפאָרן דער ערשטער מיט אַ „פּינפּערל" פאַרן ערשטן סלופּאָק, אָבער באַלד האָט ער געקריגן אַ ביטערן קאָנקורענט אין יאַנקל דעם אַנוטשניקס זון, וועלכער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַן אייגע־נער הייזקע אין בראָנזוויל. דעם אַנוטשניקס זון האָט גלייך געטאָפּלט די סומע און האָט דערביי געמאַכט אַ מינע, ווי ער איז גרייט צו „פּייטן" די גאַנצע וועלט.

דער אַלטער משה יאָסל, וועמעס פרוי איז געווען די ערשטע צו פאַרנעמען אַ קבר אויף דעם ד—ר בית־עלמין, האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אַרויסצורייסן דעם סלופּאָק פון דעם אַנוטשניקס זונס הענט. ער האָט געבאָטן מיט צוויי דאָלאַר מער, אָבער יענער האָט אַ געשריי געטון: „צוואָנציק דאָלאַר פאַרן ערשטן סלופּאָק, חער גיט מער?" און קיינער האָט אַ מויל נישט געעפנט, איז דער ערשטער סלופּאָק געבליבן באַם אַנוטשניקס זון.

דער זיגרייכער מאַן האָט געקוקט אַרום זיך מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט זאָגן:

„איר שפּילט זיך מיט מיר! איר מיינט, אַז דאָס איז ד. און איך בין נאָך אַלץ דער אָרימער הינטערן ליזאַנקע בחור, אָבער דערווייל בין איך דער איינציקער פון אַלע ד—ר לאַנדסלייט, וואָס האָט זיך אַרויפגע־אַרבעט אין אַמעריקע".

דער טאָרג איז אַזוי אָנגעגאַנגען ווייטער, ביז אַלע סלופּקעס ווי אויך ביידע זייטן פונם מאַרבעלנעם טויער זענען געווען אויספאַרקויפט און די באַאַמטע פון דער סאָסייעטי האָבן צופרידן זיך געריבן די הענט און געזאָגט, אַז דער חנוך הגדר איז געווען אַ גרעסערער דערפאָלג, ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן.

דער עולם האָט זיך לאַנגזאַם גענומען לאָזן צום „לאָנטש רום", וואָס איז באַם אַריינגאַנג פון דער סעמעטערי, אָבער איך האָב זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. איך בין געבליבן שטיין לעבן אַ נאָך נישט פאַר־וואַקסענעם קבר און געקוקט אַרום זיך ווי אין אַ חלום.

— קום, שלמה, וואָס שטייסטו? האָב איך מיטאַמאָל דערהערט אַ באַקאַנטע, קלינגענדיקע שטימע.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און דערזעען בערל מאַריאַשעס, מיט

וועלכן איך האָב געלערנט צוזאַמען באַ אברהם חיים דעם דרדקי מלמד.

איך האָב אָנגעקוקט מיין אַמאָליקן חבר און דאָס האַרץ האָט מיך פאַרקלעמט צום וויינען.

— דערקענסט מיך נישט? — האָט בערל אויסגערופן פאַרוווּנדערט — איך בין בערל מאַריאַשעס, צוזאַמען אין חדר געלערנט און אין פערדלעך געשפּילט. איך האָב דיך גלייך דערקענט. די קוקסט אויס קיין עין הרע נאָך גאַנץ יונג. נישט ווי איך...

— די קוקסט אויך אויס נישקשה — האָב איך פּרובירט טרייסטן מיין אַמאָליקן חבר, אָבער ער האָט אָנגעוויזן אויף זיין גרויען קאָפּ און האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט מיט אַ מינע ווי איינער זאָגט: אָט לאָמיר בעסער דערפון נישט רעדן!

באַלד איז געקומען וועלוול דעם דיינס, מיט וועלכן איך האָב געלערנט צוזאַמען באַם ווילנער פּרוש, און האָט זיך גענומען קושן מיט מיר.

— איך האָב נישט געוואָלט גלייבן, אַז די ביסט דאָס, שלמה, אָדער שלמהקע, ווי מען פלעגט דיך אַמאָל רופן — האָט ער מיט התפעלות געזאָגט — די קוקסט דאָך אויס מיט צוואַנציק יאָר יינגער פון מיר, וואָס זאָגסטו בערל, בין איך נישט גערעכט? — האָט ער מיט די זעלבע התפעלות אויסגערופן, אַרויפלייגנדיק זיין האַנט אויף בערל מאַריאַשעס פּלייצע.

— איך האָב אים נאָר וואָס דאָס זעלבע געזאָגט! — האָט בערל אויסגערופן מיט טריומף.

— האָסטו דאָ געטראָפן גבריאלן? — האָט וועלוול געפרעגט און האָט זיך גענומען אַרומקוקן אויף אַלע זייטן — ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל דיך זעען. זעסטו, אויף אים איז טאַקע גאָטס רחמנות! זיין פרוי ליגט שוין באַלד אַ האַלב יאָר אין האָספּיטאַל און ווער ווייסט, ווי לאַנג נאָך זי וועט דאָרט דאַרפן ליגן, זיין עלטערע טאָכטער האָט זיך פאַרכליאָבעט אין אַן איטאַליענער און מיט ביזנעס איז אויך נישט זייער צאַצקעדיק.

איך האָב זיך גענומען נאָכפרעגן אויף אונזערע אַמאָליקע בשותּפותדיקע חברים און וועלוול האָט געזאָגט, אַז זיי זענען דאָ אַלע איצט

אויפֿן בית-עלמין און אַז די אַלע, וואָס איך זע דאָ, זענען ד—ר אָדער האָבן אַ שייכות צו ד.

— אַ היפּש ביסל לאַנדסלייט האָבן מיר דאָ — האָב איך זיך אָנגערופֿן.

— וואָס רעדסטו! אפשר באַלד מער ווי עס זענען געבליבן אין ד. — האָט וועלוול געענטפֿערט, זיך פֿאַסמאַקעווענדיק — אָבער לאָמיר דיר עפּעס זאָגן: אונזערע ד—ר זענען גרויסע שלימזלס, ווי דאָרט אַזוי דאָ, זיי זענען אומעטום אויף צרות.

— נישט אַזוי געפּערלעך! — האָט אים בערל אונטערגעבראָכן — וואָס פֿעלט דעם אַנוטשניקס זון? האָט אַ הויז אין בראָנזוויל אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. און וואָס איז מכּות פּסח, לייבל דעם שניידערס, אַ דעזיינער באַ קלאָוקס, לעבט ווי אַ גראַף און וווינט אין הויז, וווּ מען לאָזט קיין יידן נישט אַריין.

— ער איז דער זעלבער תּם וואָס אַמאָל — האָט וועלוול געזאָגט, אָנצייגנדיק מיטן פֿינגער אויף בערלען — זיין באַגריף אין עשירות איז פּונקט ווי זיין טאַטנס עליו השלום.

בערל האָט זיך געפֿונען באַליידיקט. ער האָט גענומען ענטפֿערן און אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט האָט עס געהאַלטן באַ אַ קריג. צום גליק אָבער זענען צוגעקומען עטלעכע אַלטע באַקאַנטע און די שטימונג איז באַלד געוואָרן צוריק וואָס געווען.

איך האָב געפֿילט אַ מאָדנע דריקעניש אין האַרץ, קוקנדיק אויף מיינע אַמאָליקע חברים.

איך קוק אויף וועלוולען, איך קוק אויף בערלען, איך קוק אויף אלתּר דעם סופֿרס, און אויף מאָטע דעם קאַמאַשנשטעפּערס. איך זע פֿאַר זיך יידן מיט גרויל לעכע און גרויע קעפּ, מיט דאגה-קנייטשן אויף די געזיכטער און מיט מאַטע אויסגעלאָשענע אויגן, וועלכע צייגן נישט קיין שפּור מער פֿון דער גליקלעכער, גאָלדענער קינדער-צייט, אָבער צו דער זעלבער צייט פֿיל איך, אַז זיי זענען נאָך די זעלבע קינדער, וואָס איך האָב אַמאָל געקענט, די זעלבע ד—ר יינגלעך, מיט וועלכע איך בין צוזאַמען אויסגעוואַקסן.

אָט שטייט פֿאַר מיר בערל מאַריאַשעס, אַ דאַרינקע, בלאַס יינגעלע, מיט וואַסערדיקע בלויע אויגן און מיט דראָבנע זומער-שפּרינקעלעך אויפֿן

געזוכט. אָט זע איך אים אַרײַנקומען אין חדר מיטן מיטאָג אונטערן אָרעם, דער רבי בײַזערט זיך אויף אים, פאַרװאָס ער האָט זיך געזוימט באַם „װאָרעמעס" און ער שטײט אַ צעשראָקענער און האַלט גרייט די רעכטע האַנט צו פאַרשטעלן דאָס פּנים, אין פאַל עס פאַרװילט זיך דעם רבין אַרונטערצולאָזן אַ פּאַטש; אָט זע איך װעלװל דעם דײַנס אין דער לאַנגער ברױנער קאַפּאָטע, מיט די לאַנגע געקרײזלטע פּאות און מיטן יראת־שמים־פּנימל, װאָס דאָס היטל מיט דער ברײטער דענקע האָט אויף אים אַרױפגעצויגן. אָט לויפן מיר צוזאַמען מיט נאָך קינדער צום פּוסטן באַרג, פרײַטיק נאָכן חדר. מיר פירן מלחמה אין סאָד, מיר מאַכן „דאַטשעס" און קלעטערן אויף גלײַכע װענט; אָט דאַכט זיך, מיר קלויבן זיך צוזאַמען אין הילצערנעם בית־המדרש און שטיפן אויף װאָס די װעלט שטײט, פאָרן רײַטנדיק אויף שטענדערס און שפּרינגען פון ליזשאַ:קע, דער שמש מיט דער קאַליקער האַנט יאָגט זיך נאָך אונז, שרײַט און שילט און סטראַשעט, אַז ער װעט דערצײלן אונזערע טאַטעס, אָבער מיר הערן אים „אין טראָק" און טוען װאָס מיר װילן.

לאַנג־פאַרשװוּנדענע בילדער לויפן אײנע נאָך די אַנדערע אין מײַן זכרון און שטעלן זיך װי לעבעדיקע פאַר מײַן פאַנטאַזיע. אָט זע איך זיך אַלײן און עטלעכע פון די יידן, װאָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויפן חנוך הגדר. דער שניי איז ביז די קני. איך גײ פאָרויס מיט אַ לאַמטער אין דער האַנט און אַלע נאָך מיר. אָנקומענדיק אויפן מאַרק, שטעלן מיר זיך אָפּ און מיר װאַרפן זיך מיט „קױליעס", מיר שטעלן צונויף שניי־מענטשן און פאַרשטיפן זיך, ביז די טאַטעס אָדער מאַמעס קומען אונז זוכן. און אָט זע איך װי אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, פון עטלעכע חדרים מיט־מיטאַמאָל, גײען מיר אין אַ ליכטיקער װינטער־נאַכט צום טײַך זיך גליטשן.

די בילדער פאַרשװינדן אײנס נאָך דעם אַנדערן און די קינדער־געשטאַלטן װערן צערונען.

איך דערזע דעם נײַעם גדר פון ד—ר בית־עלמין, די מצבות און די גדרים פון די אַרומיקע „סעמעטעריעס" און דעם עולם לאַנדסלײַט, װאָס ציט זיך לאַנגזאַם צום „לאָנטש רום". מײַנע אַמאָליקע חברים שטײען באַך אַרום מיר און רעדן פון די אַמאָליקע גוטע צײַטן.

איך האָב טיף אַרײַנגעגראָבן מײַן בליק אין זײ און האָב געזעען,

אַז דאָס איז דער זעלבער בערל, דער זעלבער וועלוול, דער זעלבער מאָטקע און דער זעלבער אלתּר. עס זענען געווען די זעלבע ד—ר ייִנגלעך, וואָס איך האָב געקענט מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, נאָר דער קאָליר פון זייערע האָר האָט זיך געביטן. זיי זענען פאַר דער צייט געוואָרן, ווער אינגאַנצן גרויע און ווער בלויז גרוילעך.

איך בין אַהיימגעקומען פון בית־עלמין מיט אַ צעבראָכן געמיט און בין גלייך צוגעלאָפן צום שפּיגל זוכן גרויע האָר אין מיין קאָפּ.

5.

אַרויסגעשטופּט פון „מנין"

ראש השנה באַנאַכט.

בערל לייב שטייט אין פראָנט-רום באַם פענצטער מיט אַ שטייפן שוואַרצן הוט אויפן קאָפּ און מיט אַ מחזור אין די הענט. זיינע פאַרטרערטע אויגן זענען געריכטעט אויף די פאַרגעלטע בלעטער פון מחזור, זיינע ליפן באַוועגן זיך לאַנגזאַם און זיין קערפער וויגט זיך הין און צוריק מיט דער רעגלמעסיקייט פון אַ פערפענדיקעל.

זיין ווייב, דבורה, אַ פּראַצעוויטע יידענע מיט אַ ביינערדיק געזיכט און טיפע קנייטשן אַרום מויל, זיצט אָנגעשפּאַרט מיט ביידע עלנבויגנס איבער אַ גרויסן פון בונד אויסגעריסענעם מחזור, זאָגט אויפן קול די עברי-טייטש און פון מאָל צו מאָל וואַרפט זי אַ פאַרזאָרגטן בליק אויף די ליכט אינעם פיר-רעריקן מעשענעם לייכטער, וואָס שטייט אויפן מיטן טיש.

— בערל לייב, מאַך צו די פענצטער — האָט דבורה אויסגערופן, אַרויפלייגנדיק אַ פינגער אויפן מחזור, נישט צו פאַרלירן ווו זי האַלט — די גאַנצע ליכט וועלן צעשמאָלצן ווערן.

בערל לייב האָט געטון, וואָס זיין ווייב האָט געהייסן. ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען און געקוקט פאַרטראַכט אויף די ליכט. ער האָט פאַרשאַרט דעם הוט אויף הינטן און זיך געטון אַ רייב דעם שטערן, מיט אַ מינע, ווי עפעס אונטער אים וואָלט געווען נישט אינגאַנצן אין

אָרדנונג. דאַן האָט ער האַסטיק אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ און טיף אָפּ־זיפצנדיק האָט ער זיך צוריק אַוועקגעשטעלט איבערן מחזור.

— זיי נישט אַזוי צעטראָגן, בערל לייב — האָט זיין פרוי גע־זאָגט אין אַ טרייסטנדן טאָן — גאָט איז אַ גוטער, ער וועט אויסהערן אונזערע תפילות און אונז צושיקן אַ גוט יאָר, כאָטש מיר דאַוונען אָן אַ מנין.

בערל לייב האָט נאָכאַמאָל אָפּגעזיפצט און האָט זיך גענומען, כלומרשט מיט כוונה, שאָקלען איבערן מחזור, שעפּטשענדיק שטיל מיט די ליפּן. דאָס דאַוונען האָט אָבער בשום אופן אין קאָפּ אים נישט גע־וואָלט קריכן.

ער ווייסט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט, אַז ער שטייט איצט בײַ זיך אין פראָנט־רום. ער זעט, דאַכט זיך, אַזוי קלאָר, אַז אויסער אים און זיין ווייב איז אין הויז קיינער נישטאָ, דאָך שטעלט זיך אים פאָר, ווי אַ פאָר הונדערט מענטשן, מענער אויף איין זייט און פרויען אויף דער צווייטער זייט, יומטובדיק אויסגעפּוצט, זיצן ענג צונויפגעדריקט אין אַ העל־באַלויכטענעם האַל מיט מחזורים אין די הענט און האַלטן נאָך מיטן בעל־תפילה, וועלכער שטייט בײַם עמוד מיט דער גרויסקייט פון אַ גע־בעראַל און זינגט אויס די תפילות כמעט ווי אַן אמתער חזן.

ער זוכט צו פאַרטרייבן דאָס בילד פון זיינע אויגן, אָבער דאָס בילד ווערט, ווי אים אויף להכעיס, בולטער און שאַרפער, אַזוי אַז ער קאָן דערקענען כמעט יעדן באַזונדער פון עולם.

מיטאַמאָל נעמט זיך אים דאַכטן, אַז ער הערט אויך שטימען.

— אָט דאָס איז אַ בעל־תפילה! קלינגט דעם בוטשערס קול ווי אַ גלאָק אים אין אויער — וואָס דען? אַזוי ווי בערל לייב, דער עם הארץ! אַזוי פיל יאָרן האָבן מיר דאָס געמוזט ליידן פון אים!

בערל לייב ווערט אַן אויפגערעגטער. ער קוקט זיך אַרום אַרום זיך, וואַרפט אַ פאַרצווייפלטן בליק אויף זיין פרוי און נעמט זאָגן פון מחזור אויפן קול.

זיין צונג פּלאָנטערט זיך אָבער און ער קאָן קוים הערן די ווער־טער, וואָס קומען אַרויס פון זיין אייגענעם מויל.

דבורה הייבט אויף די אויגן פון מחזור, וואַרפט אַן אומרויקן בליק

אויף איר מאַן, מאַכט אַ באַוועגונג מיט אירע ליפּן, ווי זי וואָלט עפּעס וועלן זאָגן, זי האַלט זיך אָבער צוריק.

פון גאַס האָט זיך דערהערט אַ שאָס ווי פון אַ געפּלאַצט גומי־ראָד פון אַן אויטאָמאָביל. בערל לייב האָט פאַרהויבן די גאַרדין פון פענצטער און האָט גענומען קוקן.

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, בערל לייב, — האָט דבורה געזאָגט, אָפּרוקנדיק דעם מחזור פון זיך, — אַז אונזערע שונאים זאָלן דאַוונען ראש השנה אָן אַ מנין.

— אָלץ דעם מלמד צו פאַרדאַנקען! — האָט בערל לייב גע־מורמלט — אָבער איך בעט דיך, דבורה, זיי מיר נישט מפסיק, לאָז מיך ענדיקן דאָס דאַוונען.

בערל לייב האָט זיך אַוועקגעזעצט אין ווינקל מיט דער פּלייצע צו זיין פרוי און האָט זיך גענומען ווידער צום מחזור. אָבער זיינע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן ווי מיט אַ הייטל און די אותיות האָבן זיך צעשאָטן איבער די בלעטער, אַזוי אַז ער האָט נישט געקאָנט זעען ווו אַ וואָרט הייבט זיך אָן און ווו עס ענדיקט זיך.

מיטאַמאָל האָט עפּעס אַ טיק געטון בײַ אים אין קאָפּ און אַ טעמ־פּער טאָן האָט זיך גענומען ציען אין זיין לינקן אויער.

ער האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויף זיין טאַטע־מאַמעס בילד, וואָס איז געהאָנגען איבערן „מענטל פּיס" און איז באַלד פאַרזונקען אין געדאַנקען.

עס שטעלט זיך אים פאַר די אויגן דאָס בילד, ווי ער איז מיט צוואָנציק יאָר צוריק געקומען מיטן וועגל „בעביכעס" פון דער „איסט־סייד" און זיך אַריינגעקליבן אין פינצטערן קעלער אויף אַמסטערדאַם־עוועניו. ער איז געווען דער ערשטער רוסישער ייד אין דער גאַנצער געגנט און די שכנים, פון די רייכסטע אַריסטאָקראַטן ביז די יידישע „זשעניטאָרס", האָבן אויף אים געקוקט שטאַרק קרום. וואָס ער האָט זיך אַהין פאַרקליבן, אפילו די נעגערשע משרתים האָבן אויך אַרונטערגעקוקט מיט שפּאָט און פאַראַכטונג. דאָס וואָרט „שיני" האָט ער געהערט אויף

טריט און שריט און נישט איינמאָל האָט ער געכאַפּט מיט אַ שטיין אין קאָפּ, אומזיסט און אומגעשט. אָבער ער האָט דאָס אַלץ צוגענומען שאַ, שטיל, ווייל ער האָט געזען, אַז מיט דער צייט וועט ער דאָ פּאַרט קאָנען מאַכן אַ בעסער לעבן ווי אויף דער „איסט-סייד".

און טאַקע, ביסלעכווייז האָבן די שימפּפערייען און באַליידיקונגען אויפגעהערט און פּרנסה איז געווען פון אַלע זייטן.

וואָס האָט ער נישט איבערגעטון? האָט עמעצער געדאַרפט אַ גלע־זער, איז ער געווען אַ גלעזער, האָט עמעצער געדאַרפט צופּאַסן אַ שליסל, איז ער געווען אַ שלאָסער, האָט איינער געהאַט צו פאַרקויפן אַן אַלטן קאַרפּעט, אַלטע פאַרניטשור אָדער אַלטע מלבושים, איז ער געווען אַ סוחר. און פון אַלץ האָט זיך אים עפּעס אָפּגעשטעלט. זיין ווייב האָט אים נישט ווייניק געהאָלפן. זי פלעגט „אויספּיקסן" די אַלטע קליידער, וואָס ער פלעגט איינהאַנדלען, זי פלעגט אים העלפן טראָגן פּעקלעך און ער האָט געפילט, אַז ער שניידט זיך אויף אַ גביר.

עס האָט אָבער נישט גענומען לאַנג און עס האָבן זיך גענומען ביסלעכווייז ווייזן נאָך יידן אין דער געגנט; איינער האָט אָפּגעקויפט אַ צייטונגס-סטענד אויף קאָלומבוס-עוועניו, אַ צווייטער האָט „איינגעפּיקסט" אַ סטיישאַנערי-סטאָר אויף וועסט ענד-עוועניו, און אַ דריטער האָט גע־עפנט אַ „טרימינג-סטאָר" פּונקט קעגנאיבער אים. אין דער נאַכבאַרשאַפט האָט זיך געפילט אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט מיט די אומגעבעטענע געסט און ער האָט זיך געפילט געוויסערמאַסן שולדיק קעגן זיינע שכנים און קאַסטאָמערס. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט געוויזן די אַנדערע יידן דעם וועג צו דער „וועסט-סייד".

די ערשטע צייט איז ער געווען מיט די צוגעקומענע יידן פיינ־דערווייטנס, אָבער ביסלעכווייז איז ער געוואָרן מיט זיי באַקאַנט, דאַן באַפריינדעט און האָט ענדלעך זיך אַרומגעזעען, אַז מען קאָן אויך פון זיי אַמאָל מאַכן אַ פּאָר סענט.

ווען ער איז געווען דער איינציקער ייד אין דער נאַכבאַרשאַפט, איז ער געווען אַ ביסל „אויף צרות" מיטן עסן. עס פלעגט פּאַסירן וואָכן, אַז ער האָט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון פלייש, ווייל אום צו קריגן אַ שטיקל כשר פלייש האָט ער, אָדער זיין פרוי, געדאַרפט פאָרן אַזש „דאַון-טאַון". נישט איינמאָל האָט ער זיך פאַרבענקט נאָך אַ ריכטיק שטיקל

הערינג, נאָך אַ שטיקל היימיש שוואַרץ ברויט, אָבער פאַרן עקסטראַ דאון־טאון נאָך דעם, האָט ער זיך נישט פאַרגינען, אָבער אַז עס זענען צוגע־קומען די ערשטע דריי יידישע פאַמיליעס, האָט ער זיך מישב געווען, אַז עס לוינט זיך אים אויך צו ווערן אַ ליפעראַנט.

אַ טאָג איבער אַ טאָג איז ער, אָדער זיין פרוי, געגאַנגען צו די יידישע שכנים נאָך אָרדערס און אַ נאַכט איבער אַ נאַכט איז ער געפאָרן דאון־טאון און געבראַכט גאַנצע פּעק מיט עסנוואַרג, פון פלייש ביז ציבע־לעס און פון הערינג ביז זויערע אוגערקעס, און אַ חוץ וואָס קיין שוואַרץ ברויט האָט אין זיין הויז שוין נישט געפעלט, האָט ער נאָך געמאַכט עטלעכע סענט אַ וואָך פון די קאַר־פּעיר, וואָס ער האָט גערעכנט יעדן קאָסטאָמער באַזונדער. וואָס די יידישע קאָלאָניע איז מער געוואַקסן אויף דער „וועסט־סייד", האָבן פאַר אים זיך אַלץ מער קוואַלן פון פרנסה גע־עפנט און עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז זיין בייסטמענט (פאַר דער צייט האָט ער אַריבערגעצויגן אין אַ גרעסערן און ליכטיקערן) איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליינע „דעפּאַרטמענט־סטאָר". עס האָבן דאָרט נישט גע־פעלט פון ציצות ביז שיר המעלותן, פון שאַפּן־קעז ביז רוסישע צוקערקעס, זיין ווייב און ער זענען געווען תמיד פאַרשמייעט, פאַרהאָרעוועט און האָבן באַר געזוכט פון וואָס אַ סענט צו מאַכן.

אַז דעם סטיישאַנערי־מאַנס באַי איז געקומען נאָענט צו בר־מצווה האָט ער, בערל לייב, זיך אונטערגענומען אים פאַרצובערייטן מיט קדוש און מפטיר. אמת, ער האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין צו גרויסן למדן, אָבער פאַר אַמעריקאַנער באַיס, האָט ער געדענקט, קאָן ער נאָך צופיל. דער סטיישאַנערי־מאַן איז געווען צופרידן מיט זיין לערערײ און ווען דער פלאָמבער קאָהן האָט געדאַרפט צוגרייטן זיין בחורל צו בר־מצווה, האָט דער סטיישאַנערי־מאַן רעקאָמענדירט אים פאַרן „דזשאַב".

אַזוי איז זיך די צייט געגאַנגען. די יידישע באַפעלקערונג אויף דער „וועסט־סייד" איז געוואַקסן. עס האָבן זיך געעפנט יידישע גראָסעריס, יידישע בוטשער־שעפּער, דעליקאַטעסן־סטאָרס און אפילו לאָנטש־רומס און ער האָט איינגעזעען, אַז עס איז געקומען די צייט צו האָבן אַן אייגן „מנין" ימים נוראים.

אַ פּאָר וואָכן פאַר די יום־טובים איז ער אָוועק און אָפּגעדונגען אַ'גרעידיס האָל אויף אַמסטערדאַם־עוועניו. ער האָט גענומען אַ ספר־תורה

אויף „פּראָקאַט״ דאַון־טאַון און ער האָט „איינגעפּיקסט״ אַן אמתע שול.

אַז עס איז געקומען ראש השנה איז דער האָל געווען פול געפּאַקט. אַ בעל־מוסף האָט ער געבּרענגט פון דער „איסט־סייד״, טאַקע זיינס אַ לאַנדסמאַן, וועלכן ער האָט געקריגן פאַר זייער ביליק, און פאַר שחרית און פון „פּאַרנט״ איז ער אַליין געווען דער בעל־תּפילה. דער עולם האָט אפילו אַ ביסל אונטערגעלאַכט פון זיין דאַוונען, אָבער ער האָט זיך געמאַכט כּלא יודע, אַבי געלט פאַרשפּאָרט. דער ערשטער „מנין״ האָט אים אַריינגעבּראַכט נאָענט פון אַ הונדערטער. דעם קומענדן יאָר האָט ער געמאַכט „אימפּרואווּמענטס״ אין „מנין״, ער האָט צוגעדונגען דעם מיטינג־פון סט. פּעטריקס לאָדזש, וועלכער איז געווען טיר אין טיר מיטן גרויסן האָל, ער האָט זיך געקויפט אַ נייע יאַרמולקע און האָט געלאָזט דרוקן „טיקעטס״, ווי די ריכטיקע מנינים און שולן.

אַזוי איז די צייט געגאַנגען, יידן זענען צוגעקומען וואָס אַ יאָר אַלץ מער, ביז עס האָט זיך מיטאַמאָל געיאַוועט אַ מלמד אין דער נאַכּבאַרשאַפט.

דאָס אָנקומען פונם מלמד האָט געטראָפן בערל לייבן ווי אַ דונער אין קאָפּ. ער האָט באַלד גענומען פאַרלירן די בר־מצווה־„דזשאַבּס״ און דעם פּדיון פאַר די רעליגיעזע אַרטיקלען, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין „דעפּאַרטמענט־סטאָר״. דער מלמד האָט מיט אים אָנגעפירט אַ קאָנקורענץ און האָט פאַרקויפט אַלץ אויף „דאַון־טאַון״־פּרייזן.

ער האָט אָנגעווענדט פאַרשידענע מיטלען „אַרויסצובייסן״ דעם מלמד פון דער וועסט־סייד, אָבער יענער האָט געוווּנען אַלע חשובע באַלעבאַטים אויף זיין זייט און עס איז גאָרנישט געווען וואָס צו מאַכן מיט אים. האָט ער געליטן און געשוויגן.

אָבער, אַז דער מלמד זאָל אַזוי ווייט אַריינקריכן אין זיינע ביינער, דאָס ער זאָל אים אויך פון „מנין״ אַרויסשטופּן, דאָס האָט בערל לייבן קיינמאָל אויפן געדאַנק גאָרנישט געקאָנט קומען.

ווען ער איז אַ מאָנטאָג פאַר די ימים נוראים געקומען צום סופּער־אינטענדענט פון אַ׳גרעידיס האָל און יענער האָט אים געזאָגט, אַז דער

האָל איז שוין פאַרדונגען, האָט ער שיער די אַפּאָפּלעקסיע געקריגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז געווען דעם מלמדס אַרבעט, ער איז גלייך אַוועקגעלאָפן צו אים אין הויז און געמאַכט סקאַנדאַלן. ער האָט אָבער געזען, אַז מיט די סקאַנדאַלן וועט ער גאָרנישט אויספירן, און ער האָט גענומען האַנדלען מיט גוטן. ער האָט פאַרגעלייגט פאַרן מלמד, ער זאָל אים אַריינעמען פאַר אַ שותף, כאָטש אויף איין דריטל. ער האָט אים צו־געזאָגט אַלע גליקן. דער מלמד האָט זיך אָבער איינגעעקשנט און נישט געוואָלט וויסן פון קיין שותפות. ער האָט געטענהט, אַז צו אַ „מנין" איז אַ ייד אַ למדן, אַ פרומער ייד, גיכער באַרעכטיקט ווי אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר.

ער איז דאַן אַרויס זוכן, אפשר וועט ער קאָנען געפינען אַן אַנדער האָל, אָבער זיין מי איז געווען אומזיסט. אין דער גאַנצער נאָכבאַרשאַפט איז אַ־גרעידיס האָל געווען דער איינציקער.

פאַרפאַלן! וואָס האָט ער געזאָלט מאַכן? עס טרעפן מענטשן נאָך גרעסערע אומגליקן און זיי לעבן.

ווען עס איז געקומען אַ פּאָר טעג פאַר ראש השנה האָט זיך אים געשטעלט די פראַגע: וואָס וועט ער טון מיט זיך אַליין און מיט זיין פרוי, אַזוי פיל יאָרן געהאַט אַן אייגענעם „מנין" און איצט נישטאָ ווו אַ גוט יאָר זיך אויסצובעטן. גיין צום מלמדס מנין איז בּאַ אים געווען — פּאַטשן זיך אַליין אין פּנים.

איז געבליבן בּאַ אים און זיין ווייב צו דאַווענען אינדערהיים.

דבורה האָט געענדיקט דאָס דאַווענען, האָט צוגעמאַכט דאָס מחזור און אויסגערופן מיט אַן אָנגעשטרענגט קול: גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

בערל לייב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטראַכטקייט. ער האָט זיך גענומען רייבן די אויגן און זיך אַרומקוקן.

— גוט יום־טוב, גוט יאָר! — האָט ער שוואַך געענטפערט.

באַם עסן, שמירנדיש דעם הענטיק אויף דער חלה, האָט בערל לייב זיך אָפּגערופן צו זיין פרוי:

— ווייסט, דבורה, די „וועסט־סייד" איז מיר שוין נמאס געוואָרן, מען דאַרף נעמען זוכן עפּעס אַן אַנדערע געגנט.

בײַ דבורהן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און די קנייטשן אַרום מויל האָבן זיך שטאַרק פאַרטיפט.

— פאַרגעס אָבער נישט, אַז דאָס איז נישט מיט צוואַנציק יאָר צוריק. מיר זענען שוין נישט מער קיין יונגע מענטשן — האָט זי מיט אַ טרויעריקן טאָן געענטפערט.

6.

צוריק פֿון וואַקיישאָן

דאָראַ זיצט אָנגעשפּאַרט מיט איר שפּיציקן עלנבויגן אָן געזימס פֿון פֿענצטער און איר בליק איז אָנגעשטעלט אויף די גרינע לאַנדשאַפֿטן, פֿאַרביי וועלכע די טריין ווערט געטראָגן באַרג אַראָפּ.

פֿון איין זייט ציען זיך די בערג אין אַן אומענדלעכער רייע און פֿון דער צווייטער ליגן אויסגעשפּרייט פֿעלדער און לאָנקעס, פֿון צווישן וועלכע עס קוקן אַרויס האָטעלן און פֿאַרם־הייזער אין פֿאַרשידענע קאָלירן. שמאָלע שטראָמיקע פֿלוסן ציען זיך פֿון די חייטע בערג, קרייצן זיך דורך אָדער פֿאַלן אַריין איינער אינם אַנדערן אָדער ווערן מיטאָמאָל פֿאַרשווינדן אין אַ טיפֿן שלוכט אָדער אין אַ געדיכט וועלדל.

יעדע עטלעכע מינוט שטעלט זיך די טריין אָפּ לעבן אַ סטיישאָן און פֿרישע פּאַסאַזשירן מיט פֿרישע פּעק קומען צו אין די וואַגאָנעס. די פּאַסאַזשירן, מערסטנס יונגוואַרג, זוכן, ווי ווייט זיי קאָנען, צו מאַכן זיך לוסטיק און אַריינכאַפּן וואָס מער אין די לעצטע שטונדן פֿון זייער וואַקיישאָן. בחורים און מיידלעך זיצן אין גרופּקעס און דערציילן זיך וויצן אָדער שפּאַסהאַפֿטע מעשיות פֿון די „קאָנטרי“־פּלעצער, פֿון וועלכע זיי פֿאָרן עס, פֿון מאָל צו מאָל פּלאַצט אַרויס אַ געלעכטער אין דעם אָדער יענעם ווינקל און די שטימונג אין טריין איז יום־טובדיק.

קעגנאיבער דאָראַן זיצט אַ יונג פּאָרל מיט אָפּגעבערענטע געזיכטער ער האַלט זיין בלויזן אָרעם הינטער איר פּלייצע און זייערע קעפּ זענען צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. אָפּט דרייען זיי זייערע קעפּ אויס האַלב־

וועגס, קוקן זיך אַריין אין די אויגן מיט פאַרליבטע בליקן, שמייכלען גליקלעך און גיבן זיך אַ דריק איינער צום צווייטן מיט אַ מינע, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: דו ביסט מיין גאַנצע וועלט, מיין אוצר, מיין גליק!

דאָראַ וואַרפט אַ בליק אויף די גליקלעכע יונגע מענטשן פון צווישן די פינגער, וועלכע זי האַלט צעשפּרייט איבער די אויגן און איר האַרץ ווערט שטאַרק פאַרקלעמט.

מענטשן האָבן עס מזל! טראַכט זי מיט כעס אויף דער גאַנצער וועלט. נאָר פאַר מיר איז קיין גוטס נישטאָ.

זי קערט טראַציק אָפּ דעם קאָפּ פון דעם פּאָרל און גראָבט איין איר בליק אינעם ים פון גרינס, וואָס בייט אַלע רגע זיינע פאָרמען. די טריין יאָגט זיך האַסטיק באַרג אַראָפּ מיט אַ רעגלמעסיקן פוף-פוף-פוף און דראָבנע שטיקלעך קוילן שיטן זיך דורך די אָפענע פענצטער אין די וואַגאָנען און לייגן זיך אויף די ברוינע סאַמעטענע בענק און אויף די העלע קליידער פון די פּאַסאַזשירן.

— אַזוי נישט צו האָבן קיין מזל! — רעדט דאָראַ צו זיך אַליין מיט פאַרדראָס. — אַזוי נישט צו האָבן קיין מזל! און אפשר איז דאָס גאָר מיין אייגענע שולד, ווען איך וואָלט געווען ווי די אַנדערע מיידלעך, וואָלט איך מסתמא אויך לאַנג געהאָלפן געוואָרן!

— געהאָלפן געוואָרן — קרימט דאָראַ איבער אירע אייגענע ווערטער מיט פאַראַכטונג, — און וויפיל פון די, וואָס האָבן חתונה, ווערן עס באמת געהאָלפן? נאָר בעסער ווי אין שאַפּ איז עס יעדנפאַלס.

זי לאָזט נערוועז אַרונטערביידע הענט אין שויס, גיט אַ צוק מיט די שולטערן און פאַרלייגט דעם קאָפּ צו דער וואַנט פון דער באַנק. זי מאַכט צו די אויגן ווי זי וואָלט וועלן איינשלאָפן, אָבער עס נעמט זי נישט קיין שלאָף.

פאַרשידענע געדאַנקען נעמען זיך איר מישן אין קאָפּ און פאַרשידענע בילדער נעמען פאַרביילויפן פאַר אירע געדאַנקען-אויגן.

זי זעט זיך מיט פינפצען יאָר יינגער. אַ מיידל בלוט און מילך, מיט די „יוראַפּשע" כוחות און „יוראָפּשען" מוט.

יונגעלייט זענען פּשוט „אויסגעגאַנגען" פאַר איר. אויף יעדן באַל און אויף יעדן מיטינג האָט זי געמאַכט נייע באַקאַנטשאַפטן, און אַלע אַזעלכע אינטערעסאַנטע, דאָס אירע באַקאַנטע מיידלעך פלעגן זי מקנא

זיין. פיל פון אירע באַקאַנטע יונגעלייט האָבן איר אָנגעבאָטן זייער האַנט, האָבן איר צוגעזאָגט גליקן, אָבער פון הייראַטן האָט זי נישט געוואָלט הערן און וויסן. זי האָט אַלץ געזאָגט, אַז אויף דעם איז זי נאָך צו יונג, אַז זי וועט דאָס נישט פאַרשפּעטיקן.

אָבער ביסלעכווייז איז געקומען אַ צייט, וואָס זי האָט גענומען איינזעען, אַז זי האָט נישט געהאַנדלט צו קלוג, וואָס זי האָט זיך נישט באַנוצט מיט די גאָלדענע געלעגנהייטן, וואָס זי האָט געהאַט. אירע אַלע באַקאַנטע יונגעלייט האָבן איינער נאָך איינעם געהייראַט, אָדער זענען זיך צעפאָרן אָדער אַזוי פאַרשווּנדן געוואָרן און נייע זענען נישט צוגע-קומען מער אַזוי לייכט. די אַרבעט האָט לאַנגזאַם אָבער זיכער איר מוט צוזאַמען מיט אירע כּוחות אָוועקגענומען און זי איז נישט געווען מער דאָס בליענדיקע מיידל וואָס אַמאָל. מיט יעדן יאָר האָט אויף איר זיך אַרויפ-געצויגן אַן עלטער פון פינף יאָר, און ווען זי איז דריי און צוואַנציק יאָר אַלט געוואָרן, האָט זי אויסגעזעען, ווי זי וואָלט געווען אַריבער דרייסיק.

זי האָט געזעען, אַז אירע שאַנסן פּטור צו ווערן פון שאָפּ ווערן וואָס אַמאָל אַלץ קלענער און זי האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף דער וועלט מיט אַ פאַרצווייפלטן בליק.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך גענומען אַנטוויקלען בײַ איר אין האַרץ אַ ווּנטש צו לעבן און צו געניסן, אַ שפּעטצייטיקע ליבע האָט אין איר האַרץ גענומען וואַקסן און זי האָט גאַנצע טעג, אין שאָפּ, אין גאַס און אין איר קליין צימערל, געטרוימט און פאַנטאַזירט פון אַ שיינעם, קלוגן און געזונטן לעבנס-באַגלייטער. אָבער ווען עס איז געקומען אין דערווירקלעכקייט, ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט איינעם פון אירע אַל-טע באַקאַנטע, וואָס פלעגט אַמאָל „אויסגיין" פאַר איר, אָדער האָט גע-מאַכט אַ נייע באַקאַנטשאַפט, האָט זי זיך געהאַלטן אַזוי שטייף, אַזוי קאַלט און אינדיפערענט, ווי זי וואָלט זיך אַליין וועלן טון להכעיס דערמיט.

ענדלעך איז געקומען אַ צייט, וואָס זי האָט געמוזט זוכן די באַ-קאַנטשאַפט פון יונגעלייט, אום דעם נאָגנדיקן ווּנטש בײַ איר אין האַרץ פרייוויליק צופרידנצושטעלן. אָבער זי האָט געזעען, אַז זי קאָן עס נישט אויספירן אָן דורכמאַכן פיינלעכע דערנידעריונגען אין אירע אייגענע אויגן און צו דעם האָט זי זיך נישט דערלאָזט. זי האָט באַשלאָסן צו ליידן

וויפיל זי וועט קאָנען פאַרטראָגן, אַבי איר שטאַלץ זאָל בלייבן אומ־געריהרט.

זי דערמאָנט זיך אָן דעם ערשטן „וואַקיישאָן", וואָס זי האָט פאַר־בראַכט באַם ים.

זי איז דאַן געווען אַזוי אָפּגעצערט און אָפּגעשוואַכט, אַז אַ דאָקטאָר האָט איר פאַרזאָגט, אַז זי מוז אונטער אַלע אומשטענדן אַוועקפאָרן כאָטש אויף איין מאָנאַט ערגעץ־וווּ זיך אָפּרוען. איז זי געפאָרן מיט אירס אַ חבר־טע קיין לאָנג ברענטש.

דאָס יום־טובדיקע לעבן אין באָרדינג־הויז, דאָס באָדן זיך אין ים און דאָס אַרומדרייען זיך פריי און זאָרגלאָז אויפן „בּיטש" און אויפן „באָרד־וואָק" מיט נייע באַקאַנטע, מיידלעך און יונגעלייט, האָט אויף איר זייער גוט געווירקט און עס זענען געווען צייטן, ווען זי האָט זיך געפילט ווי מיט יאָרן צוריק, ווען איר געזיכט איז געווען באַצויגן מיט אַ ראָזע פרישקייט. יונגעלייט האָבן זיך אַרום איר אַרומגעדרייט פונקט אַזוי גוט ווי אַרום די אַנדערע, ייִנגערע און שענערע מיידלעך, און זי האָט דערפון זיך געפילט שטאַרק געשמייכלט. אָבער ווען אַ יונגערמאַן האָט געזוכט צו פאַרציִען אַן אינטימען געשפּרעך מיט איר, אָדער האָט גענומען געבן ליבע־אָנצוהערענישן, האָט זי שטאָלץ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און געזאָגט: „רעדט בעסער וועגן פריילעכערע זאַכן!" כאָטש עס האָט איר אַליין פאַרדראָסן וואָרים זי טוט עס.

דעם קומענדיקן זומער איז זי ווידער געפאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן באַם ים. דאָס מאָל, שוין נישט וואַרטנדיק אויפן פאַרזאָג פון אַ דאָקטאָר. עס האָט איר געצויגן צו דעם וואַקיישאָן־לעבן, צו דעם לעבן פון לוסט און דערוואַרטונג. אָבער זי איז צוריקגעקומען אַהיים אַן אַנטוישטע און מיט אַ פוסטקייט אין האַרץ. זי האָט געפילט, ווי זי וואָלט געווען אַ „בעק־נאָמבער". פונדעסטוועגן האָט זי דעם קומענדיקן זומער ווידער פּרובירט מזל און איז ווידער געפאָרן צום ים.

אַזוי איז זי עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געפאָרן צום „סי שאָר" מיט אַ פאַרגנבעטער האָפנונג צו באַקענען זיך מיט אַ מאַן, וואָס זאָל איר זיין צום האַרץ און וועלכן זי זאָל געפעלן, אָבער איר האָט זיך אַלץ נישט איינגעגעבן, ביז דאָס יאָר האָט זי באַשלאָסן צו פּרובירן מזל אין די מאַונטיינס.

זי דערמאָנט זיך אָן דעם ערשטן איינדרוק, וואָס די בערג האָבן אויף איר געמאַכט.

זי איז אָנגעקומען אין באָרדינג־הויז פאַרנאַכט, ווען די באָרדערס זענען מערסטנטיילס געווען אויסגעזעצט אויפן פאָרטש און געוואַרט אויף סאַפּער. עס זענען געווען אַ פינפציק־זעכציק ווייבער און מיידלעך, אַ חוץ אַ פּאָר טוץ קינדער, און אַרום אַ צענדליק מענער, פון וועלכע בלויז העלפט זענען געווען יונגע, וואָס האָבן געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט. איר האָט גלייך באַם באַטרעטן דעם פּאָרטש אַ בענקעניש גענומען נאָגן. זי האָט געפילט, אַז באַלד וועט נאָך אַ וואַקיישאָן זיין פאַריבער און נאָך אַ פאַרזוך צו געפינען אַ לעבנס־באַגלייטער וועט זיך ענדיקן מיט גאָרנישט. אַזוי פיל מיידלעך קעגן אַזוי ווייניק יונגעלייט, טאָ וואָס פאַר אַ שאַנסן קאָן זי האָבן, זי, אַן אויסגעאַרבעטע, אויסגעדאַרטע, שוין נישט מער יונג מיידל! זי האָט געפילט ווי בעמען און פאָרן צוריק צום סטיישאָן און פּרובירן אַן אַנדערן פּלאַץ, ווו עס זענען נישטאָ אַזוי פיל יונגע מיידלעך, ווו עס זענען דאָ מער יונגעלייט. אָבער זי האָט דאָס נישט געקאָנט פועלן באַ זיך און זי איז פאַרבליבן.

זי דערמאָנט זיך אָן מר. אהרנסאָן, אַ קרענקלעכער יונגערמאַן מיט אַן אויסגעקראָכענעם קאָפּ, וועלכער האָט דעם ערשטן אָוונט זיך פאָרגעשטעלט פאַר איר און זי איינגעלאַדן אויף אַ שפּאַציר. זי האָט די איינלאַדונג אָנגענומען מיט צופרידנקייט. אָבער ווען זי האָט אויף מאָרגן אינדערפרי באַמערקט, אַז ער זוכט צו שליסן חברשאַפט מיט איר, האָט זי אים אויסגעמיטן. זי האָט באַ זיך געקלערט: איידער אַזאַ, בעסער גאָרנישט.

זי האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אייניקע מיידלעך אין אירע יאָרן און אין איר לאַגע און זיי האָבן פאַרבראַכט די טעג און די אָוונטן צוזאַמען, רעדנדיק פון אַלדינג אין דער וועלט, נאָר נישט פון די ליידן אין זייערע הערצער.

און ווען עס איז געקומען די מינוט, וואָס זי האָט געדאַרפט פאָרן צוריק צום סטיישאָן, האָט זי געפילט אין האַרץ אַזאַ פוסטקייט, וואָס קיין זאַך אין דער וועלט, האָט זיך איר געדאַכט, וועט עס נישט קאָנען מער אויספילן; נאָך אַ זומער פאַרשוווּנדן, נאָך אַ יאָר אַוועק, און באַלד, באַלד

וועלן קומען די גרויע האָר און דאָס לעבן וועט ווערן אַזוי איבעריק, אַזוי איבערדריסיק, אַז עס וועט זיין שרעקלעך שווער צו פאַרטראָגן.

די טריין האָט זיך פלוצלינג אַ דריי אויס געטון און דאָרא האָט זיך אַ גליטש געטון פון דער באַנק. זי האָט אַ ביטערן קוק געטון אַרום זיך און ווען זי האָט דערזען דאָס פאָרל קעגנאיבער זיך נאָך אַלץ האַלובענדיק זיך, האָבן אירע ליפן זיך פאַרצויגן מיט אַ ביטערן שמייכל און זי האָט סאַרקאַסטיש פאַר זיך געמורמלט:

זיי מיינען, אַז עס וועט לאַנג אָנהאַלטן...

אָבער באַלד האָט זי דערפילט אַ שטאָך אין האַרץ און דערהערט אַ בייזע שטימע אין איר רעדן: אָבער איין חיי שעה איז דאָך אויך גוט...

7.

אַ סדר פֿאַר גויים

קיין „הייסע" יידן זענען די מילגרוימס קיינמאָל נישט געווען. ער, מיסטער מילגרוים, איז געווען פֿון דעם סאָרט פּאַסיווע יידן, וואָס מען באַגעגנט אויף שריט און טריט אין די נייערע טיילן פֿון ניו־יאָרק, ווי די בראָנקס, וואַשינגטאָן־הייטס און פֿלעטבוש; ער האָט נישט באַלאַנגט צו קיין שול, צו קיין חברה און נישט גענומען קיין אינטערעס אין יידישע ענינים, כאָטש ער איז געקומען קיין אַמעריקע דירעקט פֿון דער מירער ישיבה.

מרס. מילגרוים, וועמענס מיידלשער נאָמען איז געווען טילע פֿלאַקס, איז געקומען פֿון אַ קליין פּויליש שטעטל, ווען זי איז נאָך כמעט אַ קינד געווען, זי איז אויסגעוואַקסן אויף דער איסט־סייד, פֿריער בײַ איר טאַנטע, די פֿיש־פּעדלערקע, און שפּעטער, אַלס באָרדערקע אויף לורלאָוו, אויף אָרטשאַרד און דיווישאָן־סטריטס. זי האָט גערעדט אַ שלעכטן ענגליש און נאָך אַן ערגערן יידיש און האָט אויסער אין קליידער און העטס אין קיין זאַך קיין אינטערעס נישט גענומען.

פֿון מאָל־צו־מאָל פֿלעגט זי „אויסגיין" מיט אַ בויפֿרענד פֿון שאָפּ, ווו זי האָט געאַרבעט, אָדער מיט איינעם, וואָס זי האָט זיך באַקאַנט דורך איר מיסיס אָדער דורך אירס אַ חברטע, פֿלעגט אויך אַמאָל גיין מיט אַ בחור צו אַ באָל אָדער צו אַ מואווינג פּיקטשור, אָדער פֿאָרן אויף אַן

עסקורשען, א פּיקניק, אָבער אַזוי שנעל ווי זי פלעגט זיך אַרומזעען, אַז פונם „אויסגיין״ און „אויספּאַרן״ וועט גאָרנישט ווערן, אַז דער בחור זוכט נישט מער ווי אַ „גוד-טאַים״ און טראַכט נישט מיט איר חתונה צו האָבן, פלעגט זי אים אַוועקוואַרפן און וואַרטן ביז גאָט וועט איר צושיקן אַ נייעם.

און אַזוי איז עס מיט איר געגאַנגען, ביז זי האָט זיך באַקאַנט מיט מילגרוימען.

מילגרוים איז דאַן געווען בלויז איייניקע יאָר אין לאַנד. איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק. ער איז שוין געווען גוט אַמעריקאַניזירט. לויט ווי ער אַליין האָט געטראַכט, פלעגט רעדן נאָר ענגליש און לייענען ענגלישע „פּייפּערס״. אַ יידישע צייטונג האָט ער געלייענט נאָר אין הויז, ווען קיינער איז דערביי נישט געווען און אַז זיין „מיסיס״ פלעגט אים אַמאָל רעקאָמענדירן צו לייענען עפּעס אַן אינ-טערעסאַנטן ראָמאַן אָדער סקיצע, אָדער שטיקל נייעס אין יידישן „פּיי-פּער״, פלעגט ער מיט גרויסקייט אַ זאָג טון:

— איך האַלט נישט פון יידישע פּייפּערס, פאַר מיר זענען גוט גענוג די ענגלישע.

טילי האָט זיך געהאַט אַרויפגעאַרבעט אויף אַ פאָר-ליידי אין דעם קליידער-שאָפּ, וווּ זי איז אָנגעקומען מיט „וואָרקינג פּייפּערס״ אין אַ קורץ קליידל מיט יאָרן צוריק. און ווען מילגרוים איז דאָרט אָנגעקומען אַלס הויפּט-צושניידער, האָבן זיי דעם ערשטן טאָג זיך באַקענט און כמעט פאַרליבט איינער אינם אַנדערן און דעם צווייטן טאָג, נאָך דער אַרבעט, האָט מילגרוים טילין אַהיימבאַגלייט.

טילי איז געווען נישט קיין שיינהייט, אין וועלכער אַ מאַן קאָן זיך פאַרליבן מיטן ערשטן בליק, זי איז אָבער אויך נישט געווען קיין מיאוסע. זי האָט געהאַט רעגלמעסיקע געזיכטס-ציגע, אַ ווייסן דיקלעכן האַלז, גרויסע, ברוינע אויגן און טונקל בלאָנדע האָר. איר קערפּער איז געווען פעסט געבויט און שיין אַנטוויקלט און דער קאָליר פון איר פּנים איז געווען פון איינער, וואָס איז נאָר-וואָס צוריקגעקומען פון אַ וואַקיישאָן.

אָנקוקנדיק זי, האָט מען בשום אופן נישט געקאָנט גלייבן, אַז זי אַרבעט אין שאָפּ שוין אַזוי פיל יאָרן.

און מילגרוים האָט די לעצטע פּאָר יאָר, זינט ער איז אַריין אין דער יוניאָן און געמאַכט פיינע „ווידזשעס“, אַלץ געזוכט אַזאַ סאָרט מיידל. וואָרים ווי שטאַרק אַמעריקאַניזירט ער האָט זיך געהאַלטן, האָט ער שטענדיק אויסגעמיטן די אַמעריקאַניזירטע פּיידלעך, זיין איינציקער ווונטש איז געווען, צו געפינען אַ באַלעבאַטיש היימיש מיידל, וועלכע קאָן זיין אַ טריי ווייב און אַ גוטע באַלעבאָסטע און דאָס, האָט זיך אים מיטן ערשטן בליק אויסגעדאַכט, האָט ער געפונען אין דער געזונטער, גוטמוטיקער, געלאַסענער פּאָרליידי טילי.

אַ מאָנאַט נאָך זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט איז בא זיי געווען תנאים און אין פינף מאָנאַטן אַרום — חתונה.

ביז אַ האַלב יאָר נאָך דער חתונה האָט מרס. מילגרוים אָנגעהאַלטן איר דזשאָב אין שאַפּ. זי האָט גערעכנט, אַז די עטלעכע הונדערט דאָלאַר, וואָס זי וועט „אַריינכאַפּן“, וועלן איר גאַנץ גוט צונויץ קומען.

און זיי זענען טאַקע צונויץ געקומען.

פּונקט צום יאָר נאָך זייער חתונה, ווען טילי איז שוין געהעט אויפן וועג צו ווערן אַ מוטער, האָט מילגרוים געעפנט אַ שאַפּ אויף זיין אייגענעם רעכנונג און די עטלעכע הונדערט דאָלאַר, וואָס זיין ווייב האָט פאַרדינט פאַרהייראַטערהייט, האָבן אים נישט ווייניק געהאָלפן אין דעם.

דער שאַפּ האָט מילגרוימען זייער אָפּגעגאָלטן און ווען אַ פּאָר יאָר זענען אַוועק, האָט מען אים שוין געהאַלטן פאַר אַ שטיק „אָל-רייטניק“.

די ערשטע זאַך האָבן די מילגרוימס אַריבערגעצויגן נאָך וואַשינגטאָן האַיטס, אין אַן עלעווייטאָר-אַפּאַרטמענט. מרס. מילגרוים האָט ביסלעכווייז גענומען אָפּטרייסלען דאָס „איסט-סאַיד“-שטויב פון זיך און האָט גענומען שפּילן די ראָלע פון אַ וואָהלהאָבנדע דאַמע. זי איז געגאַנגען רייך אָנגעטון, מיט גרויסע דימאַנטן אין די אויערן און אויף די הענט און האָט יעדן טאָג צוגענומען אַלץ מער אין פלייש און בלוט, און האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט גאַנץ פיין געטראָפן מיט דער וועלט.

און מילגרוים האָט אָנגעקוואָלן פון זיין ווייב, פון זיינע קינדער,

פון זיין רייך מעבל און פון זיין געשעפט, וועלכעס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

און ענדלעך איז געקומען אַ צייט, ווען די מילגרוימס האָבן זיך אַרומגעזעען, אַז עס איז צו ענג פאַר זיי אין אַ ניו־יאָרקער אַפּאַרטמענט־הויז און אַז מען דאַרף האָבן אַ הויז פאַר זיך, מיט אַ סך לופט און ליכט, מיט אַ גאָרטן און פּאָרטשעס און אַ גאַראַזש, און עס האָט נישט גענומען לאַנג און זיי האָבן זיך געקויפט אַ שיין הויז אין אַ פּאָרשטעטל פון ניו־יאָרק, נישט ווייט פונם ים.

די ערשטע צייט, וואָס זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן אין זייער אייגן הויז, האָבן די מילגרוימס, איבערהויפּט מרס. מילגרוים, זיך געפילט פרעמדלעך אין דער נייער דורכויס גויאישער סביבה. די שכנים, וועלכע האָבן אַלע געוווינט אין פּריוואַט, מערסטנס מער אָדער ווייניקער רייכע הייזער, האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון זיי. די נענטערע שכנים האָבן אויף זיי געקוקט מיט פאַרבאַהאַלטענער פאַראַכטונג און פאַרדראָס. זיי האָבן, קענטיק, שטאַרק נישט געוואָלט ליידן, וואָס זיי דאַרפן זיין אין שכנות מיט יידן, אָבער דער צושטאַנד האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָבן די שכנים זיך גענומען שטום באַגריסן מיט די מילגרוימס. דאַן איז געקומען: „גוד מאָרנינג״, גוד איווינינג!״ איי נייס וועטהער טו־דעי א. א. וו.. ביז מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן איינע מיט די אַנדערע און געוואָרן פיל־ווייניק באַפריינדעט, און איידער אַ האַלב יאָר איז אַריבער, זענען די מילגרוימס מיט די קעלויס, די „נעקסט דאָריגע״ צו דער לינקער זייט, געוואָרן גאַנצע מחותנים.

אַז עס איז געקומען קריסטמעס האָבן די קעלויס איינגעלאַדן די מילגרוימס אויף דינער און די מילגרוימס האָבן זיך געפילט אין זיבעטן הימל פון דער איינלאַדונג, איבערהויפּט מר. מילגרוים.

איצט, האָט ער אַסימילאַטאָריש־פריידענקעריש באַ זיך געקלערט, וועל איך פאַרזוכן דעם טעם פון אַן אמת קריסטלעך מאָלצייט. וואָרים דאָס, וואָס מען גיט אין די טרפה־רעסטאָראַנען, איז דאָך נישט מער ווי פּאַרווע, נישט כשר און נישט טריף.

מרס. מילגרוים האָט זיך אפילו אַ ביסל צוגעשעמט מיט איר יידישן ענגליש. זי האָט געוווסט, אַז איר יידישקייט וועט זיך וואַרפן

שטאַרק אין די אויגן באַ די קעלזיס, וועלכע זענען אַלע אַזעלכע אָפּגע־
פּיינטע יענקיס, נאָר איר מאַן האָט זי געטרייסט, זאָגנדיק:

„ווער קוקט עס היינטיקע צייטן, ייד, קריסט? אַלע מענטשן זע־
נען גלייך!"

באַם דינער האָט מר. קעלזי, אַן עלטערער בכבודער ניו־ענגלאַנד־
מאַן געזוכט צו פּאַרוויקלען אַ געשפּרעך מיט מרס. מילגרוים וועגן יידן
בכלל און יידן אין אַמעריקע בפרט, אָבער מילגרוים האָט זיך אַלץ אַרויס־
גערדרייט און אָפּגעווענדט דאָס געשפּרעך צו עפּעס אַנדערש. ער האָט
בשעת מעשה געוואָלט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד און האָט
זיך געמאַטערט אַריינצולעבן זיך אין דער עכט־יענקישער אַטמאָספערע,
וואָס האָט געהערשט אין זיין שכנס הויז.

באַם אוועקגיין האָבן די מילגרוימס געפּרעגט די קעלזיס, ווען וועלן
זיי באַערן זיי מיט זייער אָנוועזנהייט צו אַ דינער און מר. און מרס.
קעלזיס האָבן זיך איבערגעקוקט און לייענענדיק אַ ווײַלע איינער דעם
אַנדערנס בליקן האָבן זיי ביידע כמעט אין איין טאָן געענטפערט:

— עס וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט, ווען עס וועט זיין אַ יום־
טוב באַ אייך.

די מילגרוימס האָבן זיך געפּילט ווי אָנגערירט באַ אַ וווּנד. אים
האָט זיך שיער פון מויל אַרויסגעכאַפּט, אַז זיי האַלטן נישט פון יום־
טובים, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן.

ווען זיי זענען שוין אויף יענער זייט טיר געווען, האָט מר. קעלזי,
וועלכער האָט מיט זיין ווייב באַגלייט די געסט אויפן פּאָרטש, ווי פּלוצ־
לינג זיך דערמאָנענדיק אָן עפּעס, געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס, מר. מילגרוים, אויב אייך וועט זיין אָנגענעם,
קאָנען מיר קומען צו אייך פּסח צום סדר.

— דאַטס ראַיט, — האָט מילגרוים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, רויט
ווערנדיק ביז איבער די אויערן און קוקנדיק אויף אים האָט אויך מרס.
מילגרוים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דאַטס ראַיט, פּסח צום סדר.

די מילגרוימס זענען אַריין צו זיך אין הויז ווי אָפּגעשמיסענע.

— נישקשהדיק אַריינגעפאַלן! — האָט מר. מילגרוים גערעדט מיט
פאַרדראָס — שוין צוואַנציק יאָר, אַז איך האָב פון קיין סדר נישט גע־

וווּסט, נעם איצט מיטאָמאָל און פּראָווע גאָר אַ סדר און צוליב ווען, צוליב גויים גאָר.

— מיר האָבן זיך אָבער נישט געקאָנט העלפן, — האָט אים זיין ווייב געטרייסט — מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה.

און צוויי וואָכן פאַר פּסח האָט מען באַ די מילגרוימס אין הויז זיך שוין גענומען גרייטן צום סדר.

8.

אויף מיר סדרים

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ „יוראָפּשע״ יידענע)

— מ׳שטיינס געזאָגט, אַמעריקאַנער יום־טובים! שוין באַלד פּסח און וואָס זעט מען? — גאָרנישט מיט גאָרנישט. נאָר אין די „פּייפּערס״ רודערט זיך.

— אַדווערטייזמענטס איבער גאַנצע פּיידזשעס: „מצה של פּסח״, „פּסחדיקע קעיקס״, „פּסחדיקע משקה״, „פּאַרניטשור לכבוד פּסח״, האָל־סייל, ריטייל און ווי איר ווילט נאָר אַליין.

— און די הכשרים? קיין עין הרע! אויף וואָס איר ווילט נאָר, אויף פליישיקס, אויף מילכיקס און אויף פּאַרעווע, אַלץ איז כשר לפּסח, און ווי זאָגן זיי: אפילו למהדרין מן המהדרין.

— אָבער מיט דעם הייבט זיך אָן און מיט דעם ענדיקט זיך דער גאַנצער ערב פּסח אין אַמעריטשקע, אָדער קאָלומבוסעס מדינה, ווי מיין בעקסט דאַריגע רופט עס. אין גאַס, אין הויז, פּילט איר גאָרנישט, אַז דער גרויסער יום־טוב פּסח שטייט שוין פאַר אייער שוועל.

— אינדערהיים אָן ערב פּסח — איי, איי, איי! מען איז אַרומגע־לאָפן פאַרשמייעט, מען האָט געהאָוועט, געפּאַדעט, געוואַשן, געסקראָבעט, דער מאַן האָט געהאָלפן. די קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין, האָבן גע־האָלפן, עס איז געווען הו־האַ, פון ערשטן טאָג ניסן ביז סאַמע ערב פּסח פאַרנאַכט, און ווער האָט זיך געקימערט פאַר דער אַרבעט? ווער?

— געשלעפּט צום טייך די גראַטקעס, די פּאָליצעס, וועלכע האָבן

אויסגעזעען אַזוי גרויס און שווער דאָס גאַנצע יאָר, און געוואַשן און געסקראַבעט די פּאָדלאָגע, ביז זי איז געוואָרן געל ווי וואַקס, טאַקע ממש ווי וואַקס, און וואָלט מען כאַטש פּילן אַ ווייטיק, אַ מידקייט אין די ביינער.

— און שלעפּן די כּלים פון בוידעם! אפשר פינפציק מאָל געלאָפן אַרויף און אַראָפּ איבער דער לייטער, אַ חוץ וואָס די קליינע חברה זענען געלאָפן.

— און ווער רעדט פון דעם טאָג, וואָס מען האָט די מצה אין שטוב אַריינגעבראַכט — אין זיבעטן הימל האָט זיך יעדער געפילט! געקומען אין פּאָדריאַד מעשה פיינע באַלעבאָסטע, אָנגעשאָטן די ערשטע מעירע, געגאַנגען פון איין וועלגערקע צו דער צווייטער און געזאָגט מבינות אויפן וועלגערן; דאַן צוגעגאַנגען צום רעדלער, געזעען ווי ער „שטעפּט" די מצות און געוווסט, אַז ער געדענקט נאָך דאָס פיינע אָנ-בייסן מיטן צענערל, וואָס ער האָט געקריגן פון מיר פאַראַיאָרן, און דאַן געוואָרפן אַ קוק אין אויוון און געזעען ווי די מצות שיינען אַרויס אַזוי געראָטן, אַזוי איינגעגעבן. דאָס האַרץ האָט פּשוט אָנגעקוואָלן. און אַז מען האָט די מצות אַהיים געבראַכט און אויסגעלייגט אין דעם פּסחדיקן קובעל, האָט עס אָנגעפילט אַלע ווינקעלעך מיט אַ ריח פון פּסח.

— און דאָ, וואָס ווייסט מען דאָ פון דעם אַמאָליקן היימישן רחבות פון אַ יום-טוב און אַן ערב יום-טוב? די פּאָדלאָגע וואַשט מען ברוך השם אַ גאַנץ יאָר אויך. קיין גראַטקעס און פּאַליצעס זענען דאָ נישטאָ, קיין בוידעם מיט פּסחדיק געפּעס אויך נישט און קיין מצה-קובעל, און אַ סטופּע, און די אַנדערע פּסחדיקע מכשירים, וואָס זענען, דאַכט זיך, איינ-געוויקלט אין הייליקייט, אין יום-טובדיקייט — אוודאי נישט. דעם גאַנצן פּסח קאָן מען דאָ אין איין שעה צייט אין שטוב אַריינברענגען. אַ שעה פּאַר ליכט בענטשן גייט מען אַריין אין גראָסערי און מען הייסט זיך אַרויפשיקן אַ „פּעקעדזש" מצה, וואָס איר ווייסט נישט וואָס פּאַר אַ פּנים און וואָס פּאַר אַ טעם עס האָט, אַ זעקל מצה-מעל, פּסחדיקן צוקער, פּסחדיק זאַלץ און פּסחדיקע שאר ירקות, וואָס זענען איינגעוויקלט אין געדרוקטע הכשרים, מען באַצאָלט וויפיל עס טרעפט אָן, אָדער מען הייסט זיך אויפשרייבן אויפן ביכל און פּטור. אַ גרינג לעבן אין אַמעריטשקע.

— און אַזוי גרינג, ווי דאָס לעבן איז דאָ, אַזוי פּוסט איז עס. ווי די פּוסטקייט אַליין און אפשר נאָך פּוסטער.

קאָן מען דען פאַרגלייכן אַ סדר אין דער אַלטער היים צו אַ היגן האָרי־אָפּ־סדר, וואָס האָט, אַפּנים, ווי אַ „קוויק־לאָנטש" אין אַ קורצן פּרייטיק.

— אָט שטייען פאַר מיינע אויגן די היימישע סדרים. „מיינער" פילט זיך ווי אַ מלך, איך ווי אַ מלכּה און אונזערע זינדעלעך און טעכ־טערלעך ווי פּרינצן און פּרינצעסינס. אַלע זענען מיר אויסגעפּוצט אין נייע מלבּושים, יום־טובֿדיק אויפגעלייגט. דער טיש איז באַדעקט מיט אַן אַלבאַסטער ווייסן טישטוך און די מצה־שמורה בלאַנקט אַרויס פון אונטער דער נאָך ווייסערער סערוועטקע. דער ווייַן אין די כּוסות פינקלט מיט טויזנט חנען און דער ריח פון די חרוסת טראָגט זיך צו דער נאָז און די פּאָרע פון די פעטע קניידלעך שלאָגט פאַר די פרייַלעכע פּנימער און עס איז פּשוט אַ מחיה, אַ פאַרגעניגן, אַ. — דער באַלעבאָס זיצט ברייטלעך אויף דעם היסבּ־בעט, זאָגט די הגדה אַזוי בעטעמט און די עלטערע זינדלעך זאָגן נאָך און וואַרפן אויגן אויף די כּוסות און אויף די טעלער. דער מוזיניק רוקט זיך צו דעם היסבּ־בעט, צוצוגנבֿענען דעם אפיקומן — וואָרים ער ווייסט, אַז ער וועט דערפאַר עפּעס קריגן — און אַלע מאַכן זיך כּלומרשט נישט זעענדיק און לאָזן אים מאַכן די קונץ. און איך קוק זיך איבער מיט „אים" און מיר קלויבן נחת, יום־טובֿדיקן נחת, פּסחדיקן נחת, וואָס מען קאָן אינמיטן יאָר בשום אופן נישט פילן. און הייַנט, מ'שטיינס געזאָגט, אויך מיר פּסחס, אויך מיר סדרים!

„מיינער" — דער זעלבער וואָס אַמאָל, אָבער דאָך נישט דער זעלבער — קומט פון שאַפּ אַן אָנגעהאָרעוועטער, אַן אָנגעבראָגזטער, טוט זיך אויף דער גיך אַ וואַש אָפּ, לויפט צו אין שול, כאַפּט דאָס דאַווענען פאַרן עק און קומט באַלד צוריק מיט אַ „גוט יום־טובֿ!" וואָס מאַכט נישט קאַלט און נישט וואַרעם. טוט דאָן אויס דעם ראָק, זעצט זיך אַוועק באַם טיש ווי אַן איינגעבעטענער און מורמלט: „לאָמיר עס מאַכן שנעל, וואָרים זיי צייגן הייַנט אין מאָאיס אַ גוטע מואווינג פּיקטשור". איך הייב אים אָן צו מוסרן: ס'טייטש, צום ערשטן סדר גיין זעען מואווינג פּיקטשורס, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? ווו איז דאָס געזען געוואָרן? אָבער ער

זאָגט, אַז אַמעריקע איז נישט „יוראָפּ״ און אַז מען דאַרף נישט פּטורן אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ סדר.

— און די קינדער ? די עלטערע האָבן ברוך השם חתונה געהאַט און פּראַווען זיך אַליין טאַנדעטנע סדרים און די ייִנגערע „קערן״ פאַר קיין סדרים בכלל נישט. זיי זאָגן, אַז עס איז גענוג פּיין פון זיי, וואָס זיי ברעכן זיך די ציין אויף די מצות. דער מוזיקער דאַרף „אַטענדען״ אַ קלאָב-מיטינג און די בת-יחידה האָט אַן אַפּאָינטמענט צו גיין מיט אַ „פּע-לער״ אין טעאַטער, אַלזאָ קאָנען זיי נישט וואַרטן מיטן „סאַפּער״. דער געוועזענער סאָלדאַט איז דער איינציקער, וואָס האָט צייט און וויל טאַקע אויך, מען זאָל פּראַווען אַ סדר, אָבער וואָס פאַר אַ טעם אַזאַ סדר קאָן האָבן ווייסן מיר דאָך אַלע. צו אַ סדר דאַרף די גאַנצע משפּחה זיצן אַרום טיש, ווען נישט, איז דאָס קיין סדר נישט.

און פון די איבעריקע טעג און נעכט פון פּסח איז דאָך אָפּגערעדט. עס איז נאָך אַ שטיקל גליק, וואָס ס'איז דאָ מצה אין הויז, ווען נישט, וואָלט מען גאָרנישט געוווּסט, צי עס איז אַ יום-טוב, צי עס איז זונטיק אָדער גאָר „סלעק טאַים...״

„ער״, ווי עס איז, בלייבט כאָטש אינדערהיים די ערשטע און די לעצטע טעג. אָבער אין שול גיין — אַ נעבעכטיקער טאָג ! ער איז גע-וואָרן אַ גאַנצער פילאָזאָף אין אַמעריקע. ער זאָגט, אַז ער האָט שוין גענוג זיך אָנגעדאַווענט אויף זיין לעבן און איצט זאָלן זיינע קינדער דאַווי-נען. אָבער זיי, די קינדער, זאָלן געזונט זיין, זענען נאָך גרעסערע פי-לאָזאָפן פון אים, זיי זאָגן, אַז זיי זענען נישט מחויב צו זיין פרומער פון טאַטן און אַז דער טאַטע פוילט זיך צו גיין אין אַ שול, מעגן זיי זיך אוודאי פוילן.

— און וואָס פאַר אַ הנאה קאָן מען האָבן פון יום-טוב, אַז מען גייט נישט אין שול און מען זאָגט נישט קיין מחזור ! אסור אויב איך ווייס !

— וויפל מאָל האָב איך צו אים גערעדט און געטענהט : פאַר-וואָס גייט דער „טאַפּ-פלאָריגער״ אין שול ? זיי זענען אַזעלכע גבירים און אַזעלכע חכמים, ווי ער צו יעדער צייט און וואָס אָנבאַלאַנגט יאָרן, זענען זיי נאָך אַ סך ייִנגער פון אים. אָבער אים איז נישט אַריינצודויבען אין קאָפּ — וויל נישט און טוט אים עפּעס.

— אַז אַ וועלט שרייט אַמעריקע, איז דאָך נישט שייך.

— קומט נאָכן עסן, בעט איך זיך בא אים: קום, לאָמיר כאַטש גיין אין געסט, לאָמיר כאָטש, אז מיר האָבן שוין יאָ א יום-טוב אויף דער וועלט, גיין זעען א קרוב, א גואל, א לאַנדסמאַן, אָבער אויך דאָס וויל ער נישט, וואָס טויג מיר וויזיטן, זאָגט ער, אז בא זיך אינדערהיים איז דער בעסטער פלאַץ.

— און אפשר איז ער טאַקע גערעכט. וואָרים קאָן ער דען קריגן. אז ער זאָל אויסגיין גאַנץ ניו-יאָרק, אזעלכע קניידלעך, אזעלכע כרעמזלעך און אזעלכע טייגלעך, ווי ער קריגט אינדערהיים. איך בין ברוך השם נאָך דערוויילע נישט קאַליע געוואָרן אין אַמעריקע. בין פארבליבן די זעלבע באַלעבאָסטע וואָס אין יוראָפּ.

— נאָך א דאַנק גאָט דערפאַר.

— און פון חול המועד איז דאָך אָפּגערעדט. חול המועד אין אַמעריקע פאַסט זיך ווי אַרבעס צום וואַנט. דער וועקזייגער מאַכט א לאַך אין קאָפּ אין דער פרי, און פאַרנאַכט פאַלן אַלע אריין אין הויז פאַראַרבעטע, פאַרהאָרעוועטע, ווי עס וואָלט קיינמאָל קיין יום-טוב אויף דער וועלט נישט געווען.

— נאַר, זעט איר, פאַר חול המועד אַרט מיך נישט. וואָס מיך אַרט איז פאַר די יום-טוב-טעג און איבערהויפּט פאַר די סדרים.

— איי, די אַמעריקאַנער סדרים.

— אויך מיר סדרים!

ט.

זיין שרעק

גרינבלאַט איז אַ מענטש ווי דער דורכשניט מענטש פון זיין שטאַנד און עלטער. ער שטייט-אויף יעדן וואָכן-טאָג זיבן דעם זייגער, קוקט דורך די קעפּ פון די הויפּט-נייעסן אין זיין באַליבטער צייטונג אין דער צייט, וואָס ער האָט פרישטיק, און אַ פערטל נאָך אכט איז ער שוין אין אָפיס באַם „דעסק" פאַרטון אין „ביזנעס", ווי די הונדערט און צוואַנציק אַנדערע, וואָס האָבן אָפיסעס אין דער זעלבער געביידע וואָס ער. פאַרנאַכט, האַלב נאָך פינף, שליסט ער צו דעם אָפיס און גייט צום „על" סטיישאָן. ער גייט שטענדיק דורך די זעלבע גאַסן, שטעלט זיך אָפּ תמיד באַם זעלבן צייטונגס-סטענד, קויפט שטענדיק די זעלבע אָוונט-צייטונג און קריגט ער נאָך אַ פּלאַץ זיך צו זעצן אין „על", נעמט ער זיך גלייך צו דער צייטונג; צוערשט צו די קאָמישע בילדער, דאָ גיט ער אַ קוק וואָס עס הערט זיך אין וואָל-סטריט, דאַן וואַרפט ער אַ בליק דאָ און דאָרט אין די ספּאָרט-נייעס, און אַז עס בלייבט אים נאָך צייט, לייענט ער איבער אַ שטיקל נייעס אָדער צוויי אויף דער ערשטער פּיידזש; קומט ער אין הויז, טוט ער זיך מיט איינמאָל אויס פון דער וועלט און פון די ביזנעס און איז אַן איבערגעגעבענער מאַן צו זיין פרוי און אַ הייסער פּאָטער צו זיין קינד, זיין זיבצעניעריקע טאָכטער דאָראָטהי; נאָך „סאַפּער" גייט ער מיט זיין פאַמיליע אַמאָל צו גאַסט, אַמאָל אין אַ טעאַטער אָדער אַ „מואווינג פּיקשור"-פּלאַץ, אָדער ער מאַכט זיך באַקוועם אין די ווייכע שטעק=

שיך און דעם ווארעמען „סמאָוקינג-דזשאַקעט“ און פאַרברענגט דעם אָוונט אין הויז.

ער באַזוכט פּינקטלעך די מיטינגען פון די סאָסייעטיס, צו וועלכע ער באַלאַנגט, ער אינטערעסירט זיך מיט קהלשע זאַכן, איז אַ גאַנצער מאַכער אין דעם בילדונגס-פאַריין, וואָס ער האָט געגרינדעט, און לאָזט נישט דורך קיין באַנקעט און קבלת-פּנים, וואָס ווערט געגעבן לכבוד אַ גרויסן מענטש, עס מאַכט נישט אויס, אין וואָס זיין גרויסקייט זאָל נישט באַשטיין.

אָט אַזוי לעבט זיך גרינבלאַט, טאָג איין, טאָג אויס און יעדער איינער, וואָס קען אים, אפילו זיין אייגענע פרוי און קינד, מיינען, אַז ער איז דער נאָרמאַלסטער מענטש אויף דער וועלט, אַז ער וועט אָפּלעבן הונדערט און צוואָנציק יאָר מיט זיין נאַטור.

אָבער — ווי זאָגט מען! קיינער ווייסט נישט וועמען דער שוך קוועטשט.

און גרינבלאַט וווּנדערט זיך אָפּט אַליין ווי אַזוי עס געלינגט אים צו באַהאַלטן פון דער וועלט דעם טיפן ווייטיק, מיט וועלכן ער טראָגט זיך אַרום שוין אַזוי לאַנג און וועלכער ווערט וואָס אַמאָל אַלץ טיפער און שאַרפער, און קאָן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מענטשן קאָנען נישט לייענען אויף זיין פּנים, וואָס עס קומט פאָר ביי אים אין האַרץ און מוח.

אָפּטמאָל באַפאַלט אים אַ שרעק, ווען ער נעמט טראַכטן: ווי לאַנג אַ מענטש קאָן זיך דאָס אַזוי לאַנג מוטשען אין דער שטיל; ווי לאַנג אַ מענטשלעכע געהיר קאָן אויסהאַלטן אונטערן דרוק פון אַזאַ שווערן פינצטערן געדאַנק, וואָס דריקט וואָס ווייטער אַלץ שווערער.

און פונוואַנען דער געדאַנק האָט זיך צו אים גענומען — הייבט ער נישט אָן צו וויסן, הייבט ער נישט אָן צו פאַרשטיין.

און אפשר — פאַלט אים אַמאָל איין — ליידן אַלע מענטשן דאָס זעלבע ווי ער, אפשר איז דאָס די קללה פון דער נאַטור, וואָס פאַלט אויף יעדן איינעם גלייך, ווען דער לעבנס-וועג הייבט זיך אָן צו פירן באַרג אַראָפּ? אפשר?.. אפשר?..

אָבער עס לאָזט זיך אים נישט גלייבן. ער קאָן נישט איינזעען ווי

אַזוי די וועלט וואָלט געקאָנט עקזיסטירן איין טאָג, ווען אַלע מענטשן זאָלן דורכלעבן דאָס זעלבע, וואָס ער לעבט דורך.

און דאָך באַמערקט קיינער נישט, אַז זיין אינערלעך לעבן איז אַזוי ווייט אין ווידערשפּרוך מיט זיין אויסערלעכס; אַז ווי פּערפעקט ער האַלט אויף די גלייכגעוויכט אין געשעפט, געזעלשאַפט און אפילו אינעם ענגן קרייז פון זיין קליינער פאַמיליע, אַזוי וואַקלט ער זיך אויפן משופּעדיקן ברעג פון אַ טיפן פינצטערן תהום, פון וועלכן משוגעהדיקע קולות טראָגן זיך צו זיינע אויערן און צעקרימטע געזיכטער לאַכן אים אַנטקעגן מיט אַ ווילד געלעכטער.

ער, מאָרריס גרינבלאַט, דער דערפאָלגרייכער ביזנעסמאַן, דער געזעצטער געזעלשאַפט־מאַן, דער פּראַקטישער כלל־טוער, דער טרייער, איבערגעגעבענער פאַמיליען־פאָטער, ער זאָל זיך אַרומטראָגן מיט אַזאַ קראַנקהאַפטן, רוינירנדן געדאַנק? ער? — כאַ, כאַ, כאַ!

אָבער דער געדאַנק הערט נישט אויף אים צו פאַרפאָלגן און עגבערן אין מוח: מאָרריס, דו ווערסט ענדיקן אין משוגעים־הויז.

רבונו של עולם! — נעמט זיך גרינבלאַט אָן מיט קוראַזש, ווען דער מוראדיקער געדאַנק נעמט אַריינדרינגען אין זיין מוח — ווי קומט עס צו מיר? וואָס בין איך, אַ האָפנונגסלאָז פאַרליבט יינגל, אָדער אַן עובר בטל, וואָס?

ער נעמט זיך דאַן מיט מער ענערגיע צום געשעפט, ער ווערט טעטיקער אין די פאַריינען, שלאָגט פאָר אונטערנעמונגען, נעמט אָן קאָמיטעס און לויפט אַהין און אַהער, ווי ער וואָלט געווען כאָטש מיט פינפצען יאָר יינגער ווי ער איז, אָבער אין רעכטן מיטן לויפן, אין רעכטן מיטן טומלען, דערהערט ער אין זיך אַ גריזשען און טאָטשען: מאָרריס, דו זוכסט בלויז זיך דעם קאָפּ צו פאַרטומלען, דו זוכסט זיך אַליין אָפּצונאַרן, אָבער עס וועט דיר גאָרנישט העלפן. האָסט פאַרלוירן דיין גלייכגעוויכט און מוזסט ענדיקן אין משוגעים־הויז, דו מוזסט און דו ווערסט...

קאָן זיין עטוואָס שרעקלעכערס פאַר אַ מענטש ווי מיטאַמאָל דעם זינען צו פאַרלירן?

און וואָס גרינבלאַטן שרעקט נאָך מער איז דאָס, וואָס ווען ער וועט אַראָפּ פון זינען, וועט ער רעדן און טון אזעלכעס, וואָס מען זעט נישט און הערט נישט פון קיין אַנדערן משוגענעם. אים קומט פאָר, אַז זיינע

עובדות משוגענערהייט און זיינע אומגעלומפּערטע נאַריש־שמוציקע ווער־טער וועלן מאַכן אַלעמען צו באַהאַלטן זייערע פּנימער אין די הויפּנס פּאַר שאַנדע און דאָס מאַכט אין אים דאָס בלוט אויפקאָכן און ער פילט ווי זיך אַליין אין געזיכט צו שפּייען.

אין, באמת, טראַכט ער אָפּט, וואָס וועלן די מענטשן קלערן פון מיר, ווען זיי וועלן מיך זעען אַזוי זיך באַנעמען. זיי וועלן דענקען, אַז קלאָרערהייט נאָך בין איך געווען משוגע, אַז איך בין שטענדיק געווען אַ פּאַרדאָרבענער, מיאוסער מענטש און אַ הילפלאָזער קריפּל מאָראַליש און גייסטיק און זיי וועלן זיך ווונדערן, וואָס מען האָט אין מיר דאָס פריער נישט געקאָנט באַמערקן.

און ווי איז דער אמת? רעדט ער אָפּט צו זיך אַליין, בין איך נישט, וואָס נאָרמאַלע מענטשן רופן אָן: אַבנאָרמאַל? האָב איך נישט קיין קראַנקע נשמה? לייד איך נישט פון קראַנקהאַפטע מחשבות און בלינדע טירישע געפילן? באשר, איך ווייס ווי זיי צו באַהאַלטן! אָבער, ווי לאַנג וועל איך עס קאָנען?

אָפּטמאָל, זיצנדיק באַם דעסק, דאַכט זיך פּאַרטון אין חשבונות, אָדער צוהערנדיק זיך צו אַ רעדנער אויף אַ מיטינג אָדער רעדנדיק מיט זיין טאָכטער וועגן אַ געוויסן ענין, וואָס איז שייך צו איר סקול־אַרבעט, טוט אים מיט אַמאָל אַ צופּ אין מוח און ער פילט ווי אַרויסצוּלויפן אין גאַס — טון אַ ריס אַראָפּ פון זיך די מאַסקע. און אַ סך מאָל, גייענדיק אין גאַס, אָדער פאָרנדיק אויפן „על" אָדער אין סאָבוויי, אָדער זיצנדיק מיט זיין ווייב און קינד אין טעאַטער, פילט ער מיט איין מאָל ווי צו טון אַ שפּיי אויפן עולם און אויסשרייען: אידיאָטן! חמורים, מיאוסע ברואים, קליינע באַשעפעניש! און דאַן זיך צעלאַכן מיט אַזאַ געלעכ־טער, דאָס די מענטשן זאָלן זיך כאַפּן מיט די הענט פּאַר די אויערן.

און איינמאָל איז ער טאַקע שיער, שיער פון די כּלים אַרויס.

צו אַ באַנקעט איז דאָס געווען.

ער, זיין פרוי און זיין טאָכטער זענען געזעסן באַ איין טיש מיט אַ פּראָמינענטן־מאַן, אַ כּלל־טוער. דער פּראָמינענטער מאַן איז געזעסן פּונקט קעגנאיבער אים און געשעפּט הנאה פון יעדער קלייניקייט: האָט מען דערלאַנגט דעם „קאָקטעיל", האָט ער געטון אַ ליבלעכן שמייכל צו

דעם גלעזל, האָט מען געבראַכט די פּיש — האָט ער אָפּגעמאָסטן די פּאַרציע מיט אַ תּאווה־בּליק און צופרידן שמייכלענדיק צוגערוקט די טע־לער צו זיך. איז געקומען צו דער צווייטער „אַנטרע", די צונג אין זיסן און זויערן, האָט ער מיט אַ מינע פון אַ צילבאַוווסטן אָפּטימיסט באַטראַכט די רייצנדע פּאַטראַווע, און איז געקומען צו די געבראָטענע קאַטשקע, האָט ער זיך איבערגעמאָשצעט אויף דער שטול און מיט אַ ספּעציעלער כּוונה זיך געצוּמען צו דער אַרבעט. און צווישן איין פּאַטראַוע און אַ צווייטער איז זיך דער פּראָמינענטער מאַן געזעסן בנעימות, זיך געווישט דעם שווייס פון זיין קײלעכדיק פּנים און געקוקט תּאוודיק אַמאָל אויף זיין, גרינ־בלאַטס פרוי, וועלכע איז געווען טיף דעקאָלטירט און אַמאָל אויף זיין טאָכטער, וועלכע האָט אויסגעזען ווי אַ טרוים פון בלוט און מילך.

גרינבלאַטן האָט עס אויפגעטרייסלט ביז דער נשמה און פּלוצלינג האָט ער געטון אַ שטרעק אויס די האַנט צו זיין וויז־אַ־ווי און אויף דער צונג זענען אים שוין געלעגן די ווערטער:

— העי! דו, מנוול דו! אויב דו הערסט נישט אויף דיינע מיאוסע שטיק, מאַך איך דיך דאָ באַלד צו שאַנד און צו שפּאָט!

אָבער אַ פאַרבאָרגענע האַנט האָט אים דאָס מויל פאַרשטעלט און ווען זיין האַנט האָט שוין אָנגערירט דעם כּלל־טוערס לאַץ האָט ער שטיל, ווי פאַרשעמט, געשטאַמלט:

— מר. סאַ ענד סאַ, אַנטשולדיקט מיר, איך האָב געוואָלט צורעכט מאַכן דאָס בלימל אין אייער לאַץ. אָט־אָט פאַלט עס אַרויס.

און ווען דער פּראָמינענטער מאַן האָט אים באַדאַנקט און זיך העפ־לעך פאַרנייגט צו זיין פרוי און טאָכטער, האָט גרינבלאַט געפילט ווי נעמען זיך אַליין און אויספּראַסקען פאַר אַלעמען אין די אויגן.

און אַזעלכע מאָמענטן קומט גרינבלאַטן פאַר זייער אָפט דורכצו־לעבן און וואָס ווייטער אַלץ אָפטער.

ער פילט, אַז ביסלעכווייז, ביסלעכווייז פאַרלירט ער אויך זיין אוי־סערלעכע גלייכגעוויכט און אַז אָט, אָט, פאַלט ער און זינקט און זינקט אין אַ תּהום, ווו עס וואַלגערן זיך אויפן גרונט פאַרקריפּלטע געדאַנקען און עס פאַרהילכן משוגעדיקע געווייען און געלעכטערס.

און זיין צערייצטע פאַנטאַזיע נעמט אים מאַלן, ווי ער לויפט אַרום משוגענערהייט איבער די גאַסן, ווי אַ ווילדער וווּט קאָכט אין אים, ווי

עס שפּריצן פונקען פון זיינע אויגן און ווי פון זיין מויל שיטן זיך ווער־טער, וואָס מאַכן מענטשן די גרעזיכטער פלאַמען.

אָט זעט ער זיך אַליין, ווי ער לויפט צו צו אַ בכבודן מאַן און וואַרפט אים דעם צילינדער־הוט אַראָפּ פון קאָפּ, אויסרופנדיק דערביי די ערגסטע זידלווערטער; אָט זעט ער זיך, ווי ער לויפט צו צו אַ יונגער פרוי און נעמט זי שלעפן, ריטשענדיק ווילד און רעדנדיק די מיאוסטע ווערטער, און אָט זעט ער זיך, ווי ער כאַפּט אַרום אַ קליין מיידל, אַזוי גרויס, ווי זיין דאָראָטהי, און עסט זיך איין מיט זיינע ליפּן אין אירע באַקן, ביז מענטשן לויפן זיך צוזאַמען און רייסן זי אַרויס פון זיינע קרעמפּנדע הענט.

אין אייביקע מינוט שפּעטער זיצט ער ווידער פאַרטון אין ביזנעס אָדער איז פאַראינטערעסירט אין אַ געשפּרעך אין הויז אָדער אין גאַס, ווי קיין זאַך וואָלט אין אים נישט פאָרגעקומען.

און ווען נרינבלאַט באַטראַכט אַלץ, וואָס אין אים קומט פאָר מיט מיט אַ קריטישן בליק, הייבט אים נישט אָן צו אַרן פאַר זיך אַליין, אפילו ווען עס זאָל זיך אויסלאָזן מיט אים, ווי אים שטעלט זיך אָפּט פאָר, ווייל נאָך אַלעמען ווייסט ער, אַז אַ משוגענעם פעלט נישט קיין זאַך. איין זאַך באַר ווינשט ער זיך, אַז אויב אים איז באַשערט אַראָפּצוגיין פון זינען, זאָל זיין קינד, זיין דאָראָטהי, נישט זעען די מיאוסע שטיק, וואָס ער וועט אָפּטון און נישט הערן די שמוציקע רייד, וואָס ער וועט רעדן... פאַר דעם האָט ער מורא מער ווי פאַר אַלץ.

10.

זיין לעבנס־ווערק

דער אַלטער מאַקסים האָט מיט זיינע ציטערנדיקע הענט פֿונאַנדערגעטיילט דעם שווערן גאַרדין, וואָס טיילט אָפּ זיין שטודיר־צימער פֿונם גרויסן זאַל און האָט מיך געבעטן אַריינצוגיין אין זאַל, ביז ער וועט צייט האָבן מיט מיר צו רעדן.

די ווענט פֿון זאַל זענען געווען אינגאַנצן באַהאָנגען מיט בילדער, די מערסטע פֿון זיי, פּאָרטרעטן.

גלייך אַקעגן, אויפֿן מיטן, איז געהאָנגען, אין אַ ברייטער עבאַניראַם דאָס בילד פֿון אַן עלטערן מאַן מיט אויסערגעוויינלעך מילדע גרויע אויגן. פֿונם גלאַט־ראַזירטן געזיכט האָט נאָך אַרויסגעקוקט יוגנט־פֿרישקייט און אַ גוטמוטיק סאַרקאַסטישער שמייכל האָט געשוועבט אויף די כמעט זיך באַוועגנדיקע ליפּן. צווישן די פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט, אויף וועלכער דער קאָפּ איז געלעגן אָנגעלענט בהרחבה, האָט אַרויסגעשטעקט אַ ציגאַר, וועמענס בלויער רויך האָט זיך געשלענגלט אַרויף אין רייפּעלעך, אָנפֿאַנגס קלענערע, שפּעטער און דאַן גרעסערע, מאַטערע, ביז זיי זענען געוואָרן צעצויגן און זענען צעגאַנגען אינעם טונקעלן הינטערגרונט פֿונם בילד. די פּאָר גוטמוטיקע אויגן קוקן נאָך פֿאַרטראַכט די בלויע רייפּעלעך און די פֿאַרטראַכטקייט וויקלט איין דאָס גאַנצע בילד אין אַ מאָדנעם נשמה־געוועב.

לעבן דעמדאָזיקן בילד, צו לינקס, איז געהאָנגען דאָס בילד פֿון אַ יונגער פֿרוי, אין העל־גרינעם סאַמעט איינגעהילט. דער בלאָנדער קאָפּ

מיט דער מאַסע ווייכע לויז־צוזאַמענגענומענע האָר, איז אַנגעבויגן אויף דער ברוסט און אַן אַנטשלאָסענער פעסטער בליק צילט ווייט אין אַן אַרונטערגעלאָזענער ריכטונג; דער קלאָרער, פולער, האַלב אָפּגעבלויזטער בוזים, פאַרראַט אַ שווערן אָטעם און אַ שווערערן געמיט. אַלע צוגן פון געזיכט זענען געשפּאַנט מיט דערוואַרטונג און די ליפּן — אָט, אָט וואָס זיי עפענען זיך נישט מיט אַ פאַרוואָרף.

אונטער דעמדאָזיקן בילד האָבן זיך געשפּילט אין אַ קליינער גאָלדענער רעם צוויי קליינע קינדער, אַ ברודערל מיט אַ שוועסטערל. דאָס יינגעלע האַלט אַ ווייס קעצל אין שויס און דאָס מיידעלע וויל עס אָנטאָן אַ רויט פאַרטוכל. דאָס קעצל ווערט זיך מיט די פאָדערשטע לאַפּקעס און מיאַוקעט — אויף דער לייוונט — און די קינדערלעכס פנימלעך שטראַלן פאַר נחת. רעכטס איז געהאָנגען אַ גרויס פאַמיליען־בילד, פאַרשטעלנדיק דריי דורות: זיידע־באָבע, טאַטע־מאַמע און אַ האַלב טוץ אייניקלעך אין עלטער פון אַכט ביז צוואַנציק יאָר. יעדער איינער איז יומטובדיק געשטימט, איבערהויפּט די אַלטיטשקע באָבע, וועמענס וואַרעמער ליבלעכער בליק נעמט אַרום די גאַנצע משפחה ווי אַ מלאך מיט זיינע פליגלען. נאָך אייניקע קלענערע בילדער פון פאַרשידענע אינהאַלטן האָבן באַצירט די וואַנט און געהאָלפן אָנפילן דעם זאַל מיט אַ זאָנדערבאַרער אַטמאָספערע.

קוקנדיק אַזוי — פון איין בילד אויפן צווייטן, האָט מיר גענומען שומען אין די אויערן און מיר איז פאָרגעקומען ווי עס באַוועגן זיך איבערן זאַל קלאַנגען פון אַ שטומער שפּראַך, פאַרקערפּערטע געדאַנקען, געפילן און קאָלירן, און מיר האָט זיך געדאַכט, ווי איך וואָלט געשטערט די הייליקע שטימונג מיט מיין אַריינקומען. האַלב אין פאַרלעגנהייט האָב איך זיך אָפּגעקערט און גענומען מיט שטילע טריט אַרומשפּאַצירן איבערן גרויסן זאַל, ווען מיטאַמאָל דערזע איך אין אַ ווינקל אַ פּאָר אויגן, אָנגעשטעלט אויף מיר, אָבער אַ פּאָר אויגן! פונקט ווי לעבעדיקע! און דאָס געזיכט, אין וועלכן די אויגן זענען איינגעפּאַסט, רייסט זיך איינפאַך פון לייוונט אַרויס.

— וואָס פאַר אַ מערקווירדיק בילד! — האָב איך גערעדט צו זיך אַליין, קוועטשנדיק מיט די פּלייצעס — איז דאָס מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל אַזוינס קאָנען האָבן געמאָלט?

איך האָב זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און מײַנע בליקן האָבן זיך געגראָבן אין דעם בילד — ס'איז געווען אַ מאַן אין די דרײַסיקער — אַך, וואָס פֿאַר אַ פּנים! וואָס פֿאַר אַ רײַפֿקייט פֿון פֿאַרשטאַנד! וואָס פֿאַר אַ טיפֿקייט פֿון געפֿיל! וואָס פֿאַר אַ געלײַטערטע שטימונג! און דאָס אַלץ שווימט אַרויס פֿון די געמאָלטע אויגן. דער קלאָרער, אומענדלעך־טיפֿער בליק איז געווען געריכטעט אַנטקעגן צו דער וואַנט און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער בליק שטייט נישט אויף איין אָרט, אַז יעדעס מאָל צילט ער ערגעץ אַנדערש־ווו, שטודירט און מוסטערט די שטומע באַוועגונגען פֿון זײַנע חברים־בילדער און אַ געוויסער באַשלוס לאָזט זיך אָפּ באַמערקן אויף אים. עס האָט זיך מיר גענומען דאַכטן, אַז דער דאָזיקער בליק פֿאַרטשעפּעט אויך מיך און מעסט מיך אָפּ פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט אַזאַ טיף־איבערצײַגטער מינע.

מײַן דערשטוינונג איז געוואַקסן פֿון מינוט. איך האָב קיין געדאַנקען נישט געטאָנט געפֿינען זי צו פֿאָרמולירן. — איז דאָס מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל אַזעלכעס קאָנען באַשאַפֿן דורך טויטע קאַלטע פֿאַרבן!

איך האָב אָפּט פֿריער געהערט דערציילן פֿונם אַלטן מאַקסים, דעם „מכשף פֿון פֿאַרבן“ און זײַן זאָנדערבאַרער קונסט, צו מאָלן מענטשן מיט זייערע געדאַנקען צוזאַמען, אָבער אויף אַזוי ווײַט?

דאָס בילד פֿון יונגנמאַן האָט מיך פֿאַרכשופֿט. איך ווייס, דאַכט זיך, גאַנץ קלאָר באַ זיך, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ בילד, אַז האַרט אונטער דעם איז די שטומע לינקע זײַט פֿון אַ גראָבער לײַוונט, אָבער ווי פֿיל לעבן, וויפֿיל אָטעם, וויפֿיל לעבעדיקער אינטעלעקט שלאָגט פֿון דער פֿאַרב אַרויס! איך בין אַזוי געשטאַנען פֿאַרגאַפֿט און האָב גאָרנישט געהערט ווי דער אַלטער מאַקסים איז אַרײַן. ערשט אַז איך האָב דערפֿילט זײַן האַנט אויף מײַן שולטער, האָב איך פֿון מײַן דערשטוינונג זיך אויפֿגעכאַפּט.

— ווי איך זע, געפֿעלט דאָס אויך אײַך — האָט דער אײַנגעבויגענער אַלטיטשקער מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— געפֿעלט! — האָב איך מיט באַגײַסטערונג אויסגערופֿן — עס קאָן זיך מיר פּשוט נישט גלייבן, אַז אַ מענטש זאָל קאָנען אַזעלכעס באַשאַפֿן, און דער מאָדעל! אויב ער איז נאָר אַ טייל ענלעך צום בילד, מוז

דאָך זיין איינער פון די מערקווירדיקסטע עקזעמפּליאַרן פון דער מענטשהייט. ווער איז ער דאָס, איך בעט אייך?

— אַ, ווען איר! — האָט דער אַלטיטשקער מיט וואַרעמקייט געזאָגט — ווען איר זעט אים, וואָלט איר נישט ווילנדיק, נישט זייענדיק קיין מאָלער, ווען מאָלן זיין בילד, און עס וואָלט אייך אפשר אויך געלונגען. אַזאַ געזיכט איז עס געווען! אַזוי פיל האָט ער זיך דאָס געקאָנט איינפּרעסן אין איינעמס געדאַנק. נאָר עס איז געווען אַ שפּאַס דאַן, כע, כע, אַ ביטערער שפּאַס! איך וועל עס אייך דערציילן, פּאַר אייך קאָן עס צונוץ קומען. און אַריינקומענדיק צוריק אין שטודיע, האָט דער אַלטער מאַן גלייך אָנגעהויבן:

— עס איז שוין אַ יאָר פּערציק אין דעם. איך האָב דאַן געהאַט נאָר-וואָס צוריקגעקומען פון מינכען, וווּ איך האָב שטודירט אין דער אַקאַדעמיע אונטער דעם באַרימטן פּילאָטי. ציַיטונגען האָבן וועגן מיר געשריבן און געלויבט מיינע ווערק אין הימל אַריין. אייניקע האָבן מיך פאַרגלייכט צו דאַ ווינטשי, צו לענבאַך, אַנדערע האָבן מיך געשטעלט נאָך העכער און איך האָב גיך געקריגן די רעפּוטאַציע פון אַן אויסערגעוויינלעך טאַלאַנטירטן פּאָרטרעט-מאָלער.

— מיטאַמאָל קומט מיר אָן אַן איינלאַדונג פון סער אַ. צו מאָלן דאָס בילד פון זיין ייִנגסטן זון, אַרטהור, אַ ייִנגל פון אַ יאָר אַכצען, מיט וועלכן, צוליב זיינע אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן, זיינע עלטערע ווי אויך אַ טייל פון גאַנצן לאַנד האָבן שטאָלצירט.

אַז איך האָב דאָס ייִנגל צום ערשטן מאָל דערזעען, בין איך אַ צעטומלטער געוואָרן. איך בין געבליבן שטיין ווי איינער, אין דער העכסטער שטופּע פון פאַרצווייפלונג אויס אָרימקייט, אַנטדעקט פּלוצלינג אַן אוצר. אַ ים מיט באַגייסטערונג האָט זיך אין מיר צעגאָסן און כ'האָב געפילט וואָס פאַר אַ גליק מיר איז דאָ באַשערט.

גלייך אויף מאָרגן האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט און ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, צו זעען ווי אונטער מיין איינדרינגענדן בליק פרעגן זיך אויס די געזיכטס-ציגע פון יונגגמאַן אין דער צוקונפט אַריין, יעדער צוג האָט זיך פאַר מיר געשטעלט נישט אין זיין געגנווערטיקער, נאָר האַלב אַנטוויקלטער פאָרם — צוליב זיין יונגקייט — נאָר אין די אַנטוויקלטע ליניען פון זיין העכסטע צוקונפטיקע פולקאָמענהייט. און

אַזוי בין איך מיט מיין אַרבעט אַנגעגאַנגען טעג און וואָכן, ביז דאָס ווערק איז געווען פאַרטיק.

ווען איך האָב צולעצט, נאָך אַ פּאָר פאַרענדיקנדע שטריכן דעם פּינזל אָוועקגעלייגט און אָפּגעטראָטן אויף הינטער צו וואַרפן אַ פלוצלינגן בליק אויפן בילד, האָב איך גלייך דערקענט דעם יונגנמאַן, ווי אַזוי ער וועט אויסזעען אין זיין העכסטער שטופע פון זיין גייסטיקער און קערפּערלעכער אַנטוויקלונג און כ'האָב געפילט אַן אמתע פרייד אין האַרץ.

קיינעם איז נישט געווען דערלויבט אַנצוקוקן דאָס בילד אין דער צייט פון דער אַרבעט. נאָר אַז עס איז פאַרטיק געוואָרן, האָט סער א. פאַרבעטן אַ גרויסן עולם, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די פּראָמינענטסטע קינסטלער און קריטיקער פון שטאָט.

אַז איך האָב דאָס לייַלעך פון בילד אַראָפּגענומען, האָבן אַלע זיך גענומען שטופּן צום בילד, אָבער באַלד האָט איינער נאָכן צווייטן מיט אַנטוישונג זיך צוריקגעצויגן. אויף יעדן איינעמס פּנים האָט געשוועבט אַ פראַגע-צייכן, וואָס איז דאָס? אפילו סער א. אַליין האָט פאַרקרימט דאָס געזיכט. ער האָט מיך אָפּגערופן אָן אַ זייט און שטיל מיט אַ טאָן פון פאָרוואורף געזאָגט:

— איר מיינט נישט צו זאָגן, אַז דאָס איז דאָס בילד פון מיין זון!

— איך מיין עס שוין גאָר! — האָב איך מיט אַ שמייכל געענטפערט.

— ווי אַזוי?

— גאַנץ איינפאַך — האָב איך דערקלערט — צו געבן אַ בילד פון אייער זון ווי אַזוי ער זעט אויס א י צ ט, וואָלט הייסן צו פאַרקערפּערן בלויז א י י ן מאָמענט פון זיין לעבן, א י י ן איבערגאַנג-צושטאַנד, אָבער נישט דעם כאַראַקטער, דעם רייפן איך זיינעם, וואָס וועט ערשט אַרויסוואַקסן שפּעטער, פון אַ סך אַזעלכע איבערגאַנגס-מאָמענטן. באַטראַכט נאָר זיינע צוגן, זעט נאָר דעם שטערן, וועלכער האַלט זיך ערשט אין אויסוועלבן; באַטראַכט נאָר די אויגן זיינע. יועלכע האַלטן זיך נאָך ערשט אין אַריינזעצן און קריגן די ריכטיקע פּאָזיציע. צו קאָנען קוקן ריכטיק אויף דער וועלט; זעט נאָר די ליפּן, ווי זיי האַלטן זיך אין מאָדעלירן און אָננעמען די פאָרם, דורך וועלכער צו קאָנען געבן דעם ריכטיקן אויסדרוק. יעדער צוג, יעדער שטריך אין זיין געזיכט האַלט ערשט אין באַ-

שאפן ווערן, גייט נאָך דעם גייסט זיינעם און אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיט אים. איך האָב שוין געזעען קלאָר, ווי דאָס אַלץ וועט זיך ענדלעך גע־שטאַלטן און אַזוי האָב איך עס איבערגעגעבן אויף דער לייוונט — אַ גאַנצע אַרבעט, נישט קיין האַלבע.

סער א. האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און די פּראָמינענטע קינסטלער און קריטיקער האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ. זיי האָבן מיך אָנגעקוקט מיט אַ מיטליידפולן בליק, וואָס האָט מיר קלאָר געזאָגט, פאַר וואָס זיי האַלטן מיך. מיך האָט עס אָבער ווייניק געאַרט. איך האָב צו־גענומען דאָס בילד און בין אַוועק. איך האָב נאָר געזאָגט סער א. פאַרן אַרויסגיין, אַז אין צען יאָר אַרום, ווען זיין זון וועט זיין פ א ר ט י ק, קאָן ער קומען און זעען ווי דאָס בילד איז ריכטיק.

דער אַלטיטשקער האָט זיך האַרציק צעלאַכט, אַז ער האָט זיך גע־מוזט צוהאַלטן בײַ דער ברוסט, ער זאָל זיך נישט צעהוסטן.

— און וואָס איז געווען די ענדע? — האָב איך שטאַרק נייגיריק געפרעגט — איז סער א. אָדער זיין זון געקומען שפּעטער.

— זיי זענען ביידע געקומען — האָט דער אַלטער קינסטלער מיט שטאָלץ געענטפערט — ווען די צייטונגען האָבן אין צען יאָר אַרום ווי־דער מיט מיר געגומען קלינגען און ווען זיי האָבן דערזעען דאָס בילד צום צווייטן מאָל, האָבן זיי פון איבערראַשונג שיער נישט געחלשט. סער א. איז פאַרגעקומען, ווי ער וואָלט געהאַט צוויי זין, וועלכע זענען געראָטן איינער אין צווייטן, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, און דער זון, וועלכער איז צו יענער צייט שוין געווען וועלט־באַרימט, אַלס וויסנשאַפטס־מאַן און פי־לאָזאָף, האָט געמיינט, אַז פּלוצלינג איז ער צעפאַלן אויף צוויי טיילן, פון וועלכע אים איז געבליבן דער קערפּער און דעם בילד דער גייסט. סער א. האָט מיך פאַר דער האַנט אָנגעכאַפּט און געבעטן אַנטשולדיקן אים פאַרוואָס ער האָט נישט געוווּסט מיין קונסט אָפּצושאַצן מיט צען יאָר צו־ריק. ער האָט מיך דאַן געבעטן אָפּצושיקן דאָס בילד כאָטש דעם זעלבן טאָג אין זיין פּאַלאַץ. וועגן געלט, האָט ער געזאָגט, קאָן איך פאַרלאַנגען וויפיל איך וויל נאָר אַליין. איך האָב מיך געפילט שטאַרק גערירט פון סער א. באַגייסטערונג און נאָך מער פון זיין זונס, וועלכער איז געשטאַ־נען פאַרן בילד דערשעפּט פון עקסטאַז. איך האָב אָבער אין דער זעל־

בער צייט אויך געפילט, אז איך קאָן זיך פונם בילד נישט שיידן פאַר קיין זאַך אין דער וועלט.

— עס טוט מיר לייד — האָב איך געזאָגט צו סער א., וועלכער האָט מיט אַן אָפן מויל געהאָרט אויף מיין ענטפער. — איר קאָנט דאָס בילד היינט נישט קריגן און אפשר אויך נישט איבעראַיאָר. איר קאָנט עס קריגן ערשט נאָך מיין טויט. כל זמן איך לעב, וועל איך פונם בילד זיך נישט שיידן. דאָס איז מיין גרעסט ווערק, מיין לעבנס־ווערק.

פאָטער און זון זענען אַרויס אַנטוישטע און פון הינטער דער טיר האָב איך געהערט סער א. שטימע:

— אַ משוגענער, אַ משוגענער זשעני!

11.

בילדער פון גאַס

זי גיט אים אַ „שאָו"

יאָשע בער איז אַ ייד פון מיטעלן וווּקס, מיט אַרויסשטעקנדע באַקן־ביינער, אַ שיטער געל אָפּבליאַקירטע באָרד און אַ פּאָר וואַסערדיקע גרויע אויגן, וואָס קוקן האַלב פאַרטראַכט אַרום זיך.

זיין עלטער איז נישט לייכט צו טרעפן. מען קאָן אים שאַצן פערציק יאָר און מען קאָן אים שאַצן פינפציק. זיינע באַוועגונגען זענען ווי פון אַ יונגנמאַנטשיק, ער איז שנעל און רירעוודיק אין זיין גאַנג און זיין רעדן, ווי ער וואָלט געווען דורכגענומען מיט יוגנט אין מוט, אָבער ווען מען קוקט זיך צו צו זיין געזיכט און מען דערזעט די טיפע קנייטשן אויפן שטערן, די דינע פעלדלעך אַרום די אויגן, די פּאַרמעט־געלע קאָליר פון זיינע באַקן און די ווייסע האָר, וואָס וואַרפן זיך דורך דורך זיין שיטער שפּיציקע באָרד, זעט מען, אַז ער איז שוין ווייט, ווייט פאַר־פאָרן אין די יאָרן.

אין אַמעריקע איז יאָשע בער שוין היפּשע עטלעכע יאָר, דאָך טראָגט ער נאָך אַלץ דאָס היטל מיט דער שמאָלער דענקע, אין וועלכן ער איז פון שיף אַרונטער. ווינטער אין די גרויסע פרעסט קאָן מען אים זעען אין אַ וואַטאָווע לייב־קאַפּטל פון געקעסטלטן באַרכאַט, וואָס ער האָט פון קאַסלעווע געבראַכט און אַ שווערן וואָלענעם שאַל, אונטער וועלכן ער פאַרשטעקט די שפּיצן פון זיין באָרד. מען קאָן זעען דאָס ער פילט זיך ווי אינדערהיים, ווען ער טראָגט די היימישע מלבושים

און האָט נישט בדעה צו שיידן זיך פון זיי כל־זמן זיי ווען זיך נאָך האַלטן.

אַ לעבן מאַכט יאָשע בער, „אויסער זיין שאַדן, אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן", ווי ער אַליין באַמערקט אָפּט. באַנאַכט איז ער אַ וואַטשמאַן אין אַ שאַפּ און באַטאָג פּוצט ער שיך בײַ העסטער־פּאַרק. ביידע פּרנסות ברענגען אים נישט אַריין חלילה צופּיל, דאָך האָט ער געוווינט אויף וואָס ער דאַרף און האָט אויך צו שיקן, פון צייט צו־צייט, עטלעכע דאָלאַר צו זיין פרוי און קינדער אין קאָסלעווע.

וועגן אַריבערברענגען זיין פאַמיליע קיין אַמעריקע, האָט יאָשע בער קיינמאָל נישט געדענקט. זיין איינציקע האָפנונג איז אָנצוקלויבן עטלעכע הונדערט דאָלאַר און פאָרן צוריק אַהיים. דאָרט איז ער דאָך פאָרט אַ שטיקל באַלעבאָס, מיט אַ פיינעם נאָמען, מיט אייגענע פיר ווענט און אַ גרויסן גאָרטן. אַ וואָס, די עטלעכע הונדערט דאָלאַר קלויבן זיך נישט אָן אַזוי גיך, האָט ער בטחון און געדולד צו וואַרטן. ער איז זיכער, אַז שפּאָרנדיק אַזוי ביסלעכווייז ווי ער שפּאָרט, וועט ער זיך ווען עס איז פאָרט דערשלאָגן צו אַ שטיקל קאַפּיטאַל.

פון די שיך פּוצן מאַכט ער ווייניק. ער האָט זייער פיל קאָנקורענץ אַרום זיך. די יידישע און איטאַליענישע באָיס, וואָס „הינ־ען" אַרום אים באַם פּאַרק, כאַפּן אויס די קאָסטאָמער. ער איז נישט אַזוי פלינק ווי זיי און דאַן פילט ער, אַז די יאָרן און די באָרד שטייען אים שטאַרק אין וועג, ער פילט, אַז עס איז נישט שיין פאַר אַ ייד מיט אַזאַ באָרד אָפּצו־געבן זיך מיט אַזאַ פּרנסה און גאַנץ אָפט, ווען די באָרד שאָקלט זיך איבער זיין ברוסט, ווען ער שטייט אויף די קני און רייבט מיטן בערשטל איבער אַ קאָסטאָמערס שיך, שטעלט ער זיך פאָר ווי קאָמיש ער קוקט אויס אין די אויגן פון די פאַרבייגייער און ער פילט זיך זייער קליין און נידערגעשלאָגן. אָבער וועגן אויפגעבן דאָס איז אים קיינמאָל נישט איינ־געפאַלן, וואָרים נאָך אַלעמען, איז ער בײַ זיך באַוווסט, האָט ער דאָך „סטעדי קאָסטאָמערס", וועלכע גיבן אים אַ „שאו" איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך, כאָטש ער רעכנט דריי סענט פאַר אַ שיין און די באָיס די „לאופערס" נעמען צוויי סענט אויך.

גאַנץ אָפט טראַכט ער מיט שטאָלץ וועגן זיינע קאָסטאָמערס. עס זענען עפּעס פאָרט מענטשן, וואָס שפּילן אַ ראָלע, נישט ווי די קאָסטאָ־

מערס פון די לאופערס, וואָס ווער קען זיי, ווער ווייסט זיי! דער סאלון־קיפּער אויפן קאָרנער, דער באַלעבאָס פון ווורשט־סטאָר, פון ספרים־סטאָר, פון מילכיקן רעסטאָראַן און פון גרויסן פּייפּער־סטענד, זענען זיינע סטעדי־קאַסטאָמערס און ווער רעדט נאָך פון מרס. שאַכלאָוויץ, וועלכע האָט נאָך קיין איין מאָל ניט פאַרפעלט אַ פּרייטיק צו געבן אים צו לייזן אַ ניקעל.

— אַ ניקעל איז אַ פיינע מטבע פאַר אַ שיין אויף אַ קעסטל, פאַר אַ ניקעל קריגט מען אַ „פּאָליש" בּאַ די איטאַליענער אויף איסט־בראָד־וויי און אויף גרענד־סטריט, וועלכע האָבן צו האַלבע טוצן „טשערס" און צאָלן אפשר אַ פינפציק דאָלאַר אַ מאָנאַט רענט. נאָר — גאָרנישט, מרס. שאַכלאָוויץ וועט אים גיכער געבן אַ ניקעל, איידער אַן אַנדערן צוויי סענט. זי איז דאָך פאָרט די אַמאָליקע חיה באַשע, די אַלטע, אַלטע באַקאַנטע פונדערהיים. ער ווייסט, אַז זי איז נישט אַזוי אויסן דעם „שיין" פאַר זיך ווי דעם „שאו" פאַר אים.

פרייטיק פאַרנאַכט, סוף זומער.

יאָשע בער שטייט אָנגעשפּאַרט אָן דעם אייזערנעם פּאַרענטש פון פּאַרק. דאָס קעסטל מיט די בערשטלעך און די אָניטשעס זענען צוגע־רוקט צו אים און ער קוקט אויף זיי, פאַרטראַכט, פּאָרענדיק זיך מיט די שמוציקע פינגער אין די שיטערע האָר פון זיין באָרד.

— גאָט צו דאַנקען, שוין ווידער שבת — קלערט ער בּאַ זיך.

ער טוט אַריין די האַנט אין דער הויזן־קעשענע, גרונטעוועט זיך אַ ווײַלע און שלעפּט אַרויס אַ הויפן מיט סענטן און ניקעלס.

אַ צופרידענער שמייכל באַווייזט זיך אויף זיין טרוקענעם פּנים.

— קיין עין הרע, אַ היפּש ביסל — טראַכט ער מיט צופרידנהייט— איך וואָלט עס נישט אַוועקגעגעבן פאַר זעכציק סענט!

ער קוקט זיך אַרום אויב קיינער זעט נישט, קערט זיך אום מיטן געזיכט צום פּאַרענטש און ציילט דאָס קליינגעלט.

— נאָך מער, ווי איך האָב געדענקט — טראַכט ער בּאַ זיך אָן אויפגעמונטערטער — זיבעציק סענט שוין פאַרדינט און מרס. שאַכ־

לאָוויצעס ניקעל איז דאָך עפּעס אויך נישט קיין הונט! דאָס הייסט, אז מיט פינף און זיבעציק סענט קאָן ער שוין זיין זיכער. נו, אַ דאַנק גאָט דערפאַר. אַזאַ פּרייסיק האָט ער שוין לאַנג נישט געהאַט.

ער קוקט זיך אַרום צו העסטער-סטריט, צו זעען אויב מרס. שאַכ-לאָוויץ גייט שוין נישט.

זיין לאַנדס-פרוי איז נישט געוועזן צו זעען, נאָר ער איז געווען זיכער, אַז אָט-אָט וועט זי קומען. פרומע יידן האָבן שוין גענומען פאַר-מאַכן די סטאָרס לכבוד שבת.

— אַ טייערע פרוי — האָט יאָשע בער געזאָגט צו זיך אַליין, טראַכטנדיק אַזוי וועגן זיין בעסטער קאָסטאָמערקע.

ער פאַרטראַכט זיך נאָכאַמאָל.

ער שטעלט זיך פאָר, ווי ער איז נאָך אַ יונג בחורל, נאַר-וואָס פון דער ישיבה אַרויס.

זיין טאַטע, הערשל דער קצב, האָט געוואָלט ער זאָל נעמען קלערן וועגן עפּעס אַ תּכלית. ער האָט פאַרלאַנגט, דאָס ער זאָל פאָרן „קנעלן" אויף אַ דאָרף אָדער העלפן אים אין יאַטקע. ער האָט אָבער צו בייז'ע זאַכן קיין שטאַרקן חשק געהאַט און האָט אַנגעווענדט אַלע מיטלען אַרויסצומאַכן זיך פון זיי. עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט פאַרברענגען דעם זומער אין שטעטל: באַטאָג לערנען „פאַר זיך" אין קצבישן בית-המדרש און די אָוונטן זיין אין קאָמפּאַניע פון בחורים און מיידלעך אויף די גאַניקעס אָדער אין סאָד, וויפיל פון זיינע חברים טוען עס. ער האָט געפילט, אַז בײַ אים אין האַרץ שפּראָצט עפּעס אַ פאַרלאַנג און וואַקסט אַלץ גרעסער און גרעסער מיט יעדן טאָג.

ער דערמאָנט זיך אָן די ווירקונג, וואָס האָט אויף אים געמאַכט דער ערשטער ראָמאַן, וואָס ער האָט אין זיין לעבן געלייענט: „עווגעניע". אים איז דאָן פאָרגעקומען, ווי ער איז מיט אַמאָל אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ צויבער-וועלט, און אַז די גאַנצע וועלט, אויסער קאָסלעווע, באַשטייט פון העלדן און העלדינס.

דער ראָמאַן האָט גענומען גיין פון האַנט צו האַנט, ביז די גאַנצע יוגנט פון שטעטל האָט זיך אָנגעשטעקט מיט ראָמאַנטיק. בחורים און מיידלעך האָבן זיך צעטיילט מיט די ראָלעס פון בוך און האָבן — כּלומרשט אויף צו פלייסן — זיך גענומען רופן מיט די נעמען פון די העלדן און

העלדינס. אויף אים איז גראָד געפאַלן דער גורל צו שפּילן די ראָלע פון נאַפּאָלעאָן, און אויף חיה באַשע דער בעקערקעס, די ראָלע פון יעווגעניע.

אַ שמייכל באַווייזט זיך אויף יאָשע בערס ליפּן.

— אַ שיינע יעווגעניע איז דאָס געווען, חיה באַשע. זי האָט זיך טאַקע געפּאַסט פאַר אַ קעניגין. אַ מויד — אַ מחיה צו קוקן, איר קער, איר ריר. ווו זעט מען דאָס היינטיקע צייטן אַזעלכע מיידלעך?

— און איך אַליין — טראַכט ער ווייטער — בין עפּעס געווען אַ שפּעטנער בחור, וואָס! איך בין געווען אַ יונג מיט בייגער, אַ מאַדים, אַ שטיפער און אויך אַ גוטן קאָפּ געהאַט. באשר, די צייט די פּריקלאַטנע פאַרענדערט אונז אַזוי.

— און פון דאַן אָן — וויפיל וואַסערן זענען דאָס אַריבער, וויפיל צרות, וויפיל אומגליקן האָב איך דאָס דורכגעמאַכט? פיר יאָר פאַרשוואַרצט געוואָרן, קנעלנדיק אין דערפער, פיר יאָר אַרויסגעריסן געוואָרן בײַ „פאָניען“ און דאַן חתונה געהאַט און געליטן צרות אויפן פּוד גאָר אויפדאָסניי.

— בײַ לייטן, אַז מען האָט חתונה, קריגט מען נדן, קריגט מען קעסט, מען האָט צייט אַרומצוקוקן זיך. און בײַ מיר — גאָרנישט. געפּטרט די שבע ברכות, האָט מען געדאַרפט מיט דרשה־געשאַנק־גילדנס גיין קויפן ברויט אין הויז. און וואָלט כאָטש מיין ציפּע זיין עפּעס רעכטס, ווי אַ חיה באַשע למשל, וואָלט זיך כאָטש געלוינט, אָבער מען טאָר דאָך נישט זינדיקן מיט די רייד.

— דערפאַר אָבער, חיה באַשען, האָט קיין עין הרע שוין גאָר גוט אָפּגעגאָלטן. זי האָט געטון אַ שיינעם שידוך, מיט אירס גלייכן, און ווען מען מסרט נישט איר מאַן, וואָלט זי נאָך ביז היינטיקן טאָג פאַרבליבן אין דער היים אַ נגידה. אָבער וואָס פעלט איר דאָ, ברוך השם, אַ סטאָר פון כל טוב, איינער פון די גרעסטע אויף העסטער־סטריט, און אירע „דיימאָנדס“ קאָן מען אפשר נישט קויפן מיט דריי הונדערט דאָלאַר. זאָל איר גאָט העלפן, זי איז אַ טייערע יידענע.

יאָשע בער וואַרפט אַ בליק אויף זיינע אויסגעשמירטע הענט און אויף די פון אַלטקייט און שמוץ גלאַנצנדע הויזן און אַ לאַנגער אויסגעצויגענער זיפץ רייסט זיך אַרויס פון זיין ברוסט.

ער בייגט זיך איין צום קעסטל מיט די בערשטלעך און מאַכט אַ באַוועגונג ווי אויפצוהייבן זיי, אָבער ער רירט זיי נישט אָן. ער לאָזט אַרויס נאָך אַ זיפץ, גלייכט צוריק אויס זיין פיגור, ציט אויס דעם האַלז און וואַרפט אַ ווייטן בליק אין דער ריכטונג פון העסטער־סטריט.

— וואָל עס מעגלעך זיין, אַז זי האָט דעם סטאָר נאָך נישט געשלאָסן, — מורמלט ער האַלב פאַרדראָסן, האַלב פאַרוווּנדערט, אין זיין שיטערער באָרד. ער האָט גענומען קוקן נערוועז אַרום זיך, האָט געפרעגט יעדן פאַרבייגייער אויף דער ריכטיקער צייט, ביז מיטאַמאָל האָט ער זי דערזעען אָנקומען.

ער האָט שנעל אַוועקגעשטעלט דאָס קעסטל אין דער ריכטיקער פּאָזיציע און מיט אַ שעמעוודיקער מינע געוואַרט זי זאָל אַרויפשטעלן דעם פוס אויף דער אייזערנער זויל.

ער האָט געוווּסט, אַז זי איז נישט אַזוי אויסן דעם „שאַין“ פאַר זיך, ווי דעם „שאו“ פאַר אים.

12.

אויף דער באָערי

ווי אַן אויסגעטרוקנטער ריגשטאָק ציט זיך די באָערי אין דער פינצטערער נאַכט אַריין און קוים שלאָגט דער זייגער איינס, שיט זיך אַרויס דער שמוץ פון דער ניו־יאָרקער געזעלשאַפט פון די זיך שליסנדיקע סאַלאָנען און לאָזט זיך וואַקלענדיק אויף ביידע זייטן פון דער גאַס.

איינציקווייז ווערן די וואַקלענדיקע פיגורן פאַרשוווּנדן אין די שאָטנס פון דער נאַכט; ווער עס כאַפּט זיך אַריין אין אַ האַלב־באַלויכטענעם קאָרידאָר פון אַן אָפּגעריסן לאָדזשינג־הויז, ווער עס פאַררוקט זיך אין אַ פינצטערן האָל און ווער עס מאָשצעט זיך אויס שלאָפן אויף אַ האַרטן סטופּ, אויף דער שוועל פון אַ סטאָר, באַ אַ באַרעל מיסט אָדער באַ אַן עלעווייטער־סלופּ.

פאָרט דורך אַ קאַר, אַן אויטאָמאָביל אָדער אַן עלעווייטער־טריין פון אויבן, שווימט מיטאַמאָל אַרויס אין די פאַרבייפליענדע שטרייפן ליכט, צונויפגעדרייטע און הילפלאָז־אויסגעשטרעקטע קערפּערס אויף ביידע זייטן גאַס און דאָ און דאָרט בליצן אויף אַ פּאָר אויגן, וואָס שטעכן דורך ווי מיט שפּיזן די קאַלטע אומהיימלעכע לופט פון דער לאַנגער, ווי פעך זיך שלעפּנדער נאַכט.

קללות, זידל־ווערטער און שמוציק־גראָבע אויסרופן הערן זיך פון צייט־צו־צייט און אַ מאוימדיק שנאַרכען און כראָפּען און הייזעריק צעדריפּעטע שטימען טראָגן זיך פון די סטופּס און פון די פינצטערע קאָ-

רידאָרן און עס קומט פאָר, ווי דער שמוץ אין ברייטן רינשטאָק וואָלט זיך באַוועגט.

דאָ און דאָרט שוועבן פאַרבייס ילוּעטן פון גלייכע און צונויפגעדרייטע מענטשן־פיגורן. איינציקווייז און פאָרנווייז גייען זיי, טוליען זיך אין פאַרמלאָזע, צעריסענע קליידער, רייבן זיך די אויערן, בלאָזן זיך אין די הויפּנס, שטעלן זיך אָפּ בײַ די סטופּס, בײַ מיסט־באַרעלס און באַגריסן זיך מיט זיצנדיקע און ליגנדיקע פיגורן: „העלאָו דזשאַן!" „העלאָו מעק!" און גייען זיך ווייטער, ווי זיי וואָלטן געווען נאָר וואַנדלענדע שאָטנס.

זעט איינער פון די וואַנדלענדע שאָטנס דורכגיין איינעם פון די „רעגעלע גאַיז", באַגעגנט ער איינעם, וואָס איז געקליידט לייטן גלייך און גייט מיט פעסטע טריט, פּרובירט ער אים דעם וועג פאַרשטעלן און אַ פּאָר סענט אויף „אַ הייסע קאָפּ קאָפע" אַרויסקריגן, און ווען עס געלינגט אים נישט, ברומט ער אַרויס אַ פּאָר טיפּיש־באָערי זידלווערטער און זעצט פאָר זיין וואַנדערן אין דער טיפער נאַכט אַריין.

אַ קאַלטער, שטאַרקער ווינט יאָגט פון דער באָערי און די דינע רעגן־טראָפּנס שטעכן אין פּנים און אין די הענט ווי מיט אייזיקע נאָדלען. די טראָטוארן זענען מיט אַ דינער אייז־הויט באַצויגן און מענטשן גייען און שאַרן מיט די פיס אום זיך נישט אויסצוגליטשן.

דער זייגער האָט געשלאָגן איינס און אויף דער באָערי האָט גענומען ווערן פינצטער. איינס נאָכן אַנדערן זענען די עלעקטרישע לעמפּלעך אין די סאַלונען אויסגעלאָשן געוואָרן און פון די פאַרשידענע „ענטראַנסעס" האָבן גענומען אַרויסקריכן מענער פון פאַרשידענער עלטער, געזונטע און קאַליקעס, מיט צעריסענע שיך, מיט צעריסענע רעק, אַנדערע אָן רעק און אָן היטלען. די מערסטע פון זיי זענען געגאַנגען אין זיג־זאַג און זיך געוואַקלט אויף די פיס, ווי די פיס וואָלטן זיי געווען צוגעטשעפּעט.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, איז דער עולם געוואָרן שיטערער. פיל

האָבן פאַרכאַפּט זייערע שטענדיקע פּלעצער אויף די סטופּס און פּאָר די טירן פון די סטאָרס, אייניקע האָבן זיך פאַררוקט אין פינצטערע קאַרידאָרן, אַנדערע האָבן זיך אויסגעזוכט אַ מקום מנוחה אונטער אַ דעכל פון אַ סטענד אָדער הינטער אַלטע סטאָר־פּיקטשורס און ווידער אַנדערע זענען געלעגן אויף דער זייט פון טראָטואַר אויסגעגליטשטע און גערעדט צו זיך אַליין שכורערהייט, נאָר פון צייט־צו־צייט האָט מען געקאָנט זען אַ „טרעמפּ", פאַרבייוואַקלענדיק זיך איבער דעם גליטשיקן טראָטואַר און זיך טרייסלענדיק פון קעלט.

קומט אַרויס אַ יונגער אָפּגעריסענער „טרעמפּ" מיט אַ הילצער־נעם פוס פון ריווינגטאָן־סטריט און לאָזט זיך גיין אין זיגזאַג אַרונטער דער באַוערי.

ער רעדט צו זיך אַליין אונטער דער נאָז און ווען ער באַגעגנט שטעלט ער אָפּ און בעט אַ פּאָר סענט אויף „הייסע קאַפּע".

קומט אַרויס פון העסטער־סטריט אַ הויכער, אײַנצווייען געבויגע־נער אַלטער מאַן אין אַ פּאָר הויזן, פון וועלכע די קני זעען זיך אַרויס, אין אַ העל, דין רעקל, וואָס איז אַכט „סייזעס" צו קליין אויף אים און מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס שניידן דורך ווי בליצן די פינצטערקייט פון דער נאַכט.

ער בלייבט שטיין אַ רגע אויפן ראָג, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן און לאָזט זיך גיין, שאַרנדיק די פיס איבער דעם גליטשיקן סאַיד־וואָק די באַוערי אַרויף.

הינטער די טרעפּ פון עלעווייטער, בײַ גרענד־סטריט, באַגעגנט אים דער יונגער טרעמפּ און שטעלט אים אָפּ, רעדנדיק פאַרשיכורט צו זיך אַליין:

— סעי אָלד מען, קאָנסטו מיר אַרויסהעלפן מיט אַ פּאָר סענט אויף אַ הייסער קאָפּ קאַפּע?

דער אַלטער שווייגט. ער מאַכט אַן אָנשטרענגונג אויסצוגלייכן זיין

איינגעבויגענע פיגור, צו קאָנען אַריינקוקן דער קאַליקע גלייך אין די אויגן, אָבער עס געלינגט אים נישט.

— טוט אַ טובה אַ מענטש — רעדט די קאַליקע, ווייטער זיך וויגנדיק אויף דעם הילצערנעם פוס — נאָר אַ פּאָר סענט אויף אַ קאָפּ קאָפּע. דזשי וויז, ווי די קעלט נעמט דורך די ביינער... אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט פאַרזוכט...

דער אַלטער מאַכט אַ פּאָר טריט און די קאַליקע גייט אים נאָך אין זיגזאַג.

זיי בלייבן ביידע ווידער שטיין בײַ אַ פּאָנאַר.

די קאַליקע נעמט אָן דעם אַלטן פאַרן אָרבל און ווידערהאָלט אַ ביסל העכער און חוצפּהדיקער זיין בקשה:

— ווערסט נישט אויסהעלפן אַ קאַליקע מיט אַ פּאָר פּעניס! סאַי! אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געהאַט אין מויל און שלאָפן ווו האָב איך אויך נישט. דער פאַרדאַמטער „בול דאָג" האָט פאַרכאַפּט מיין פּלאַץ אויף דעם סטופּ...

דער אַלטער האָט זיין קרומע פּלייצע אויסגעגלייכט, האָט מיט זיינע שפּיציקע ביסטרע אויגן אָפּגעמאָסטן די קאַליקע פון אויבן ביז אַראָפּ און מיט אַ ציטערדיקער, אָבער ניכטערער שטימע, האָט ער געזאָגט:

— עס טוט מיר לייד „סניקי". איך קאָן דיר גאָרנישט העלפן. איך האָב שוין קיין פּעני נישט געזעען. איך געדענק אַליין נישט ווי לאַנג.

הערנדיק ווי ער רופט אים בײַ זיין נאָמען, האָט די קאַליקע איינגעגראָבן זיין פאַרגלאָזטן בליק אין דעם אַלטן מאַן און באַלד האָט ער אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט און איבערראַשט אויסגערופן:

— שעיק אָלר מען! „האָנעסט דזשים!" פונוואַנען האָסטו זיך מיטאַמאָל גענומען. שוין אפשר צוויי יאָר זיך נישט געזעען אויף דער באָערי?

— אַכצען מאָנאַטן היינט געוואָרן, „סניקי", אַז איך האָב נישט געזעען די באָיס, נאָר, לאָז מיך דיר זאָגן, עס וואָלט מיך אַ האָר נישט געאַרט, ווען מען האַלט מיך אין „פּען" נאָך עטלעכע וואָכן, כאָטש איבער די גרויסע קעלטן. איך בין שוין נישט מער דער אַמאָליקער „האָנעסט

דזשים״ איך בין אַ געבראָכענער מענטש, פון די מינדסטע קעלט ווער איך צוזאַמענגעדרייט אין דריי‌ען.

— יאָ, יאָ, איך קאָן דאָס זעען, — האָט דער יונגער טרעמפּ געריידט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן אויפטרייסלען די שיכּרות פון זיין מוח, — איך קאָן דאָס זעען, פּור דזשים. איט׳ס טו בעד, איט׳ס טו בעד.

אַ ווײַלע זענען די ביידע מענער געשטאַנען מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ און זיך געטוליעט אין די קאָלנערס פון זייערע דינע רעקלעך. די קאַליקע איז אַריינגעקראָכן מיט זיין רעכטער האַנט אין זיין הויזן־קעשענע און אָפּזוכנדיק אַ לענגערע צייט, האָט ער זיך געווענדט צום אַלטן מיט אַ ווייכער שטימע:

— קום, דזשים, לאָמיר גיין האָבן אַ הייסע קאָפּ קאַפּע. איך האָב אַ קוואָדער אין קעשענע.

און זיי האָבן זיך גענומען אין די אָרעמס און געלאָזט גיין אי־בערן גליטשיקן טראָטואַר.

און דער ווינט הערט נישט אויף צו בלאָזן מיט קעלט און די דינע אייזיקע טראָפּנס הערן נישט אויף צו שטעכן ווי מיט נאָדלען אין לייב.

עס גייען אַוועק פינף מינוט, צען מינוט און פינפצען מינוט און אויף דער באָוערי איז שטיל. קיין גערויש, אויסער פון די קאַרס און עלע־ווייטערס און קיין שטימע אויסער דער שטימע פונם ווינט, וועלכע רופט אַרויס אַן אומהיימלעכן עכאָ צווישן די הייזער און געגנשטאַנדן, וואָס שטייען אים אין וועג.

ענדלעך דערהערן זיך טריט און אַ לויזער אָפּקלאַנג פון ווערטער.

אַ מינוט שפּעטער האָבן זיך באַוויזן אין דעם ליכט פון אַ פאָנאַר, לעבן דילענסי־סטריט, די איינגעבויגענע פיגור פון „האָנעסט דזשים״ און די פאַרקריפּלטע פיגור פון דעם יונגן „סניקי״. זייערע ביידנס טריט זע־נען געווען זיכערער ווי פריער. דער אַלטער „דזשים״ האָט פון מאָל־צו־

מאָל אַ פּיר געטון די האַנט איבערן מויל און די יונגע קאַליקע האָט געוואָרפן אַ בליק רעכטס און לינקס. ענדלעך האָט „סניקי" זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ וווילטעטיקן טאָן געזאָגט:

— „דזשימי", אויף דעם סטופּ קאָנען מיר, דאַכט זיך, ביידע איבערנעכטיקן.

נישט זאָגנדיק אַ וואָרט, איז דער אַלטער מאַן נאָכגעגאַנגען דעם יונגן, ביז זיי זענען געווען אויבן אויפן סטופּ.

13.

ער „טשאַלענדזשט" קאַרוסאָן

פון סיוואַרד-פּאַרק קומט אַרויס אַן אָרים-געקליידטער מאַן מיט טונקל-בלויע אויגן-גלעזער און מיט אַ שילד אויף דער ברוסט, וואָס לייענט זיך אין ענגליש און אין יידיש: „איך טשאַלענדזש" קאַרוסאָן.

לאַנגזאַם, מיט געמאָסטענע טריט און קלאַפּנדיק איבערן אַספאַלט מיט אַ שטעקל, ווי ער וואָלט געטאַפּט דעם וועג, דערקריכט ער ביזן ראָג גאַס און בלייבט שטיין.

פאַרבייגייער הייבן אָן זיך אָפּצושטעלן און וואַרטן, צו זעען וואָס דאָ וועט פאָרקומען.

— „איך טשאַלענדזש קאַרוסאָן!" — האָט דער מאַן אויסגערופן מיט אַ טיפן באַריטאָן — איך האָב אַ בעסערע שטימע ווי ער, יוי איר זעט מיך אַ ייד, און ווען נישט מיין בלינדקייט, וואָלט מיט מיר די וועלט געקלונגען.

דער עולם אַרום אים איז געוואָרן גרעסער מיט יעדער רגע און פאַרשידענע מיינונגען האָבן זיך גענומען הערן:

— נו, אדרבא! — האָט אַ ייד, קענטיק אַ שטיקל חזן, זיך אָנגערופן.

— אָ, לאָזט אים געמאַך, דעם פייקער! — האָט אַ פורמאַן, מיט אַ בייטש אין דער האַנט, אויסגעשריגן — ער איז אַזוי אַ זינגער, ווי ער איז אַ בלינדער. ער זעט בעסער פון אונז אַלע.

— וואָס דען? — האָט איינער פון עולם מסכּים געווען צום פּור־מאַנס ווערטער — זאָל ער נאָר אָקאָרשט אויסטון די ברילן...

דער עולם האָט זיך צוגערוקט נעבעטער און געוואַרט צו זען, וואָס דער סוף וועט זיין.

— גיוו הים איי טשענס, גיוו הים איי טשענס! — האָט זיך דער־הערט אַ מיידלעריש קול.

— גיוו הים איי טשענס, גיוו הים איי טשענס! — האָבן זיך גע־נומען הערן שטימען צון אַלע זייטן.

קאַרוסאָס „טשאַלענדזשער" האָט אויסגעטון דעם שטייפן, צעבראָ־כענעם הוט, וועמענס פון שמיץ גלאַנציקער ראַנד איז געהאָנגען אויף אַ האָר, און באַלד האָבן זיך אין אים גענומען שיטן מטבעות. אפילו דער פורמאַן האָט אויך אַריינגעוואָרפן אַ פּעני.

אַז ער האָט דאָס קליינגעלט אין קעשענע אַריינגעטון, האָט דער „טשאַלענדזשער", כּיטרע שמייכלענדיק, אויסגעגלייכט די שילד אויף זיין ברוסט, האָט אַ פּאָר מאָל אָפּגעהוסט און גענומען זינגען מיט אַ סקריפּיק־באַסאָווע שטימע: „גאָט און זיין משפּט איז גערעכט".

אַ פּאַרהילכנדיק געלעכטער האָט אַרויסגעפּלאַצט צווישן עולם. פיל האָבן זיך געכאַפּט די אויערן צו פאַרשטעקן.

— האָב איך אייך נישט געזאָגט, אַז ער איז אַ פייקער, אַ שווינד־לער! — האָט דער פורמאַן מיט נצחון אויסגערופן — קאָם אָן, נאו! לאָמיר כאָטש זען, צי ער איז טאַקע בלינד דער ס...

דער פורמאַן האָט זיך גענומען רוקן מיט דער בייטש צום „בלינדן זינגער", אָבער אַ פּאָר יונגעלייט האָבן אים צוריקגעהאַלטן.

— אַזאַ איז אַ מצווה אָנצולערנען — האָט אַ יונגער באַי זיך אָנ־גערופן — אַזאַ פייקער! אַזאַ שווינדלער! טאַקע מער ווי אויף דער איסט־סייד קאָן עס נישט פּאַסירן.

— אָ, לאָזט אים אָפּ! — האָט אַן אַלטער ייד זיך גענומען בעטן — אַ קבצן איז ער דאָך לכל הדעות.

— איך צווייפל אויך אין דעם — האָט אַ יונגערמאַן אין אַן ערנסטן טאָן געזאָגט.

דער בלינדער זינגער איז געשטאַנען און געציטערט ווי אַ בלאַט. ער האָט עפּעס געמורמלט אונטער דער נאָז: אַ קראַנק ווייב — זעקס

קינדער, און ווען דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין, האָט ער לאַנגזאַם גענומען גיין מיט איסט-בראָדוויי, טאַפּנדיק מיטן שטעקעלע דעם טראָטואַר. עטלעכע קליינע ייִנגלעך און מיידלעך האָבן אים באַגלייט, ביז ער האָט זיך פאַרנומען אָן אַ זייט באַם צווייטן ראָג.

איייניקע מינוט שפּעטער איז ער געשטאַנען אויפן ראָג גרענד און קלינטאָן-סטריט און מיט אַ טיפן באַריטאָן געצויגן די ווערטער:

איך „טשאַלאַנדוש קאָרוסאָן!"

14.

הייסע באָבעלעך

ווי אַ שאָטן רוקט זיך אָן אַן איינגעבויגענע פיגור פון אַ מאַן איבער דער קוים־באַלויכטענער גאַס. שטופּט אַ צעבראָכן בייבי־קערידזש און ציטערט לייכט פון דער פייכטער, דורכדרינגענדער לופט, וואָס נעמט דורך ביז די ביינער.

פון מאָל־צו־מאָל לאָזט דער מאַן אַרויס אַ האַלב־פאַרשטיקט קול, ווי פון יוצא וועגן: „הייסע באָבעלעך, הייסע באָבעלעך!" קוקט זיך אַרום אין פאַרלעגנהייט, גיט זיך אַ פּאָרע אין וועגעלע און רוקט זיך ווייטער, אין דער מאַטער שיין פון די פאָנאַרן.

דאָס קינדער־וועגעלע שלאָגט זיך אָן מיטאַמאָל אָן אַ פּושקאַרט אויפן ראָג פון גאַס, לעבן וועלכן אַן אַלטע פרוי זיצט איינגעהויקערט און באַלד דערהערט זיך אַ הייזעריק קול: „זעט נאָר, אויפן קאָפּ קריכט ער גאָר, אַ ביסל געהערט געוואָרן? אַ ייד זאָל נישט זען, ווו ער גייט!"

נישט ענטפערנדיק אַ וואָרט, רוקט זיך דער מאַן שנעל אָפּ מיטן בייבי־קערידזש און קוקט זיך אַרום, ווו ער זאָל זיך פאַרנעמען.

— ס'מוז זיין אַ גרינער — מורמלט די אַלטע יידענע אונטער דער נאָז — ער טראָגט אַ יוראָפּשע קאַפּאָטע און אַ יוראָפּשען שאַליק.

— מ'שטיינס געזאָגט, וואָס ער קאָן מאַכן פון די באָבעס! — האָט אַ צווייטע יידענע זיך אָנגערופן פון אַן אַנדער ווינקל — איך האָב פאַרזוכט דעם טעם דערפון, נישט היינט געדאַכט, און ווייס וואָס דאָס איז.

דער מאַן איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע, ער האָט זיך אַ קראַץ גע־

טון אין פּאַטילניצע, ווי ער וואָלט זיך וועגן עפּעס מיישב געווען, ער האָט אָבער באַלד ווידער אָנגענומען די הענטלעך פון צעבראָכענעם קע-רידזש און איז געגאַנגען ווייטער.

— הייסע באָבעלעך! הייסע באָבעלעך! — רופט ער אויס מיט אַ פאַרשטיקט קול, זיך שטופּנדיק מיטן קערידזשל צווישן די רייעס פּושקאַרטס.

— מיסטער, גיט אַהער פאַר צוויי סענט! — האָט אַ ייִנגל מיט אַ פּאַק צייטונגען אונטערן אָרעם אָפּגעשטעלט דעם מאַן.

דער מאַן האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן קערידזש, האָט אַראָפּ-געשאַרט אין דיקע שמאַטע, דאַן אַ צווייטע און האָט זיך גענומען צו אַ דריטער, אָבער דאָס ייִנגל האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן, ביז ער וועט קומען צו די באָבעס.

— יו אַר סלאָו עס מאָלעסעס! — האָט דער באַי אויסגערופן און גענומען נאָכלויפן אַ מאַן, אויסשרייענדיק די נעמען פון די צייטונגען, וואָס ער האָט געהאַט צו פאַרקויפן.

דער מאַן האָט אַן אַנטוישטער צוריק איינגעדעקט די באָבעס און גענומען גיין ווייטער, ווען אַ ייִדענע מיט אַ קינד בײַ דער האַנט האָט אים אַ פרעג געטון:

— מיסטער, זענען אייערע באָבעס הייס, טאָ גיט מיר פאַר אַ פּעני.

דער ייִד האָט אַן חשק ווידער זיך גענומען פאַרען אין קערידזשעל, ביז ער האָט ענדלעך אַרויסגעשלעפּט אַ קליין מעסטעלע באָבעס.

— זיי זענען דאָך קאַלט ווי אייז! — האָט די פרוי אויסגעשריגן, צולייגנדיק די האַנט צו די באָבעס — נו, אַ ביסל אַ פייקער! ער מיינט אוודאי, אַז מען קאָן נאַרן אַ וועלט!

דער ייִד האָט טיף אָפּגעזיפצט, האָט צוריק צורעכט געמאַכט די שמאַטעס, אונטער וועלכע די באָבעס האָבן זיך געפונען, און האָט זיך געלאָזט גיין ווייטער, אַן איינגעהויקערטער מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, מורמלענדיק אין דער שטיל:

— הייסע באָבעס! הייסע באָבעס!

15.

זיי כאַפּן אַ דרימל

אין סיוואַרד-פּאַרק שוויבלט עס און גריבלט.

מיידלעך און יינגלעך שפּרינגען אַרום. וויגן זיך, הוידען זיך, שפּילן אין באַל און מאַכן גרויס ליאַרם אויפן „פּלעי גראַונד". קופּקעס מענטשן שטייען דאָ און דאָרט, שוויצן און דיסקוטירן אויף די אייבערשטע טע-בער וועגן פאַרשידענע פּראַגן, און פרויען און מענער (מערסטנטיילס מע-נער) זיצן אויסגעזעצט אויף די בענק, קוקן אַריין אין צייטונגען, שמועסן צווישן זיך, אָדער קוקן אַרום זיך און שטופּן אַזוי די צייט, וועלכע זיי האָבן נישט אויף וואָס אַנדערש צו פאַרווענדן.

אויף אַ זייטיקער באַנק זיצן צוויי מענער און שלאָפן.

איינער פון זיי נאָך גאָר אַ יונגער זיצט מיט אַ פונאַנדערגעשפּי-לעטן קאָלנער, די הענט זענען אים פאַרוואָרפן פון ביידע זייטן איבערן פאַרענטש און דער קאָפּ איז אָנגעשפּאַרט אויפן שולטער פון זיין שכן — אַן עלטערער ייד מיט אַ געדיכט גרוילעך בערדל און אַ שטאַרק אָפּגעע-ברענט פּנים. דעם אַלטן מאַנס קאָפּ פאַלט אַרונטער אויפן קאָפּ פון דעם יונגנמאַן, וואָס איז „איינגעסענעדוויטשט" צווישן זיין לינקן שולטער און זיין לינקער באַק. ביידנס ברוסטן הייבן זיך און לאָזן זיך אַרונטער מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ זייגער און ביידע האַלטן טאַקט מיט זייער כראָפּען. אויף דער שויס פון יינגערן ליגט אויסגעשפּרייט אַ צעקנייטש-טער „פאָרווערטס" און פון אונטערן אָרעם פונם אַלטן קוקט אַרויס אַ צע-וואָרפן „טאָגעבלאַט".

פאַרבייגייער קוקן אָן די שלאָפנדע און שמייכלען און די שכנים אויף די אַרומיקע בענק מאַכן זיך לוסטיק איבער דער פּאָזיציע פון דעם פּאָר.

די זון שפּילט מיט הייסע שטראַלן. די מענטשן אין פּאַרק פאָכען זיך און ווישן זיך דעם שווייס. אָבער די שלאָפנדיקע פילן נישט די היץ און דער גאַנצער טומל און געררויש אַרום גייט זיי נישט אָן.

מיטאַמאָל איז אַ באַל פון אַ „פּלעי גראונד" פאַרפלויגן און געטראָפן איינעם פון די שלאָפנדע.

דער געטראָפענער האָט זיך האַסטיק אַ כאַפּ געטון, האָט זיך גענומען „טשוכען" און האָט אויפגעוועקט זיין שכן.

דאָס פּאָר האָט זיך אָנגעקוקט מיט פאַרשלאָפענע אויגן, פריער ביידע, דאַן שמייכלענדיק. דער ייִנגערער האָט אַ קוק געטון מיט שפּאָט אויפן עלטערן מאַנס „טאַגעבלאַט" און דער עלטערער האָט געוואָרפן אַ פאַראַכטנדן בליק אויף זיין יונגן שכנס „פאָרווערטס", האָבן זיך דאַן ביידע אומגעקערט מיט די פּלייצעס איינער צום אַנדערן, האָבן אָנגעשפּאַרט די קעפּ אָן פּאַרענטש און באַלד האָט זייער כראָפּען זיך ווידער געטראָגן איבערן פּאַרק.

16.

בילדער און סצענעס

„פרעש טהינג״

1.

באַגעגענען זיך צוויי מיידלעך אין סאַבוויי-סטיישאַן און באַגריסן זיך מיט געמאַכטע התפעלות:

— האו אר יו, מאַלי!

— עם סאָ גלעד טו סי יו, דאַלי!

מאַלי איז יונג און רירעוודיק, מיט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, שמאָלע רויטע ליפּעלעך, אַן אָנגעפּאַרבט און אָנגעפּודירט פּנים און אַ קליידל פון שרייענדע קאָלירן, וואָס דערלאַנגט קוים צו די קני, נעמט אָן דאַלין פאַר דער האַנט, פירט זי צו אַ באַנק און זיי זעצן זיך אַנידער.

דאַלי, אייניקע יאָר עלטער ווי מאַלי, און מער באַלעבאַטיש אין איר האַלטונג און אויסזעען ווי איר חברטע, עפנט פּונאַנדער אַ ביסל איר ברייטלעך מויל, שטעלט אַן אירע גרינלעך-גרויע אויגן און קוקט איר פריינדין גלייך אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט דאָרט עפּעס געוואָלט לייענען.

ביידע שווייגן.

אָבער מאַלי קאָן זיך לאַנג נישט איינהאַלטן און פּלאַצט באַלד אַרויס מיט איר קלינגענדער שטימע.

— האָב איך דאָס געהאַט זונטיק אַ גוד טאַים!

— מיט וועמען? מיט מאַקסן? — האָט דאָלי נישט פאַרגינעריש געפרעגט.

— מיט דעם קאַיק! פהי!

— זינט ווען איז ער דאָס אַ קאַיק. דאַכט זיך, ווען איך האָב דיך דאָס לעצטע מאָל געזעען, איז ער געווען דער „סוועלעסט־באַי״, וואָס דו האָסט ווען געטראָפן?

— גיי שוין, גיי. איך האָב דאָס אויפן לעבן נישט געזאָגט, האָט איר געהערט אַ ביסל: מאַקס אַ „סוועל־באַי!״ ער ווייסט דאָך נישט ווי עס עפנט זיך אַ טיר אין אַ קאַבאַרע.

— טאָ מיט וועמען האָסטו דאָס געהאַט די גוד טאַים, מיט מר. ספּענדער?

— איך גיי נישט מער אויס מיט פאַרהייראַטע מענער. איך דאַרף עס טאַקע בייטיק, זייערע ווייבער זאָלן קומען קלאָגן אויף מיין קאָפּ!

— איך האָב דאָך אָבער געהערט, אַז מר. ספּענדער ווערט די כּפּרה פאַר דיר, אַז ער האַלט זיך באַם גטן מיט זיין ווייב צוליב דיר און אַז דו ביסט אויך נישט גלייכגילטיק צו אים.

— מאַלע וואָס מענטשן רעדן. פעלן דען אויס רייכע סינגעל־לייט, אַז איך זאָל גיין הייראַטן מיט אַ טאַטן פון קינדער אַזוי גרויס ווי איך.

— טאָ פאַרוואָס האָסטו זיך אַרומגעשלעפּט מיט אים איבער די טעאַטערס און רעסטאָראַנען.

— פאַרוואָס נישט? פאַר אַ גוד טאַים בין איך שטענדיק גרייט, ווייסט דאָך, דאָס נחת וואָס מען האָט אַ גאַנצן טאָג אין שאַפּ. אַרבעט און אַרבעט, און עס סטאַיעט נישט אויף קליידן זיך ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— דו האָסט נאָך וואָס צו זינדיקן, טאָ וואָס זאָלן שוין זאָגן אַזעלכע מיידלעך ווי איך, וואָס דאַרפן נאָך געבן צושטייער אין הויז?

— אַי, לאָמיר בעסער רעדן פון פריילעכע זאַכן.

— נו, אדרבא, טאָ זאָג שוין, מיט וועמען דו האָסט עס געהאַט זונטיק אַ גוד טאַים.

— ניין, מוזט טרעפן.

— אהאַ, איך ווייס שוין, מיטן טרעוולינג סיילסמאַן, ווי הייסט ער? זיין נאָמען ליגט מיר אויף דער שפּיץ צונג און איך קאָן זיך נישט דערמאָנען.

— די מיינסט אוודאי פּעפּערמאַן!

— יאָ, איך מיין טאַקע אים.

— אַז נישט זוכה וועט ער זיין, דער פּאַסקודניאַק. אַז איך וועל מיט אים ערגעץ־ווו גיין.

— אַ פּאַסקודניאַק? האָסט דאָך פון אים שטענדיק געהאַלטן עולם ומלואה.

— איידער איך האָב אים גוט דערקענט, האָב איך טאַקע געמיינט, אַז ער איז אַ שטיקל לייט. אָבער איצט, פוי, כ'וויל זיין נאָמען מער נישט הערן.

— און גאָסי דענקט, אַז קיין פיינערער מאַן ווי פּעפּערמאַן איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

— אויך מיר אַ מענטש, גאָסי! אַ יענטע פון אָרטשאַרד־סטריט, וואָס האָט אויסער ביליקע מאָווינג־פּיקטשורס קיין זאַך נישט געזעען אין איר לעבן.

— און מען זאָגט, אַז פּעפּערמאַן גייט אויס פאַר גאָסין און אַז ער האָט איר שוין איבערגעגעבן פּרעזענטער, וואָס זענען ווערט הונדערטער דאָלאַרן.

— איך פאַרגין איר מיטן גאַנצן האַרץ דעם קאַיק און זיינע מתנות.

— דעם קאַיק! איז בּאַ דיר פּעפּערמאַן שוין אויך אַ קאַיק. דאַכט זיך, אַזאַ „סוועל פעלער" מיט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל.

— אַן אויטאָמאָביל! כאַ, כאַ, כאַ. אַ פערד־מאַשינקע איז בּאַ איר אויך אַן אויטאָמאָביל. מער ווי פאַר אָרטשאַרד־סטריטער מיידן איז דאָס נישט גוט.

— הם, הם, אַז די ביסט אַזוי סוועל, האָב איך נישט געוווּסט.

— מעגסטו דאָס טאַקע וויסן. בּאַ מיר — אַז פאָרן אין אַן אויטאָמאָביל, זאָל זיין אַן אויטאָמאָבל, נישט קיין פערד... און לאָמיך דיר טאַקע זאָגן, אַז צוליב זיין פערד בין איך דאָס געוואָרן אויס חבר מיט אים.

— טהאַט׳ס דהי לימיט!

— וואָס דען, איך וועל גיין פאָרן מיט אים אויף בראָדוויי אין אַ פאָרד! אזוי שלעכט האַלט עס מיט מיר נאָך נישט.

— נו, אַ דאגה, זאָג שוין מיט וועמען דו האָסט עס געהאַט אַ גוד טאַים זונטיק.

— איך וועל דיר נישט זאָגן, מוזסט טרעפן.

— קען איך אים?

— יאָ.

— איז ער אַ יונגער? אַ מיטליעריקער?

— וו־ע־ל, אַ יונגער.

— הייבט זיך אָן זיין ערשטער נאָמען מיט אַן עף.

— ניין.

— מיט אַ די?

— י־ע־ס.

— דייוו! דייוו שוגערמאַן?!

— קוים — קוים געטראָפן.

— טאַקע, מיינסט עס, מאַלי, מיט דייוו שוגערמאַן האָסטו עס געהאַט די גוד טאַים, — האָט דאַליס קול געגומען ציטערן.

— יאָ, אָבער וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט.

— דער לומפּ, דער פּאַסקודניאַק! ער האָט דאָך געזאָלט קומען זונטיק צו אונז און נעמען מיך און מיין מאַמען אויף אַן אויטאָמאָביל־ראַיד.

מאַלי האָט האַסטיק אַ צי געטון מיט די שולטערס און פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ אָן אַ זייט מיט אַ פאַראַכטנדער מינע, האָט זי געמורמלט:

— אַזוי, איז באַ אים געווען רעכט אויך דו. און איך האָב געמיינט, אַז איך בין די איינציקע, אויף וועלכער ער איז דאָס אַזוי „סטאָק".

דאַלי האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַן אונטערגעשאָסענע און איז האַסטיק אַוועק צו דער ענדע פון פלאַטפאָרם, בורטשענדיק שטיל: „פרעש טהינג!"

מאַלי איז צוגעגאַנגען צו אַ „סלאָט־מאַשין", האָט זיך קאָקעטיש איינגעשפּיגלט אין דעם קליינעם שפּיגעלע און איז, מורמלענדיק אונטער דער נאָז אַ „לייטעסט" קאַבאַרע־לידל, געגאַנגען צום צווייטן עק פון פלאַטפאָרם.

2.

די קאַר איז געפּאַקט מיט מענטשן. ווייבער, קינדער, מענער, יונג און אַלט, זיצן צוזאַמענגעדריקט ווי סאַרדינס אין אַ קעסטל, האַלטן זיך אָן „סטראַפּס" און וואַקלען זיך פון די פיס, נישט קאָנענדיק כאַפּן די גלייכגעוויכט.

אין אַ ווינקל, לעבן אַ קרייץ־באַנק, זיצט אַ דיקע פרוי מיט געבלישטשטע האָר און מיט אַ פעט אָנגעפּודערט פּנים. זי האַלט אויף דער שויס אַ קליינעם ווייסן פּודעל און גלעט אים איבערן קעפּל מיט איר קורצער פעטער האַנט.

„סוויטי לאָווי", רופט זי אַלע ווײַלע אויס צו אים און גיט אַ סמאָטשקע מיטן מויל.

לעבן דער בלאָנדער פרוי זיצט אַ שוואַרצער ייד מיט אַ לויזן אַלפּאַקאַ־ראָק, מיט אַ שוואַרצן שטרוי־הוט און מיט אַ פּאָר לענגלעכע געקרייזלטע פּאות. ער זיצט מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און יעדעס מאָל ווען די טריין טוט זיך אַ טרייסל, שלאָגט ער זיך אָפּ אָן דעם דיקן אָרעם פון דער פרוי. ער ווערט רויטלעך אין געזיכט און האָט נישט וווּ אַהינצוטון זײַנע אויגן פון בושה.

ווי דערלעבט מען שוין עס זאָל ווערן אַ ביסל גרוימער — קלערט בײַ זיך דער ייד.

דערווײַל איז די טריין אָנגעקומען נאָענט פון אַן עקספּרעססטיישאָן.

די פרוי האָט אָפּגעלאָזט דאָס הינטל, האָט אַרויסגענומען פון האַנטבײַטל אַ קליין רונדע שפּיגעלע און קישעלע, אײַנגעטונקט אין פּודער און האָט דערמיט שנעל געגומען קלאַפּן איבער דער באַק.

דער ייד האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן קליינעם שפּיגעלע און דערזעען דאָרט אַ העלפט פון זײַן געזיכט. ער האָט באַמערקט, אַז זײַן רעכטע פּאה הענגט צופיל אַרונטער, האָט ער אַ ביסל צוגעבויגן דעם קאָפּ, ער זאָל קאָנען בעסער זעען, וואָס ער טוט און האָט גענומען אַרונטערשאַרן די פּאה אונטערן הוט.

ווען זי האָט געהאַלטן מיטן אָנגעפּודערטן קישעלע בײַ דער נאָז, האָט די פרוי מיטאַמאָל דערזעען איר שכנס פּנים אין שפּיגעלע.

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט אָנגעשטעלט אַ פּנים פון אַ גזלן און צווישן די ציין אויסגערופן:

„פרעש טהינג!"

און דער ייִד האָט צעראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי מען וואָלט אים בײַ אַ גנבה געכאַפּט.

17.

באַם טויער פון פריזאָן

אַ גרויער אומעט שוועבט אין דער לופט, אַ בייזער ווינט רייבט זיך אַרום די ראָגעס און וואַיעט און יאָגט אַ זאַמדיק שנייעלע, וועלכעס שטעכט ווי מיט קאַלטע נאָדלען און דרינגט אַריין ביז די ביינער. מענטשן לויפן אָנגעברוגזטע, רייבן זיך די הענט, כאַפּן זיך באַ די אויערן און בלאָזן אין די הויפּנס.

— אַ ביסל אַ פראָסט! אַ ביסל אַ קעלט! — זאָגן זיך מענטשן אָנשטאָט דעם געוויינלעכן „גייס מאָרנינג!"

— סאַם וועטהער! — זאָגט דער פּאָליסמאַן אויפן „קאָרנער", זיך פילנדיק באַם אויער.

די גרויע וואַנט פון פריזאָן קוקט אויס גרויער ווי שטענדיק און דאָס קליינע שוואַרצע טויער זעט אויס שוואַרצער ווי תמיד, כאַטש פּאַרטריבענע שניי-קערנדלעך בלישטשען אויף אים דאָ און דאָרט.

דאָס טויער עפנט זיך לאַנגזאַם מיט אַ שווערן טעמפּן סקריפּ און עס גייט אַרויס אַן אַלטער אויסגעדאַרטער מאַן אין אַ ביליק צע-ריסענעם זומער-אַנצוג.

דער מאַן קוקט זיך אַרום מיט אַ פּאָר גרויסע צעשראָקענע אויגן און זיין גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך. מיט זיינע ציטערנדיקע הענט

כאַפּט ער זיך, דאָ צום קאַלנער, דאָ צום בוזים און דאָ צו די קעשע-נעס, געפינט אָבער אין ערגעץ קיין פּלאַץ פאַר זיי און נעמט זיך קראַצן דעם קאָפּ, ווי איינער, וואָס איז אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. ער דרייט זיך אום און מיט אַ שמערץ-אויסדריקנדער מינע קוקט ער צו, ווי דאָס שווערע אייזערנע טירל פון טויער מאַכט זיך לאַנגזאַם צו הינ-טער אים.

— אָ, דזשי! ווי קערט מען זיך, ווו גייט מען, אין אַזאַ וועטער?— מורמלט דער אָרימער מאַן, זיך איינבייגנדיק צו פאַרשטעלן אַ גרויס לאָך אין זיינע הויזן אַריבער די קני.

זיין בליק פאַלט אויפן סאַלון, אויפן צווייטן בלאָק, און אין זיינע גרויע, אויסגעלאָשענע אויגן בליצט אויף אַ מאַטער שטראַל. ער כאַפּט זיך צו די קעשענעס, זוכט, טרייסלט, אָבער קאָן גאָרנישט גע-פינען.

— אָ, דזשי! אָ, דזשי! — מורמלט ער ווייטער, זוכנדיק שוין אונ-טערן דעכל פון טויער.

דאָס טויער עפנט זיך ווידער, מיטן זעלבן טעמפּן סקריפּ, און עס קומט אַרויס אַ יונגער, פריש-אויסזעענדער מאַן, אָנגעטון אין אַ שווער מאַנטל מיט אַ גוטן פוטער-קאַלנער, פון אונטער וועלכן עס זעט זיך אַרויס אַ גוטער וואָלענער סוועטער.

די ביידע מענער האָבן זיך אָנגעקוקט.

— וואָס שטייט איר דאָ אין אַזאַ ביטערער קעלט? — האָט דער יונגער אַ פרעג געטון דעם אַלטן — איר וועט דאָך פאַרפרוירן ווערן.

— איך ווייס נישט וווהין צו גיין. בין נאָר-וואָס אַרויס פון „חדר", אין מיינע זומערדיקע מלבושים, ווי איר זעט — האָט דער אַלטער גע-ענטפערט, אָנצייגנדיק מיט איראָניע אויף דעם לאָך אין זיינע הויזן.

— און ווי לאַנג האָט איר דאָ פאַרבראַכט? — האָט דער יונגער-מאַן געפרעגט מיט רחמנות.

— זעקס חדשים. דאָס איז געווייגלעך, וואָס איך קריג די לעצטע עטלעכע יאָר.

— פאַרוואָס קריגט איר עס? — גלאַט אַזוי? — האָט דער יונגער-מאַן געפרעגט מיט אַ געמאַטערטן שמייכל.

— ווי אַמאָל — האָט דער אַלטער געענטפערט — אַמאָל פאַר

העלפן זיך צו עפּעס און טאָקע אַמאָל אויך גלאַט אַזוי. חברה קען מיך אויסגעבוגדן און נאָר עפּעס פּירט מען מיך אין חדר. און פאַרוואָס זענט איר געזעסן ? — האָט ער באַטראַכטנדיק דעם יונגנמאַן געפרעגט.

— פאַר אַן אויטאָמאָביל-עקסידענט. איר ווייסט דאָך, היינטיקע צייטן, די דזשאָדזשעס זוכן זיך צו פלייסן מיט זייער שטרענגקייט. געלט-שטראָף איז פאַר זיי נישט גענוג. שיקן זיי אין פריזאָן פאַר דער קלענ-סטער קלייניקייט.

— איר דערציילט מיר וועגן די דזשאָדזשעס ! איך קען זיי אַלע. איך האָב געהאַט די ערע פאַר זיי פאַרגעשטעלט צו ווערן.

די קעלט האָט דעם אַלטן מאַן, וועלכער האָט אויסגעזעסן מער סקעלעט ווי לעבעדיקער מענטש, דורכגענומען ביז די ביינער. ער האָט זיך געבויגן און געדרייט, טוליענדיק זיך אין דעם דינעם אָפּגעטראָגענעם רעקל. די עטלעכע פאַרפוילטע ציין, וואָס ער האָט געהאַט אין פראָנט פון מויל, האָבן זיך געקלאַפּט איינע אָן די אַנדערע.

— פאַרוואָס גייט איר נישט אַהיים ? — האָט דער יונגערמאַן אים געפרעגט, אָנשטעלנדיק דעם קאָלנער פון מאַנטל. — איר וועט דאָך באַלד פאַרפרוירן ווערן.

— אַהיים ? — האָט דער אַלטער זיך אָפּגערופן אין אַ האַלב לאַכנדן, האַלב וויינענדן טאָן — ווער האָט עס אַ היים ? שוין מער ווי דרייסיק יאָר, אַז איך ווייס פון קיין אַנדערע היים ווי די רעפאָרמאַטאָרי, בלעקוועלס, איילענד און די „טומבס". איך בין אַן איידעם אויף קעסט באַ דער שטאַט... ע, ווען איך האָב אַ היים ! ? — האָט ער געענדיקט מיט אַ כליפּ, אָנשטעלנדיק אַ פאַרטראַכטן בליק אין דער וועלט אַריין — —

באַם יונגנמאַן האָט דאָס געזיכט זיך פאַרקרימט פון רחמנות. ער האָט אויסגעטון דאָס פוטער און עס אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס פון דעם היימלאָזן.

— נעמט עס, איך האָב אַנדערע, — האָט ער זיך געבעטן באַם פון קעלט ציטערנדן מאַן. — נאַט אייך עטלעכע דאָלאַר און זוכט זיך אויס אַ היים. כאַטש איבער די קעלטן.

— איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך, — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן — אייער פוטער אָבער קאָן איך נישט נעמען.

עס וועט מיך ברענגען גלייך צוריק אין די טומבס. חברה קען מיך צו גוט... נעמט עס צוריק, איך בעט אייך.

די צוויי האָבן זיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט, דאַן זיך געדריקט די הענט: גוד באַי!

דער יונגערמאַן איז אַוועק צום סאַבוויי-סטיישאַן און דער אַלטער — צום סאַלון אויפן צווייטן בלאָק, אָן דעם פוטער, אָבער מיט עטלעכע דאָלאַר אין קעשענע.

18.

באַ דער גליטש

אַ שיינער פּראָסטיקער זונטיק נאָכמיטאָג, אין קראָטאָנאַ-פּאַרק. אויפן פאַרפרוירענעם לעיק קערט זיך וועלטן. הונדערט יונגע מענטשן לאָזן זיך אויף סקעיטס, שרייען און לאַכן און מאַכן אַן אַ גערוי-דער, וואָס צעטראָגט זיך דורך דער דינער לופט אין די ווייטסטע ווינקלען פון פאַרק. עלטערע מענטשן שטייען אַרום און קוקן, וועלכע פון זיי פּרובירן זיך אַ גליטש טון באַם ברעג און וועלכע קוקן פאַראינטערעסירט און זאָגן מבינות אויף די יונגע גליטשערס.

באַם ברעג לעיק קומען זיך אָן אַקעגן צוויי יונגע מענער. ביידע איינגעשפּאַנט אין בייבי קערידזשעס.

פאַרבייגייענדיק, האָבן די מענער זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און לייכט אַ שמייכל געטון. די בייביס אין די קערידזשעס האָבן זיך גענומען ציען מיט די הענטלעך איינע צו די אַנדערע, רויט ווערנדיק אין די פּנימלעך.

די מענער האָבן זיך איבערגעקוקט און באַלד זענען זיי צוגעקומען איינער צום אַנדערן מיט די קערידזשעס. די בייביס, קוים צוויי-יעריקע, האָבן זיך גלייך פאַרוויקלט אין אַ געשפּרעך אויף זייער האַלב פאַר-שטענדלעך לשון.

— מיר האָבן אויך „פּאָן“. הא! — האָט איינער פון די מענער זיך אָפּגערופן, אָנצייגנדיק מיט דער האַנט אויף די לוסטיקע גליטשערס.

אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט דער צווייטער אָפּגעזיפצט און אַרונטער־געלאָזט זיין בליק צו דער ערד.

— אייער ווייב מסתמא אויך אין האָספּיטאַל? — האָט דער ערש־טער ווייטער געפרעגט.

— ניין, דאָס גראָד נישט, קיין געזונט פעלט נישט מיין ווייב, ברוך השם.

— טאָ וואָס דען, גלאַט פון פאַרגעניגן וועגן פירט איר זיך אַרום מיטן קערידזש. איין גאָט ווייסט, אַז איך וואָלט אַזאַ פאַרגעניגן תמיד מוחל געווען.

— מוחל היינט, מוחל מאָרגן, אַז מען האָט אַ ווייב, וואָס קאָן זיך גליטשן, העלפט נישט דאָס מוחל זיין, מיין פריינט.

— אַזוי, הייסט עס, אַז אייער ווייב האָט אַ „גוד טאַים" אויפן לעיק?

— ניין, נישט אויף דעם לעיק. דער לעיק איז נישט „האַי טאָן" גענוג פאַר מיין ווייב. זי פאָרט זיך גליטשן אין וואַן קאָרטלאַנדט־פּאַרק.

באַם שיידן זיך האָט דער מאַן פון דעם ספּאָרטסקער ווייב זיין אומבאַקאַנטן פריינט שטיל פאַרטרויט:

— און מיינט נישט, אַז מיין ווייב פאָרט זיך גליטשן אַליין. זי פאָרט מיט איר „קוזין", אַ גליטשער אַ מאדים! נאָר, לאָזט מיר אייך זאָגן, אַז מער וועט זי באַ מיר נישט גיין גליטשן זיך. איך וועל מיט דער בייבי זיך מער נישט ניאַנטשען, סיידן זי וועט זיין אין האָספּיטאַל אָדער אַזוי קראַנק אין בעט.

— און איך וואָלט בעסער זיין צופרידן אַרומצופירן זיך מיט דעם בייבי און מיין ווייב זאָל זיך גיין גליטשן, איידער זי זאָל ליגן געפּער־לעך קראַנק אין האָספּיטאַל.

— יאָ, יאָ, „גוד באַי!" — האָבן ביידע מענער אין איין אָטעם אַרויסגערעדט, אָפּזיפצנדיק, זיך פאַרנעמענדיק מיט די קערידזשעס אין פאַרשידענע ריכטונגען.

19.

די בלאָנדע מערי

יעדן פּאַרנאַכט קאָן מען זעען די בלאָנדע מערי, אַרומשפּאַצירנ-דיק אויף בראָדוויי, פאַרביי די טעאַטער-און וואָדעוויל-הייזער.

אויף שריט און טריט באַגעגענען זי באַקאַנטע, באַגריסן זיך מיט איר, ציען הוטן פאַר איר, וואַרפן איר צו אַ שמייכל, אָבער זעלטן ווען עס שטעלט זיך ווער אָפּ צו רעדן אַ וואָרט צו איר.

און זי גייט מיט איר שטאָלצן גאַנג יעדן טאָג, צוואַנציק בלאָק אַרויף און דאַן צוואַנציק בלאָק אַראָפּ. פון צייט-צו-צייט זעט זיך אַ שוואַכע שיין אין אירע מאַטע אויגן און איר קאָפּ איז שטאָלץ פאַרריסן צום הויכן הימל איבער בראָדוויי.

מיט יאָרן צוריק איז מערי געווען אַ באַרימטע אַקטריסע. זי איז געווען דער ליבלינג פון טעאַטער-עולם. מיליאָנערן פלעגן איר צו די פיס פאַלן און דיכטער און שרייבער פלעגן איר זינגען ליב-געזאַנגען. און אין יענע גוטע צייטן האָט זי אויך אַן אַנדערע קאָליר געהאַט. זי איז געווען אַ ברונעטע, אַ שיינע ברונעטע, וואָס פלעגט נעמען דעם עולם מער מיט איר שיינקייט, ווי מיט איר טאַלענט.

אָבער יענע גוטע צייטן זענען שוין פון לאַנג פאַרשוווּנדן. אַ יונג דור אַקטריסעס איז אויסגעוואַקסן, אַ ניי דור טעאַטער-באַזוכער איז גע-קומען און זי האָט בעזעען, אַז זי ווערט וואָס אַ יאָר פאַררוקט וואָס ווייטער אינם הינטערגרונט פון באַרימטקייט, ביז ענדלעך האָט זי זיך צוריק-געצויגן אינגאַנצן פון דער בינע.

אָבער בראָדוויי קאָן זי בשום אופן נישט אויפגעבן און ווי אַלט און שוואַך זי איז שוין, קומט זי דאָרט יעדן טאָג ארויס אויף אַ שפּאַציר צו לאָזן זיך זעען, כאָטש מיט איר אַלטן צעקנייטשטן פּנים און אירע בלאָנדע געבליטשטע האָר.

זי פילט און ווייסט, אַז אַלע קוקן אויף איר.

20.

רוי מאַטעריאַל

וואָס טוט מען, שוין באַלד איינס דער זייגער און איך האָב נאָך נישט קיין טעמע פאַר אַ סקיצע?

און דער קאָפּ איז מיר אַזוי שווער און די געדאַנקען קוים זיי רירן זיך, און איך זע נישט איין ווי איך וואָלט קאָנען באַהאַנדלען וועלכע עס איז טעמע, אפילו ווען איך זאָל עס האָבן פאַרטיק, און די „קאָפּיע" מוז צוגעשטעלט ווערן, נישט שפּעטער ווי איינס אַ זייגער, אַזוי איז דער פּריקאַז פון רעדאַקטאָר.

גיי דערצייל דעם רעדאַקטאָר, אַז איך האָב געהאַט אַ „צעשלאָגענע וואָך"; אַז זונטיק בין איך געווען אין קאָנטרי אויף אַ חתונה, אַז מאָנטיק האָב איך געדאַרפט אָפּנעמען „גריגע" פון עליס איילאַנד, אַז דינסטיק האָב איך געמוזט גיין זאָגן מבינות אויף אַ „סטיישאָנערי-סטאָר" פאַר מיינס אַ פריינט, אַז מיטוואָך האָב איך געהאַט אַ פול הויז מיט געסט, אַז דאָנערשטיק האָב איך געמוזט אויסריכטן מיין פאַמיליע אין קאָנטרי און אַז היינט האָב איך געהאַט צו באַזאָרגן אַ צענדליק פאַרשידענע זאַכן, וואָס איך האָב שוין מער נישט געקאָנט פאַרנאַכלעסיקן. גיי דערצייל עס אים אַלץ! ער וועט זיך דאָך פון מיר אויסלאַכן און זאָגן: וואָס איז דאָס מיינע דאגות, איך מוז האָבן די קאָפּיע נישט שפּעטער ווי איינס אַ זייגער.

און דער זייגער איז שוין נאָך צוועלף און קיין טעמע איז נישטאָ און דער קאָפּ איז מיד און שווער.

אָבער, שאַ. עס פֿעלט מיר עפּעס איין און, דאַכט זיך, נישט קיין קרומע זאַך, יאָ, איך מיין דאָס ביכל, דאָס קליינע ביכל, אין וועלכן איך פֿאַרצייכן מיינע טעמעס.

אַט כאַפּ איך אַרויס דאָס ביכל פֿון בוזים־קעשענע. אַט בלעטער איך הין און צוריק און — עס איז דאָ, — אַ ביסל רוי מאַטעריאַל, וואָס איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו באַארבעטן.

און אַזוי ווי איך קאָן זיך אַנדערש נישט העלפֿן, האָף איך, אַז אי דער רעדאַקטאָר און אי דער לעזער וועלן מיר פֿאַרגעבן, ווען איך וועל דאַסמאָל אויספּילן די „פּיידזש" מיט רוי מאַטעריאַל.

און אָט גיב איך עס, פּונקט ווי עס איז פֿאַרצייכנט אין ביכל:

אין די „מואוויס"

ער קאָן זיך קיין פּלאַץ נישט געפֿינען.

1.

אין אַ מואווינג־פּיקטשור־פּלאַץ אויף גרענד־סטריט.

טשאַרלי טשאַפּלין קערט וועלטן אויפֿן לייַלעך און דער עולם צו־שויער, מערסטנטיילס קינדער, שמעלצט זיך פֿון נחת. איך זיץ בײַ דער וואַנט אין דער מאַטער שיין פֿון אַ רויט לעמפּל און בעט גאָט, דער רעגן זאָל אויפֿהערן. די לופֿט אין שמאָלן האָל שמעקט צוגעפּוילט און דאָס בילד נודיעט מיך צום טויט און דאָ האָב איך נישט קיין שירעם, אין — טו מאַך, מוז איך זיצן.

זיץ איך.

און זיצן גלאַט אַזוי בין איך נישט געוווינט. קוק איך זיך אַרום, צייל די קעפּ, וואָס זעען זיך אין דער האַלב־טונקלקייט און פֿאָלג נאָך מיט מיין בליק דעם „פּרעצל־מאַן", וואָס דרייט זיך אַרום הין און צוריק איבערן שמאָלן דורכגאַנג און רופֿט אויס אַלע ווײַלע מיט אַ הייזעריק קול: „פּרעצלעך, פֿרישע פּרעצלעך!"

אַ הויכער, דיקער מאַן קומט מיטאַמאָל אַריין און מיין בליק פאַלט גישט ווילנדיק אויף אים.

דער מאַן בלייבט שטיין באַ דער טיר אַ ווײַלע, דאַן לאָזט ער זיך גיין לאַנגזאַם איבערן דורכגאַנג און דרייט דעם קאָפּ רעכטס און לינקס, קלויבנדיק אַ פּלאַץ ווו זיך צו זעצן.

ענדלעך ווערט אים געפעלן אַ פּלאַץ צווישן צוויי פרויען און ער נעמט גיין צו דעם.

אַ בחור און צוויי מיידלעך, פאַרבײַ וועלכע דער מאַן האָט זיך גענומען דורכשפּאַרן, האָבן מיט פאַרדראָס געמורמלט:

— אַזוי פיל ליידיקע פּלעצער און ער שפּאַרט זיך ווו עס איז ענג!

דער מאַן האָט זיך אָבער געמאַכט נישט הערנדיק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן די צוויי פרויען, וועלכע האָבן פונדערווײַטנס אויסגעקוקט נאָך גאָר יונגע און האָט זיך געמאַכט באַקוועם.

עס איז נישט אַוועק קיין צוויי מינוט און דער מאַן האָט גענומען קערן דעם קאָפּ צו דער פרוי אויף זיין רעכטער זייט און ווען ער האָט זי האַלבוועגס באַטראַכט, האָט ער גענומען וואַרפן בליקן אויף זיין שכנה צו דער לינקער זייט, וועלכע האָט אין איר ברוינעם סוועטער אויסגעזען ווי אַ גוט אַנטוויקלטער „גריזלי־בער".

טשאַרלי טשאַפּלין האָט מיטאַמאָל זיך פאַרטשעפּעט מיט זיינע לאַנגע, אַרונטערפאַלנדיקע הויזן אָן אַ וואָרצל פון אַ בוים און דער האָל איז געוואָרן פול מיט געלעכטער.

מיין בעל דבר האָט זיך רירעוודיק אַ קער געטון צו דער לינקער זייט, ווי ער האָט זיך געוואָלט טיילן מיט זיינע התפּעלות מיט זיין דיקער שכנהטע, אָבער דער ווײַבלעכער גריזלי־בער האָט אַרויסגעלאָזט פאַרשטיקטן ברום און האָט זיך אָפּגערוקט אַזוי ווייט, ווי זי האָט געקאָנט.

אַ האַלבע מינוט שפּעטער האָב איך באַמערקט דעם מאַן מאַנעווירירנדיק מיטן אָרעם אַרום זיין שכנה צו דער רעכטער זייט, אָבער אויך דאָ איז ער נישט געווען דערפאָלגרייך. די פרוי האָט געמאַכט אַן אומצופרידענע באַוועגונג און ער איז געצוווּנגען געווען אויפצוגעבן זיין מאַנעוור.

אַ ווײַלע איז ער געזעסן, דאַכט זיך, גאַנץ רויק, אָבער באַלד האָב

איך באמערקט ווי זיינע שכנהטעס פון ביידע זייטן האָבן מיטאַמאָל גענו־מען קוקן אַראָפּ צום דיל. די דיקע פּרוי, אין ברוינעם סוועטער, האָט קענטיק עפּעס באַמערקט. זי האָט זיך אויפגעהויבן, בורטשענדיק עפּעס פאַר זיך, און איז אַריבער אויף דער צווייטער זייט.

דער מאַן איז געבליבן זיצן אויף זיין פּלאַץ, ווי נישט אים מיינט מען. ער האָט יעדעס מאָל, וואָס עס האָבן זיך געהערט טריט פון אַריינקו־מענדע, אומגעדרייט דעם קאָפּ, מיט דער האָפענונג, אַז דאָס קומט אַ „קליידל" און אַז דאָס „קליידל" וועט פאַרנעמען דעם ליידיקן פּלאַץ לעבן אים, אָבער ווען אַ גרויער אויסגעדאַרטער מאַן האָט זיך לעבן אים אַוועקגעזעצט, האָט ער אַן אַנטוישטער זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון דער רייע.

באַלד האָב איך דעם בעל דבר באַמערקט צווישן צוויי גרופּקעס קליינע מיידלעך, אָבער אויך אויף זיין ניי׳עם פּלאַץ איז אים, קענטיק, נישט געגאַנגען צו גוט. איינע פון די מיידלעך, וואָס זענען געזעסן לעבן אים, האָט פאַרטרויט עפּעס אַ סוד צו אירס אַ חברטע און מיט איין מאָל האָבן אַלע מיידלעך צו זיין לינקער זייט פאַרלאָזט זייערע פּלעצער.

אַ קורצע ווײַלע שפּעטער האָב איך אים דערזעען זיך שפּאַרנדיק צו אַ ווינקל־פּלאַץ, לעבן אַ פּוילישער דינסט, אָבער איידער ער האָט גע־האַט צייט זיך איינצומאַשצען, איז די שיקסע אַוועק און איר פּלאַץ האָט פאַרנומען אַ ייד מיט אַ קוליע.

אפשר פיר־פינף מאָל האָט דער מאַן נאָך געביטן זיינע פּלעצער און ווען ער האָט געזען, אַז ער קאָן נישט געפינען אַזאַ ווי ער מיינט, איז ער פאַרשוווּנדן פון דער הינטער־טיר אַן אַנטוישטער.

און דער רעגן הערט נישט אויף צו גיסן. און די בילדער הערן נישט אויף צו נודיען און די לופט אין שמאָלן האָל איז פאַרפּוילט און דריקנד און קיין שירעם האָב איך נישט און איך מוז זיצן.
זיץ איך און הער זיך צו אַ געשפּרעך הינטער מיר.

איר מאַמע איז נישט קיין שנאָרערקע

2.

דער געשפּרעך איז פאָרגעקומען צווישן צוויי קליינע מיידעלעך, איינע פון אַ יאָר אַכט און די צווייטע פון אַ יאָר צען.

דאָס קלענערע מיידעלע האָט געהאַט אַ הייזעריק קולעכל און האָט גערעדט מיט אַ שטאַרקן כריפּ, און דאָס עלטערע האָט געהאַט אַ שטי־מעלע ווי פון אַ זילבערן גלעקל, און יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט אַרויס־גערעדט, האָט עס געמעגט זיין ווער ווייסט ווי שטיל, האָט עס זיך צע־טראָגן ווייט אַרום.

רופט זיך אָפּ די עלטערע צו דער יינגערער:

— און דיין מאַמע לאָזט דיך גיין אין די מואוויס?

— געוויס לאָזט זי — ענטפערט די קלענערע מיט אַ שטאַרקן כריפּ — איך גיי יעדן טאָג. איך קום אַהער גלייך פון סקול.

— איז דיין מאַמע אַזוי רייך, אַז זי קאָן דיר געבן יעדן טאָג אַ ניקעל?

— רייך איז זי נישט, אָבער אַ ניקעל גיט זי מיר יעדן טאָג.

— גלייב איך נישט! — האָט זיך אַריינגעמישט אַ דריטע שטימע — איר מאַמע איז אַ שנאָרערקע.

דאָס מיידעלע מיטן הייזעריקן קולעכל האָט זיך צעכליפּעט.

— שאַ, וויין נישט — האָט זי געטרייסט די מיט דער זילבער־שטימע — מאַלע וואָס אַ „סלאָפּ“ זאָגט.

— מיין מאַמע איז נישט קיין שנאָרערקע — האָט די באַליידיקטע געכליפּעט — מיין מאַמע טראָגט אַ גאַנצן סקוירט און אַ סוועטער האָט זי אויך.

— און וווּ וווינט איר? — האָט דאָס עלטערע מיידעלע מיט רחמנות געפרעגט.

— מיר וווינען אין סאָפאָלק־סטריט.
— און וואָס טוט דיין טאַטע ?
— איך האָב נישט קיין טאַטן. מיין טאַטע איז געשטאָרבן.
— שוין לאַנג ?
— אפשר א יאָר.
— פון וואָס איז ער געשטאָרבן ?
— ער איז געשטאָרבן פון הוסטן. ער האָט אזוי פיל געהוסט.
— ווי אַלט איז דיין טאַטע געווען ?
— איך ווייס נישט, אפשר דרייסיק און אפשר פינפציק יאָר.
— איז ער געווען גרוי ?
— ניין, אזוי אַלט איז ער נישט געווען.
— און ברידער און שוועסטער האָסטו ?
— איך האָב איין ברודער, מאָריס, פאַרקויפט ער פּייפּערס נאָך סקול.
— און דיין מאַמע וואָס טוט ?
— זי אַרבעט אין א שאָפּ. זי גייט יעדן אינדערפרי אַוועק און קומט צוריק שפּעט אינאָוונט.
— בא וואָס אַרבעט זי ?
— איך ווייס נישט.
— וויפיל פאַרדינט זי א וואָך ?
— איך ווייס ? א דאָלאַר, צי צוויי דאָלאַר. איך ווייס ?
— און זי גיט דיר יעדן טאָג א ניקעל צו גיין אין די מואוויס ?
— יאָ, זי גיט מיר יעדן טאָג א ניקעל. האָב איך עס אויף „לאָנטש" און אויף מואוויס. פאַר לאָנטש איז מיר גענוג צוויי סענט אויף א ראָל און אויף א באַנאַנאַ, און פאַר דעם איבעריקן גיי איך, בשותפות, מיט וועמען עס מאַכט זיך, זעען מואווינג־פּיקטשורס.
און ווען מאַכסטו דיינע לעסאָנס ?
— אינאָוונט, ווען די מאַמע קומט אַהיים, ווייל באַטאָג האָב איך מורא צו זיין אַליין אין הויז.
— אין וועלכער סקול גייסטו ?
— אין נומער 62.

— איך גיי אויך אין דער זעלביקער סקול. אפשר וועסטו גיין צו מיר אַהיים יעדן טאָג פאַר לאַנטש? מיין מאַמע איז אַזאַ גוטע?

דאָס קליינע מיידעלע איז געבליבן הינטערשטעליק מיט איר ענטפער.

אָבער באַלד האָט זי זיך צעוויינט אויפן קול.

— איך וויל נישט, איך וויל נישט. מיין מאַמע איז נישט קיין שנאָרערקע!

21.

זומער־באָרדערס

אינדערפרי

דער פּאָרטש איז געדיכטלעך פון מענטשן. דער עולם גרעסטנ־טיילס פרויען און קינדער, האָט זיך נאָר־וואָס אַרויסגעטראָגן פון דיינינג־רום. די „ראָקינג־טשערס“ ווערן איינער נאָכן אַנדערן פאַרנומען און גרופּקעס פאָרמירן זיך אין פאַרשידענע ווינקלען.

מרס. קלאָצמאַן, וועלכע גיט אַליין צו, אַז זי וועגט צוויי הונדערט און זעכציק פונט און אירע צוויי טעכטער (איינע נאָך אַ סקול־מיידל), וואָס נעמען זיך אויף איר שניט, פאַרנעמען דעם סאַמע אויבן־אָן פון פּאָרטש. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט באַם רעכטן אַרויפגאַנג און ווער עס קומט אַרויף אָדער גייט דורך דעם פּאָרטש, מוז זיך אָנשלאָגן אָדער פאַרטשעפּען אָן איינעם פון זייערע שטולן. פון דער זייט צו דער וואַנט צו זיצט די דאַרע מרס. שפּינדעל מיט די בלויע ליפּן און אירע פלינקע פייערדיקע אויגן באַוועגן זיך שנעל, ווען זי רעדט מיט מרס. צוויבאַק, אַן עלטערע געלייִמטע פרוי, וואָס רעדט „דאַטש“.

— האָט איר ווען געזעען אַזאַ גראָבקייט — האָט די ייִדענע מיט די בלויע ליפּן האַלב געשושקעט — האַלב גערעדט, פינטלענדיק מיט די אויגן אויף דער פעטער פרוי און אירע צוויי טעכטער — אַזעלכע קלעצער! זעצן זיך אַוועק באַם רעכטן דורכגאַנג און פאַרשטעלן אַלעמען דעם וועג.

— יאָ, יאָ, עס איז אַ גרויסע גראָבקייט פון פרוי קלאָצמאַן —

שאָקלט צו מיטן קאָפּ די געליימטע יידענע און פּאַסמאַקעוועט זיך שטאַרק פון איר אייגענעם „דאַטש".

פון זייטיקן פּאָרטש, באַם עק הויז, וואָס איז האַלב פּאַרשטעלט מיט בייבי־קערידזשעס און די צווייטע העלפט פּאַרנומען מיט דיינסטן און בייביס, טראָגט זיך אַ הו־האַ, פון וועלכן מען קאָן פּאַרטויבט ווערן. מעריס (אַ שיינע בלאָנדע שיקסע) קוויטשט שניידט זיך ווי אַ שאַרפער קלונג דורך דער פרישער מאָרגן־לופט און דער געשטופּלטער מאַטושאַס באַגייסטער־טער „באָזשע מאָי" רופט אַרויס אַן עכאָ אונטערן הויכן דאַך פון פּאָרטש. מר, גוזיקס באַסאָווע שטימע מישט זיך אויס מיט די קולות פון די דינסטן און אַלע אויפן גרויסן פּאָרטש ווייסן, אַז דער „אַלטער חטאת" אַמוזירט זיך איצט.

מר. גוזיק איז אייגנטלעך גאָרנישט אַזאַ אַלטער. ער איז אַ ייד פון אַ יאָר פינף און פערציק. קענטיק אין די יונגע יאָרן געווען אַ לעבּ־קינד. ער רעדט עטלעכע שפּראַכן און האָט אַ באַזונדער פּאַרגעניגן צו פּאַרברענגען מיט די דינסטן, מיט וועלכע ער רעדט זיך צוזאַמען מיט יעדער איינער אויף איר לשון. די פרוי מיט די בלויע ליפּעלעך האָט אים דעם ערשטן טאָג, וואָס ער איז אָנגעקומען, אַ נאָמען געגעבן „אַלטער חטאת" און אַלע ווייבער רופן אים, צווישן זיך, מיט דעם נאָמען.

דער רויטער גאָלדבערג (עס זענען אין הויז דאָ נאָך צוויי גאָלד־בערגס, איינער אַ שוואַרצער און איינער אַ בלאָנדער) באַווייזט זיך אַלע ווײַלע אויפן פּאָרטש און זוכט אַ „האַנט" פּאַר פּינאַקעל און מר. גינץ מאַרשירט הין און צוריק איבער דער גאַנצער לענג פון פּאָרטש, צו פּאַר־דייען דעם ברעקפעסט.

איידער עס איז געווען „ביזי" אין באָרדינג־הויז איז מר. גינץ געווען דער „סטאַר־באָרדער". ער איז געקומען צוזאַמען מיט דער באַ־לעבאָסטע, ווען דאָס הויז האָט זיך געעפנט און האָט בדעה צו שטיין ביז ענדע סעזאָן. ער איז אַ ייד, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז פאַרליבט אין די בערג און כאַפּט קעלבערנע התפּעלות פון יעדן ווינטעלע, וואָס גיט אַ בלאָז און פון יעדן גערוכל, וואָס גיט זיך אַ טראָג דורך דער לופט.

דערצו האָט ער זיך אויך איינגערעדט, אַז ער איז אַ גאַנצער וועטער־נביא אין די ערשטע זאַך, וואָס ער טוט, ווען ער קומט אַרויס

פון הויז, איז א קוק צו טון אויפן הימל און זאגן נביאות, וואס פאר א וועטער עס וועט זיין מארגן. א חוץ דעם האלט ער זיך אויך פאר א גאנצן פראפעסאר און גיט יעדן איינעם עצות, ווי אפצוהיטן דעם קערפער און דעם גייסט.

די עלטערע ווייבער האבן גרויס רעספעקט פאר אים, איבערהויפט ווען זיי זעען אים מאכן „עקסערסייז" יעדעס מאל פארן עסן.

— מר. גינץ איז אל רייט, — איז די אלגעמיינע מיינונג פון די ווייבער.

— איך זאל עס דענקען, — שאקלט מר. גינץ צו מיטן קאפ ווען ער הערט עס — איר האט געדארפט זעען, וואס דער פייפער שרייבט וועגן מיר, ווי איך פיר זיך אויף און ווי איך מאך יעדן טאג מיינע עקסערטייז. דער פייפער ווייסט שוין וואס ער שרייבט.

— וואס דענקט איר, מר. גינץ, וועלן מיר היינט נישט האבן קיין רעגן? — האט אים א פרעג געטון מרס. שטיפער — מיר קלויבן זיך צו פארן נאך דינער צו דער „מאונטיין-הויז".

מר. גינץ איז מיט אן ערנסטע מינע און מיט געמאסטענע טריט ארונטער אויפן לאון, האט מיט א באדייטנדן בליק באטראכט דעם הימל פון אלע זייטן, האט עטלעכע מאל טיף איינגעאטעמט און מיט די זעלבע געמאסטענע טריט און מיט א מער ערנסטער מינע איז ער צוריק ארויף אויפן פארטש און פארזיכערט מרס. שטיפער, אז עס וועט קיין רעגן היינט נישט זיין, כאטש עס בלאזט א לייכט ווינטל פון מזרח-זייט.

אויפן סמך פון גינצס נביאות האבן אייניקע פארלעך באשלאסן אויסצופארן און פיל האבן געמאכט הכנות צו גיין אין ווילעדזש נאך מיטאג און מרס. ראזען, וועלכע האט זיך צוגעגרייט אויף נאך דינער צו פארקויפן „ראפעלס" אויף אן אויסגעבייט טישטוך, צו גונסטן די מלחמה-קרבנות, איז געווארן שטארק אנטוישט.

נאכמיטאג

א גרויסע טייל פון עולם איז צעגאנגען, צעפארן, היפשע עטלעכע האבן זיך צוגעשפארט כאפן א דרימל, ווער בא זיך אין צימער און ווער

אויף אַ שאָטיקן פּלאַץ אַרום הויז און אויפן פּאָרטש איז גאַנץ שיטער. נאָר אויף דער זייט ווו די דינסטן און די קליינע קינדער האַלטן זיך אויף, איז אַ ביסל טומלדיק. דער „אַלטער חטאת" מאַכט מינעס און חכמעט זיך און די שיקסעס לאַכן און קוויטשען פון זיינע חכמות.

דער רויטער גאָלדבערג, דער גראָבער הורוויץ און די צוויי ברי־דער טיטשערס, וואָס קוקן אויס ווי אַ צווילינג, האָבן זיך פאַרשפּאַרט אינם קליינעם צימער, וואָס קוקט אַרויס צום פּאָרטש און לערנען „ש"ס קטן". און מר. גינץ האָט געכאַפּט דעם אַלטן זייציג אונטערן אָרעם און מאַר־שירט מיט אים איבערן פּאָרטש. צוויי יונגע מיידלעך גייען זיי נאָך פון הינטן, לאַכן אין די הויפּנס און קרימען נאָך גינצעס שטייפן גאַנג. מרס. ראָזען, מיט אַן אויסגעניייט טישטוך אויף איין האַנט און מיט אַ ביכל און פּענס׳ל אין דער צווייטער, גייט אַרום און זוכט בעלנים אויף ראַ־פּעל־טיקעטס.

— העלפט די מלחמה־קרבנות — בעט זי זיך באַ יעדן — בלויז צען סענט אַ ראַפּעל. דאָס טישטוך איז אַ מציאה פינף און צוואַנציק דאָלאַר.

זי גייט צו צו מרס. קלאָצמאַן.

די גראָבע יידענע באַטראַכט דאָס טישטוך, שפּרייט עס אויס אויף איר קאָלאָסאַלער שויס און באַוווּנדערט די שיינע אַרבעט.

— קוקט נאָר אָן די אַרבעט, מיט גאָלד צו גלייך — האָט זי מיט התפּעלות גערעדט צו אירע טעכטער, וואָס זענען געזעסן דערביי און זיך פלעגמאַטיש געוויגט — פּונקט די אַרבעט, וואָס איך פלעג מאַכן, ווען איך בין יונג געווען.

— אַנו, טאָ פאַרשרייבט טאַקע אייערע נעמען — רופט אויס מרס. ראָזען, דערלאַנגענדיק דער דיקער פרוי דאָס ביכל.

— אַז איך זאָל וויסן, אַז איך וועל געווינען, וואָלט איך שוין גע־נומען אַ „טשענס", — האָט מרס. קלאָצמאַן געזאָגט תמעוואַטע.

— און ווען נישט, האָט איר מורא, אַז די אָרימע מענטשן וועלן דאָרט רייך ווערן פון אייערע צען־סענטיקע! — איז מרס. ראָזען אַרויס מיט אַ מוסר־טאָן.

— פון די מלחמה־קרבנות איז שוין נישט אויסצוהאַלטן — האָט מרס. קלאָצמאַן מיט כעס אויסגערופן, אַרונטערשאַרנדיק פון דער שויס

דאָס טישטוך — ערשט נישט לאַנג צוריק האָט מיין מאַן אויסגעגעבן צען דאָלאַר אויפן באַזאַר!

— צען דאָלאַר! און זי האָט עס געלאָזט!? — האָט מרס. ראָזען שטיל געמורמלט, אַריבערטראַגנדיק זיך מיטן טישטוך צו דער גרופּע ווייבער, וואָס איז געזעסן באַם ענד פּאָרטש.

— האָט דאָס גראָבע קלאָץ אייך געמאַכט אַ גוטן אָנהייב? — האָט מרס. שפּינדעל זיך געווענדט צו מרס. ראָזען, פּאַרציענדיק אירע בלויע ליפּן.

מרס. ראָזען האָט דערציילט די ווייבער איר דערפאַרונג מיט מרס. קלאַצמאַן.

— זעט איר, דעם גראָבן קלאָץ אויף צופּיקעניש נעם איך צוויי נומערן — האָט מרס. שפּינדעל אויסגערופן מיט נצחון.

די איבעריקע ווייבער אין דער גרופּע האָבן זיך געלאָזט פאַר־שרייבן זייערע נעמען, ווער איינמאָל, ווער צוויי מאָל און מרס. ראָזען איז אַ צופרידענע אַוועק זוכן נאָך בעלנים.

אַ היפּש ביסל האָבן אַנטזאָגט, פיל האָבן זיך געלאָזט בעטן, אָבער דער גרעסטער טייל האָט געגעבן די צען־סענטיקע מיט אַ ספּאָרטישע ברייטקייט, ווי איינער זאָגט: „קאָסט די קאַנטרי אַזוי פיל, וועט קאָסטן נאָך צען סענט".

אין אָוונט

אויף די זייטן פון פּאָרטש איז טונקל, נאָר אין מיטן איז ליכטיק, פון די פיר עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס ברענען אויבן אין דעם געוועלבטן סופיט און פון דער שיין, וואָס פאַלט פון „רעסעפּשאָן־זאַל". די לופט איז קיל און דערקוויקענד און דער הימל פאַרזייעט געדיכט מיט שטערן. יונגע פּאָרלעך טוליען זיך אין די טונקעלע ווינקלען. מיידלעך, ווייבלעך און יונגעלייטלעך פאַרזאַמלען זיך אין גרופּעס, רעדן, לאַכן, שטיפן און מאַכן זיך פריילעך. אין טאַנץ־זאַל דרייען זיך אַרום עטלעכע פּאָר סקול־מיידלעך און סקול־יינגלעך, צו דער מוזיק פון פאָנאָגראַף, און קליינע קינדערלעך

שיין פארפוצט זיצן אויסגעזעצט אויף שטולן ארום די ווענט און ווארטן אויפן גלאָק, וואָס רופט צו בעט.

מרס. ראָזען לויפט ארויף אויפן פאָרטש מיט א שמחה — אז אלץ איז טארטיק צום ראפעל.

דער אלטער מר. זייציג און מר. גינץ שלאָגן פאָר, אז דאָס יינגסטע קינד זאָל ציען די נומערן און עס פאלט אויס אויף מרס. קלאָצמאנס איינִיקל, מרים.

מרס. ראָזען האָט אפילו פראָטעסטירט. זי האָט נישט געוואָלט אָנטון מרס. קלאָצמאן אזא כבוד, אָבער זי האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און די קליינע מרים האָט געצויגן די נומערן.

ווען דאָס מיידעלע האָט ארויסגעצויגן דעם „זכה בגורל״ און די ווייטערקע, עני, האָט געוואונען דאָס טישטוך, האָבן אלע ווייבער די נעזער ארונטערגעלאָזט און האָבן געקוקט ביין אויף מרס. ראָזען.

די איינציקע, וואָס האָט אויסגעזעען צופרידן, איז געווען די אלטע מרס. קלאָצמאן, אָבער באלד ווען זי האָט געזעען ווי מרס. ראָזען גייט ארויף צו זיך אין צימער, האָט זי געבורטשעט אונטער דער נאָז: „סארא שווייגעריי, האלט מען עס געבן עטלעכע סענט דעם קינד פאר דער טרחה!״

22.

אַ קריג אָן וועטער

ס'איז געווען שפּעט, נאָך האַלבער נאַכט, ווען איך בין אַרויף אויף אַ מעדיסאָן־עוועניו־קאַר צו פאָרן אַהיים.

באַ מיין ערשטן אַריינקומען אין קאַר האָבן מיך באַגעגנט אַ פּאָר אומפריינדלעכע, קאַלטע, גרויע אויגן. זיי האָבן מיך פלינק אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, זיך אויף אַ סעקונדע פאַרטראַכט, און ווען איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אַקעגן זייער באַלעבאָס, האָבן זיי זיך פאַררוקט אונטער די גרויסע ברעמען און פון צייט־צו־צייט געקוקט אויף מיר פאַרגנבעט.

דאָס געזיכט, צו וועמען די דאָזיקע פּאָר אויגן האָבן געהערט, איז געווען מאָדנע כאַראַקטעריסטיש. אַ ברייטער שטערן איינגעלייגט אין טיפע פאַלדן; אַ קורצלעכע נאָז, וועמענס נאָזלעכער האַלטן זיך אין איין באַוועגן; דינע פאַרביסענע ליפּן, צו וועלכע עס ציען זיך אַרויף קורצע אָפּגעהאַקטע קנייטשלעך פון אַ ברייטער, בולטער מאָרדע, האָבן פאָרגעשטעלט די הויפּט־צוגן.

ס'איז געווען אַ מאַן אין די פערציקער, קענטיק אַ יענקי פון אַ יידישער אָפּשטאַמונג, מיטלמעסיק, אָדער אַ ביסל מער אינטעליגענט, מאַטעריעל פאַרזאָרגט, און אָנגעפילט מיט אַ שטאָלץ פון אַ באַוווסטזיניקן באַלעבאָס, ווען ער איז אַרומגערינגלט מיט זיין באַלעבאַטישקייט.

באַם צווייטן ראָג גאַס איז אַרויפגעקומען אַן אַלטע יידענע מיט אַ יונג מיידל, אַ 17 יאָר אומגעפער, קענטיק אַן אייניקל. מ'האָט געקאָנט זען אָן דער יידענעס פּנים, אַז זי קומט נישט פון קיין פריילעכן וויזיט.

פאַרטרויערט, פאַרזאָרגט, די אויגן אויסגעוויינט ביז צו דעם רויטן פלייש. מסתמא אַ קינד אירס שטאַרק קראַנק, אָדער וועמען הײנט צו קבורה געפירט. דאָס מיידל, פאַרשלאָפן, האָט זיך געטוליעט צו דער אַלטער, ווי אַ קאַץ טוליעט זיך צו אַ מענטש, ווען אין הויז איז קאַלט. זיי האָבן זיך אַ ווײלע מיישב געווען, אויף וועלכע באַנק זיך צו זעצן, און נאָך אַ קורצן ישוב הדעת האָבן זיי זיך געזעצט אויף מיין זייט. איך האָב דערקענט אָן דער אַלטערס מינע, ווי זי וואָלט קלערן: עפּעס פאָרט היימישער לעבן אַ ייד.

מיין אַנטקעגנדיקער שכן האָט מיט איין שפּאָטישן בליק אָפּגעפּטרט די אַלטע. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו דעם מיידל. מיט אַ צינישער צופרידנקייט האָט ער זי באַטראַכט און אויסגעמאָסטן ווי גרויס זי איז, און ווען ער איז געקומען צום בוזים, האָבן זיך זיינע אויגן אַזוי תאוותדיק צעגלאַנצט, און זיין פאַרפרעסט מויל האָט זיך אַזוי ווייט געעפנט, אַז ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט וועלן איינשלינגען דאָס אָרימע קינד.

מיך האָט עס פאַרברענט, ווי פייער.

איך האָב אים צוגעוואָרפן אַ קוק, וועלכער האָט אים קלאָר אַרויסגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט מיינען, אַז מען זעט נישט, וואָס עס טוט זיך דאָרט בײַ אים אין די געדאַנקען.

ער האָט מיין קוק געפילט אויף זיך. ער האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ אין פאַרלעגנהייט און מיר צוגעוואָרפן אַ שאַרפן בליק, וואָס האָט געמיינט: „מיינד יור אָון ביזנעס!"

זיינע אויגן האָבן זיך ווידער געצילט צו דעם מיידל. דאָס מאָל האָבן זיי זיך געדרייט אַרום אירע זאָקן, דורך וועלכע די קאָליר פון לייב האָט אָפּגעשלאָגן ביז צו די קני. זיין גאַנץ פּנים האָט געקריגן אַ בעסטיאַליש־פרעכן אויסדרוק, און יעדער שטומער פאַרלאַנג פון זיין האַרץ האָט ווילד, ווי אַ צערייצטע חיה, געריטשעט פון זיינע באַוועגלעכע צוגן פון געזיכט.

איך האָב געפילט, אַז איך מוז דאָס אומשולדיקע קינד ראַטעווען

„פאַרדאָרבענער מענטש איינער!" — האָב איך אין אים אַריינגעקוקט, — „דו האָסט אוודאי אַליין קינדער, און אפשר נאָך אויך מיידלעך, אַזעלכע יונגע, אומשולדיקע, ווי די איז?"

מיין פאָרוואורף האָט געטראָפן גלייך אין געצילטן פּלאַץ.

מיין בעל־דבר איז געוואָרן רויט ביז צו די אויערן. איך האָב געזעהן, אַז עס האָט אים געקאָסט אָנשטרענגונג זיך צו קאָנטראָלירן, אום נישט אַרויפצופאַלן אויף מיר פּשוט מיט די פויסטן.

איך האָב אַ שמייכל געטון. מיר האָט אייגפאַך הנאה געטון, וואָס מיינע אויגן האָבן ריכטיק אויסגעדריקט דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט אויסדריקן דורך זיי.

בּאַ האוטסטאָן-סטריט איז די אַלטע מיטן מיידל אַראָפּ. מיין קעגנאיבערדיקער האָט אויף מיר גיפטיק אַ קוק געטון, פּונקט ווי איך וואָלט אין דעם געווען שולדיק.

צוויי בלאָק-ווייטער זענען אַרויף עטלעכע אַרבעטער, אָנגעטון אין „אָוועראָלס“. עס איז געווען אַ געמיש פון ראַסן. כמעט יעדער איינער איז געווען פון אַן אַנדער אָפּשטאַמונג. מיין אויגן-העלד האָט יעדן איינעם אָפּגעמאָסטן, אָפּגעשאַצט מיט אַ פאַראַכטנדן בליק, און האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט בּאַ מיר. איצט האָט ער געוואָלט מיט מיר זיך אָפּרעכענען. ער האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט, אַז איך בין גרייט פאַרן בליקן-קאַמף. ער האָט אַרויסגענומען אַ צייטונג פון קעשענע, האָט זיך געמאַכט, ווי ער לייענט עפּעס. איך האָב אָבער געזעהן, אַז ער טוט עס בלויז אום צו געווינען צייט, צו זיין בעסער פאָרגעברייט.

ווען אונזערע אויגן האָבן זיך ווידער באַגעגנט, איז מיר גלייך קלאָר געוואָרן, אַז ער פילט זיך, ווי ער וואָלט דאָ געזעסן פאַר אַ שפּיגל; אַז קיין תנועה קאָן ער פון מיר נישט באַהאַלטן; אַז איך פאַרשטיי און לייען זיינע געדאַנקען, אַזוי גיך, ווי זיי ווערן בּאַ אים געבוירן.

די רציחה האָט אים אַריינגעטריבן דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים אַריין. ער האָט זיך מער שוין נישט געקאָנט קאָנטראָלירן.

„גאָד ד... שיניס!“ האָט ער געבליצט מיט די אויגן אויף מיר; „מ׳קאָן שוין פון אייך גאָרנישט אויסהאַלטן! אין די ביינער קריכט איר פּשוט אַריין!“

„פּע! איז דאָס דיבורים פון אַ דזשענטלמען?“ האָב איך אים קאַלטבלוטיק געמוסרט מיט מיין בליק, „צו שוואַכע און צו אַלטע טענות. אויב דו האָסט נישט שטאַרקערע און קיין בייערע, טאָ וואָס איז מיט דיר מער יחוס ווי מיט די אין די אָוועראָלס, וועמען דו פאַראַכטעסט אַזוי?“

דער מאַן איז אויפגעשפּרונגען, ווי עפּעס וואָלט אים אַ ביס געטון,

און אויסמיידנדיק מיין בליק, איז ער אַוועק ווייטער און זיך געזעצט לעבן די אַרבעטער, מיטן פּנים צו דער טיר. ער האָט עפּעס געמורמלט צו זיך אַליין. מיין אויער האָט עס אָבער נישט געקאָנט כאַפּן.

בא דער 88־סטער סטריט איז ער אַרונטער, נישט קוקנדיק אויף צוריק. נאָר ווען מיר האָבן זיך ווידער באַגעגנט מיט די אויגן, דורכן פענצטער, האָט ער מיר צוגעוואָרפן:

„יו גאָד ד... ש—י—נ—י!"

דאָס האָב איך נישט נאָר געזעען, נאָר איך האָב עס אויך געהערט מיט מיינע אויערן, און ערשט דאַן איז מיר די גאַנצע מעשה געוואָרן אינטערעסאַנט.

23.

דער פאַטאַלער קוש

פינף מאָל אַ וואָך פלעג איך אַריינקומען צו די בליטשטיינס און יעדעס מאָל פלעג איך דאָרט טרעפן די זעלבע קאָמפּאַניע: מיסטער קליין, אַ הויכער, בעטער יונגערמאַן, אַ קוזין פון מיסיס בליטשטיין, איז געווען די צענטראַל־פיגור. מיס דוואָרקין, אַ ווייכע בלאָנדינקע מיט אַ קליינטשיק חן־גריבל אין איר ראָזעווער באַק, פלעגט שטענדיק זיצן וויז־אַ־ווי אים און צוקוקן צו אַלץ, וואָס ער פלעגט זאָגן; מיס פרייד און מיס ליכטיג, ביידע קליינע ברונעטקעס, די ערשטע שטענדיק מיט אַ גרויסער רויטער שלייף אין די האָר — זענען געווען די „קעגנערקעס" אין די אַלגעמיינע דעבאַטעס, וואָס מר. קליין פלעגט אָנפירן. ביידע ראַדיקאַל, ענטוזיאַסטיש און גרויסע פאַרערערקעס פון די „מאָדערנע". אויך פלעגן אַריינקומען אָפט די קאַפּלאַנס, אַ יונג פאָרפאָלק, וואָס האָבן געוווינט „נעקסט דאָר" צו די בליטשטיינס, און זייער באָרדער מר. באַרקין, אַ קאַטער, וועלכער האָט געקליבן „קאָונטס". אַלע דריי אומפּאַרטייאיש, אויסער דעם לעצטן, אין וועלכן מען האָט געקאָנט באַמערקן אַ געוויסע נייגונג צו מיס פרייד, און תמיד, ווען זי פלעגט פירן דאָס וואָרט, פלעגט זיך בא אים דאָס מויל עפענען פון זיך אַליין, ווי אַ סימן פון אמתער אויפמערקזאַמקייט. און צורעכנענדיק מיס שערבעל, אַ פאַרזעסן מיידל מיט אַ פּאָר אויסגעלאָשענע אויגן, איז די קאָמפּאַניע געווען פאַרפולט.

עס פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז צוליב שלעכטן וועטער אָדער אַ וועלכע וויכטיקע פאַסירונג אין קוואַרטאַל, פלעגט איינער אָדער מער פון

דער קאָמפּאַניע פעלן, אָבער איך קאָן זיך נישט דערמאַנען קיין איינציקן פאַל, אין וועלכן מיס שערבעל האָט נישט פאַרנומען איר שטענדיקן פּלאַץ אויפן „לאונדזש".

קיין דירעקטן אָנטייל אין די דעבאַטן און געשפּרעכן האָט זי קיינמאָל נישט גענומען. פון עולם, ווידער, האָט קיינער נישט געזוכט צוציִען איר אויפמערקזאַמקייט. און זי איז צו דעם שוין געווען אַזוי צוגעוווינט, אַז עס פלעגט זי כמעט נישט אַרן.

פלעגט מען אַמאָל שפּילן אַ „גיים", אַ זונטיק, אָדער אַ יום-טוב, געוויינלעך, פלעגט מען מיס שערבעל אויך אַריינבעמען אין שפּיל. ווען עס פלעגט אָבער קומען צום סוף, און די פאַרלירנדע, באַזונדער די יונגע מענער, האָבן געדאַרפט אויסלייזן זייערע „פאַנטן" מיט קושן, האָט קיין איין מאָל נישט געטראָפן, אַז איינער פון די קושן זאָל צוגעטיילט ווערן צו מיס שערבעל. עס האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ פאַרשווערונג וואָלט אין הויז אָנגעגאַנגען קעגן איר.

קיין שטאַרק מיאוסע איז מיס שערבעל נישט געווען. זי האָט געהאַט כמעט רעגלמעסיקע געזיכטס-צוגן, אַ פעסט געבויטע פיגור, כאָטש אַ ביסל צו נידעריק און קורץ אין טאַליע, און גאַנץ שיינע, געדיכטע ברוינע האָר. נאָר חן האָט איר געפעלט. אָבער טאַקע אינגאַנצן געפעלט. עס קאָן זיין, אַז אין די יינגערע יאָרן האָט זי אפשר דאָס אויך געהאַט, נאָר מיט דער צייט איז קיין שפּור פון דעם מער נישט פאַרבליבן. — דאַכט זיך, איין חן-שטריכעלע האָט געקאָנט אַנדערש שאַטירן איר גאַנץ אויסזעען; איין טיילכעלע קאָליר האָט איר לייב מיט אַ ביסל פרישקייט געקאָנט באַציִען. אָבער דאָס קליינע ביסעלע האָט געפעלט, און אָן דעם האָט זי אויסגעזעען טרוקן, אָן טעם און אָפּט אויך אָפּשטויסנד.

זי איז נישט געווען קיין פּראָסט מיידל. אַ היפּש ביסל באַלעזן, גערעדט שטענדיק צו דער זאַך, און אָפט אַרויסגעלאָזט אַ גאַנץ שאַרפע באַמערקונג. איבערהויפּט האָט זיך אין איר טאָן געפילט באַשטימטקייט, באַדאַכטזאַמקייט, און קיין סימן פון קרענקלעכער סענטימענטאַליטעט. מיסיס בליטשטיין האָט פון איר געהאַלטן אָן עולם ומלואו און פלעגט זיך תמיד מיט איר מיישב זיין איבער הויז און פאַמיליען-זאַכן.

ווען די באַזוכן פלעגן זיך ענדיקן שפּעט אין אָוונט און דער עולם האָט גענומען אַהיימגיין, פלעגט זיך תמיד אַזוי מאַכן, אַז יעדעס מיידל

אָדער צוויי זאָלן האָבן אַ יונגנמאַן, וואָס זאָל זי אַהיימבאַגלייטן, נאָר פּאַר מיס שערבעל האָט קיין מאָל נישט געסטייעט קיין יונגערמאַן. זי פלעגט שטענדיק גיין אַליין, כאָטש זי האָט געוויגט זייער ווייט.

איינמאָל, פירנדיק אַ היציקע דעבאַטע איבער פרויען-רעכט, זענען מיר זיך פאַרזעסן זייער שפּעט. באַם אָװעקגיין האָט מיך מיסיס בליט-שטיין אָפּגערופן אָן אַ זייט און געבעטן, אַנטשולדיקנדיק זיך פריער צען מאָל: אַזוי ווי איך גיי דעם זעלבן וועג, וואָס מיס שערבעל, וואָלט נישט געווען קיין עוולה, איך זאָל זי צופירן צום הויז.

מיר האָט עס אמת ווי געטון, פילנדיק זיך אָנגערירט באַ אַזאַ ווונד, אָבער אין דער זעלבער צייט האָב איך זיך געשעמט פאַר זיך אַליין נאָכמער ווי פאַר מיסיס בליטשטיין. איך האָב אָבער געפילט, ווי מען פאַרלאַנגט פון מיר אַן אוממעגלעכע זאַך. איך האָב מיסעס בליט-שטיין אָנגעקוקט, ווי איינער קוקט אויף אַ גזלן, וואָס קומט די נשמה צונעמען.

נאָך אַ קורצן ישוב-הדעת איז באַ אונז געבליבן, מען זאָל וואַרפן גורל צווישן אַלע מענער. מיר האָבן עס טאַקע גלייך געטון, די פרויען זאָלן עס נישט באַמערקן, און צו מיין גליק איז מר. קאַפּלאַן אַרויס דער „זוכה בגורל".

אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָב איך מיר נישט געקאָנט מוחל זיין דידאָזיקע עוולה. סטייטש, נעמען אַ מיידל, וואָס האָט נישט קיין אַנדע-רע עוולות אויסער די, וואָס זי איז באַשטראָפט געוואָרן מיט נישט קיין שיין פנים, און זי אַזוי אומרעכט באַהאַנדלען! און, נאָך איך! וואָס איך בין שטענדיק נאָך צו העפלעך, צום מענטש בכלל און צו דעם פיינעם געשלעכט בפרט? ווען איך האָב אָבער נאָכאַמאָל גענומען איבערטראַכטן וועגן דעם, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז די שולד ליגט אַבסאָלוט נישט אין מיר. עס איז אַ פנים, וואָס מוז אָפּשטויסן; עס איז אַ קללה פון גאָט, און מען קאָן קיינעם נישט באַשולדיקן.

איינמאָל, אין אַ כמורנעם זונטיק, ימים-נוראים-צייט, האָבן זיך באַ די בליטשטיינס צוזאַמענגעקליבן, אויסער די שטענדיקע געסט, פון וועלכע עס האָט קיין איינער נישט געפעלט, אויך אַ היפּש ביסל אַנדע-רע. עס איז געווען עפּעס אַ שטיקל שמחה, לכבוד דעם באַלעבאָס אַ שוועסטער, וועלכע איז געווען געקומען פון רוסלאַנד. דאָס הויז איז

געווע איבערפּולט. קיין שטולן האָבן נישט געסטייעט, איז מען געזעסן אויף די פענצטער, אויפן גאַז־אויוון, אויפן „טראַנק", און נאָך האָבן זיך אייניקע געמוזט צופרידנשטעלן מיט שטיין. מיס שערבעל איז געווען באַ עפּטיקט, העלפנדיק מיסיס בליטשטיין דערלאַנגען צום טיש; צונעמען די זאַכן פון די געסט א. ד. ג. אין איר פּאַרמעט־געלן געזיכט האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ רויטקייט און איר פאַרשטיבעטע סטאַטישע קאַלטקייט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פיבערהאַפטער נערוועזיטעט. אויף איר לינקער שלייף האָט מען געקאָנט זען, ווי די מוסקולן טאַנצן אין זיגזאַג אונטער דער דינער געשפּרינקלטער הויט פון דעם ברייטן, פלאַכן שטערן, און די אומרויקע ליפּן האָט זי געמוזט פון צייט־צו־צייט איינ- האַלטן, בייסנדיק אין זיי. עס האָט יעדער איינער געקאָנט זען, אַז זי איז זייער אויפגערעגט; און פילנדיק, אַז אַלע זעען דאָס, האָט איר אויפרעגונג געהאַלטן אין איין שטייגן. עס האָט איר פּשוט גענומען פאַלן פון די הענט. מיסיס בליטשטיין האָט זיך באַ איר געבעטן נישט צו אַרבעטן אַזוי שווער; זיך אַ ביסל צוצוזעצן. זי האָט באַין אופן נישט געוואָלט הערן. עס האָט אויסגעזען, ווי איר יאָרן לאַנגע צוריק- געהאַלטנקייט האָט זיך מיט איין מאָל ווי פון אַ קייט אָפּגעריסן און לאָזט זיך אויף הפקר אָן אַ ציל און אָן אַ צוועק.

— זי'ט פאַלן אין די האַלאַבלעס, — האָט איינער פון די געסט אין שפּאַס געמאַכט אַ באַמערקונג איבער איר. זי האָט עס, קענטיק, גע- הערט. אירע ביידע שולטערן האָבן אַ ציטער געטון און די טאַץ מיט די גלעזער טיי, וועלכע זי האָט צום טיש געטראָגן, האָט זיך פון אירע הענט אַרויסגעגליטשט און — בראַזג!

אַ געלעכטער האָט אַרויסגעפּלאַצט צווישן דעם יונגוואַרג, נאָר אָן עלטערע פרוי, עפּעס עמעצנס אַ מומע דאָרט, האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורכן עולם, איז צוגעקומען צו איר און האָט זי גענומען טרייסטן: „נישקשה, טאָכטערל, מ'זאָל איה"ש אינגיכן באַ דיר אויף תנאים טון דאָס זעלבע".

מיס שערבעל איז אויפגעשפּרונגען, ווי פון אַ יאַשטשערקע געביסן, איז אַריינגעלאָפן אין קיך, און באַלד האָבן זיך געהערט געמישטע קולות: „מיס שערבעל! וואַסער! אַ דאָקטאָר!" זי האָט גע‏חלשט, און

אפשר צען מינוט האָט געדויערט, ביז מען האָט זי צו זיך געקאָנט ברענגען.

דידאָזיקע סצענע האָט מיך פאַרקלעמט ביז דער נשמה. איך האָב זיך פרייוויליק אָנגעבאָטן זי אַהיימצוברענגען.

אויפן וועג האָבן מיר קיין איין וואָרט נישט גערעדט. איך האָב נישט געקאָנט טראַכטן פון עפּעס, וואָס זאָל זיך פּאַסן צו איר איצטיקער שטימונג. איך האָב געוואַרט, זי זאָל אָנהייבן. זי האָט אָבער פאַרביסן די ליפּן און דעם גאַנצן וועג זיי נישט געעפנט.

גייענדיק צוריק, האָב איך געפילט, ווי איך וואָלט דאָ אַ גרויסע וווילטעטיקייט אָפּגעטון. איך האָב געטראַכט פון דערדאָזיקער פּסיכאָלאָגישער באַציונג צו מיס שערבעל און אין מיר האָט זיך אויפגעוועקט אַ טיף־פאַרלעגן מיטגעפיל.

— איין ביסעלע אויפמערקזאַמקייט, איין ביסעלע מיטגעפיל קאָן די נשמה פון דעם מיידל אַ סך אויפמונטערן — האָב איך בײַ זיך געקלערט, און באַשלאָסן — אַליין דאָס צו פּרובירן, ווי ווייט עס וועט מיר אָר מעגלעך זיין.

ווען מיר האָבן זיך געטראָפן נאָכאַמאָל בײַ די בליטשטיינס, אין קרייז פון דער שטענדיקער קאָמפּאַניע, האָב איך ערשט דאַן איינגעזען, אַז איך בין דער איינציקער, וואָס קאָן און מוז מיטהעלפן מיט עפּעס מיס שערבעל. איך האָב גלייך אָנגעהויבן דאָסדאָזיקע מיטגעפיל אויך צו פּראַקטיצירן: אין אַלגעמיינעם געשפּרעך האָב איך זיך צו איר געווענדט איינציקע מאָל. איינמאָל האָב איך זיך אַנידערגעזעצט אויפן „לאָונדזש" לעבן איר, אַ זאַך, וואָס האָט פריער קיינמאָל נישט געטראָפן. דער עולם האָט צווישן זיך איינציקע מאָל זיך איבערגעקוקט. בײַ זיי איז דאָס געווען אַ געוואַלטיק וווּנדער, ווייל זיי אַלע האָבן געוווּסט, ווי ווייט דערווידער דאָס אויסזעען פון מיס שערבעל איז געווען פאַר מיין עסטעטישן אינסטינקט.

אַ צווייט מאָל האָב איך מיס שערבעל אַהיימבאַגלייט, און עס האָט מיר דעם גאַנצן וועג אמת הנאה געטון, זעענדיק שפּורן פון אויפלעבונג אין איר גאַנג, אין איר האַלטן פון קאָפּ. איר שטימע האָט גאָר פרייער געקלונגען. די טרעפּ אַרויפגייענדיק האָב איך זי צוגעהאַלטן בײַם אָרעם, און איך האָב געפילט דאָס גאַנצע פאַרגעניגן, וואָס זי האָט דערפון גע־

פילט. איר „גוד-נייט” איז געווען באַגלייט מיט אַ שטומען „לאַנג לעבן זאָלט איר!” „איך דאַנק אייך טויזנט מאָל!”

וואָס מער עס האָט זיך אַרויסגעצייגט די ווירקונג פון מיין טייל-נאַמע אויף מיס שערבעלס געזיכט, אַלץ מער איז מיר געוואָרן לייכטער דאָס אַרויסצוברענגען. עס האָט מיך שוין כמעט גאָר קיין אָנשטרענגונג נישט געקאָסט, צו האַלטן מיינע אויגן אײַנגאַנצן אָפן און צו זעען פאַר זיך די געשמאַקלאָזע צוזאַמענשטעלונג פון איר פנים. — נאָך אַלעמען בין איך געקומען צום באַשלוס, פעלט איר גאַנץ ווייניק, כדי מען זאָל זי קאָנען טאָלערירן. דאָס מויל עטוואָס שמעלער, די נאָז אַ ביסעלע שטאָלצער אויפגעהויבן און די אויגן איין האָר מער באַלויכטן — און ס'איז כמעט אַ סימפּאַטיש פנים. די קאָליר מאַכט נישט אויס! ווען די דינע פעלבלעך אַרום מויל זאָלן נאָר נישט פאַרראַטן די שפורן פון אָפּגע-לעבטקייט. דער איינציקער אמת פאַרלעצנדער פלאַץ אין איר פנים איז דער ברייטער, פלאַכער שטערן, וועלכער פאַלט אַריין אין מיטן ווי אַ נישט קיין אונטערגעשפּאַרטע פאַדלאָגע אויף דער עלטער. און ווען מיין קוק פלעגט פאַלן אויף דעם, פלעג איך פילן דעם אַלטן איבל, וואָס דערדאָ-זיקער שטערן האָט אין מיר שטענדיק אַרויסגערופן. איך פלעג זיך היטן דעמדאָזיקן פלאַץ נישט אָנצוקוקן, און ווען ער פלעגט, פין זיך אַליין, זיך נעמען אויסמאָלן אין מיין גייסט, האָב איך אַליין זיך אַ שלעפּ געטון, פאַרקירעוועט אָן אַ זייט צו דענקען פון עטוואָס אַנדערש.

מיט דער צייט האָב איך אָנגעהויבן צו פילן, אַז דורך דער גוטס-קייט מיינער טו איך אַ סך שאָדן מיין עסטעטישן באַוווסטזיין. איך האָב אָנגעהויבן נאָכצוגעבן און צוצושטימען צו זאַכן און צו מיינונגען, וואָס זענען געווען אַבסאָלוט קעגן מיין אינערלעכער איבערצייגונג. איך האָב געפילט, אַז איך גיי אַלץ מער און מער אַראָפּ פון מיין פעלד, איך האָב אָבער נישט געקאָנט העלפן. דאָס מאָראַלע פאַרדינסט האָט מיר אויסגע-וויזן אַזוי גרויס, אַז עס לוינט זיך אַלץ צוליב אים.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט, איך ווייס נישט צוליב וועלכער סיבה, אַז מיס שערבעל איז נישט געקומען צו די בליטשטיינס אין איינעם פון די געוויינלעכע באַזוך-אָוונטן. דער לאָנדוש איז געשטאַנען ליידיק. עס האָט יעדן איינעם געריפּעט די פראַגע: „וואָס זאָל דאָס באַדייטן? מסתמא נישט אומזיסט!” איך האָב אפילו באַמערקט, ווי אייניקע האָבן אויף מיר

געקוקט, צו לייענען דעם ענטפער אין מיין פנים. ענדלעך האָט זיך מיס ליכטיג געווענדט צו מיר כּלומרשט נאַיוו: „זעט, וואָס איז דער מער היינט מיט מיס שערבעל? איז זי אפשר קראַנק?"

— איר פרעגט מיך? איך האָב עס נאַר־וואָס אייך געוואָלט פרעגן, — האָט זיך מיר אַרויסגעכאַפּט פון מויל. איך האָב אָבער גוט געפילט, אַז איך האָב דערמיט אַ האָר נישט אַראָפּגעוואָרפן דעם פאַרדאַכט, וואָס די לייט האָבן אויף מיר געהאַט.

דעם קומענדיקן זונטיק איז מיס שערבעל געווען די ערשטע באַ די בליטשטיינס. זי האָט געטראָגן אַ ראָז וועסטל, און די האָר אַנדערש פאַרקעמט ווי שטענדיק. די דאָלינע אין שטערן איז כּמעט אינגאַנצן געווען פאַרדעקט מיט ברוין געקרייזלטע לאָקן.

— ווי קומט עס איר זאָלט אָנטון אַ ראָז וועסטל? — האָט מיס פרייד זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. — איר זענט דאָך פון שטענדיק אָן געווען פייער און פלאַם אויף די שרייענדיקע קאָלירן?

מיס שערבעל האָט פאַרביסן די ליפּן. זי האָט, קענטיק, נישט געוואָלט ענטפערן. נאָר, זעענדיק, ווי מיס פרייד נעמט פון איר די אויגן נישט אַראָפּ און וואַרט אויף אַן ענטפער, האָט זי פאַרצויגן איראָניש דאָס מויל און געזאָגט: „וואָס דענקט איר, בלויז איר מעגט בייטן אייערע מיינונגען? איך מעג עס אויך אַמאָל!" און אַ וואָרף טועדיק דעם בליק אירן אין דער וועלט אַריין, האָט זיך יענער אָנגעשלאָגן אָן מיינעם, פאַראורזאַכנדיק אויף ביידע זייטן אַן אומבאַשטימטע פאַר־לעגנהייט.

פון דאַן אָן האָב איך אָנגעהויבן אַ ביסל צוצוקאַרגן מיט מיין טיילנאַמע מיט מיס שערבעל. איך האָב פשוט מורא געהאַט, אַז זי אַליין זאָל עס נישט מיספאַרשטיין, ווי די אַנדערע וויניקער דערפאַרענע פון אונזער קרייז. עס איז פאַר מיר געווען אַ שווערע אויפגאַבע. ערשטנס: האָב איך איר נישט געדאַרפט געבן קיין געלעגנהייט פאַלש צו דענקען, אַז איך האָב אַ וועלכע נייגונג צו איר. צווייטנס: האָב איך זיך געדאַרפט זייער היטן, זי זאָל נישט אויסגעפינען דעם אמת: אַז די גאַנצע טיילנאַמע איז נישט מער ווי אַ רעזולטאַט פון רחמנות אונטער אַ געוויסער פּסי־כאָלאָגישער עקספּערימענטאַציע. און דריטנס: ס'זאָל זיך באַ איר קיין

השר נישט דערוועקן, אז איך טו עס מיט א געוויסן מיין... ווי א סך מענער, וועלכע בראקירן נישט מיט אבי וואס, ס׳זאל נאר זיין לייכטער צו קריגן... איבערהויפט האב איך זי געוואלט פארהיטן פון דעם לעצטן, וואס וואלט איר נידערגעשלאגנקייט נאך א סך טיפער אראפגעזעצט.

דערווייל איז געווארן זומער.

אין די הייסע טעג זענען די וויזיטן בא די בליטשטיינס געווארן שיטערער. מען פלעגט זיך צוזאמענקלייבן איינמאל א וואך, און דאס — פלעגן אויך נישט אלע קומען... מיס שערבעל האט דאס פאר מיר נישט איינמאל באדויערט.

איינמאל, א פארנאכט, גייענדיק אליין אויף א זייטיק שטעגל אין פארק, הער איך, ווי מען רופט מיך באם נאמען. איך האב גלייך דערקענט מיס שערבעלס קול. קעגן מיין ווילן האב איך זיך אומגעדרייט און דערזען זי זיצנדיק אויף א באנק מיט א בוך אין דער האנט.

— וואס זענט איר אזוי פארטראכט? האט זי זיך אפגערופן, צומאכנדיק דאס בוך און אפרוקנדיק זיך א ביסל, צו מאכן פלאץ פאר מיר.

איך האב זיך אוועקגעזעצט, נישט וויסנדיק וואס צו ענטפערן אויף איר פראגע.

זי האט פארשטאנען, אז זי איז דא געגאנגען א ביסל צו ווייט מיט איר פאמיליאריטעט און האט זיך געפונען אין פארלעגנהייט.

איך האב זי דערמוטיקט, אומדירעקט, מיטן ארט פון מיין אדרעסירן זי.

מיר האבן גערעדט איבער פארשידענע זאכן. איר געזיכט האט זיך גענומען פארציען מיט א סימפאטישן מעלאנכאליע-אויסדרוק, און יעדעס וואָרט, וואס זי האט ארויסגערעדט, האט געקלונגען ווי באגלייט מיט אן אונטערטאן פון בענקעניש.

ארום אונז האט גענומען ווערן טונקל.

מיר האבן ביידע געשוויגן. איך האב אנגעהויבן פילן, ווי איר מרה־שחורה הייבט אן צו ווירקן אויף מיר. איך האב זיך אויפגעהויבן און געפרעגט, אויב זי וויל גיין, ווייל איך מוז היינט אוונט נאך זיין אין א געוויסן פלאץ.

— אָ, זיצט נאָך אַ ביסל! — האָט זי מיט אַ פאַרשטיקט, צעשראָקן קול אַרויסגערעדט, — דער אָוונט איז נאָך גרויס. און גלייך האָב איך דערפילט איר קורצע, קאַלטע האַנט, אָננעמענדיק מיינע און ציענדיק מיך צוריק צו דער באַנק.

איך האָב זיך געפונען אין אַן אומאָנגענעמער, נאַרישער לאַגע. איך האָב געפילט, אַז ערגעץ-ווו טיף איבלט מיך עפּעס, אָבער אָנקוקנדיק דעם פאַרצווייפלטן אויסדרוק אין אירע אויגן, האָב איך זיך באַהערשט און אַוועקגעזעצט.

די שטייגנדע פינצטערניש האָט מיין לאַגע אַ סך פאַרלייכטערט. און פילנדיק דעם אומדערוואַרטעטן געניוס, וואָס אַן עלנדע נשמה ווערט דאָ געניסן, בין איך געווען גרייט צו ברענגען אַ קרבן.

איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז מיס שערבעלס לעצטע געלעגנהייט.

נישט זי, נישט איך, האָבן געקאָנט אָנציען אַ לענגערן געשפּרעך. אַלץ האָט אויסגעזעצט נישט אויפן פּלאַץ. די אויגן האָב איך געהאַלטן האַלב צוגעמאַכט, מיט דער אַנדערער העלפט אויך גאַרנישט זעענדיק, נאָר איך האָב געשפּירט, ווי מיס שערבעל רוקט זיך אַלץ נענטער, נענטער צו מיר, ביז איך האָב ענדלעך דערפילט, פּריער דעם אַרבל פון איר שטייף-אָנגעקראָכמאַלעט וועסטל, און דערנאָך, דעם קורצן פולן אָרעם, דריקנדיק זיך צו מיינעם.

אומגליקלעכע, נעבעך! האָט מיר דורכגענומען דורכן האַרץ. מיין קאָפּ האָט זיך אַ קער געטון צעטומלט און אין מיינע אויערן האָט אָפּגעקלונגען אַ קוש, וואָס איז פון מיין מויל אויף איר באַק געפאַלן.

מיר זענען ביידע געוואָרן איבערראַשט פונם קוש. מיינע אויגן האָבן אומרויק און פאַרשעמט געקוקט צו דער ערד.

מיס שערבעל האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון. צוערשט האָט זי געמאַכט אַ מינע, ווי אַריינצופאַלן אין מיינע אָרעמס, אָבער באַמערקנדיק עפּעס אין מיין בליק, איז זי אויפגעשפּרונגען, איר געזיכט האָט זיך מאָדנע פאַרקרימט, און מיט אַ פאַרשטיקט קול האָט זי געשטאַמלט: אַזאַ העזה! אַזאַ באַליידיקונג! איצט פאַרשטיי איך שוין!...״

— „אַנטשולדיקט, — האָב איך זיך פּרובירט פאַרענטפערן, ווען איך בין אַ ביסל צו זיך געקומען. — גלייבט מיר, איך האָב קיין שלעכטס נישט געמיינט... נישט צוליב מיין תאווה ווען...״

אָבער מיס שערבעל האָט זיך געקאַכט און געפּראַוועט שטיק, ווי אַן אמתע קאָקעטקע, ביז זי איז אַריינגעפאַלן אין ספּאַזמעס.

ערשט דאַן האָט אין מיר אַרויסגעפּלאַצט דער אַלטער, איינגעהאַלטענער עקל, און אַז מיין בליק איז געפאַלן אויף דעם אָפּשטויסנדן פּנים מיטן פאַטאַלן שטערן. איז די אומגליקלעכע געשטאַנען פאַר מיר אַזוי האָפענונגסלאָז, אַז איך האָב געמיינט, מיין האַרץ גייט אויס פון רחמנות,

24.

משוגע?

לעצטן זומער האָב איך פאַרבראַכט מיין וואַקאַציע אויף אַ פאַרם, באַם האַדסאָן-ריווער, אַ מייל פינף פונם „משוגעים-אַנשטאַלט פאַר איינגעוואַנדערטע“.

וועגן דעם אַנשטאַלט האָב איך זייער פיל געהערט. איך האָב געוווּסט, אַז עס איז כמעט איינגאַנצן אַ יידישער און באַ דער ערשטער געלעגנהייט בין איך אַהין אַריבערגעפאָרן.

עס איז געווען אַ ברענענדיק הייסער נאָכמיטאָג, ווען איך בין אַהין, מיד פון קלעטערן דעם הויכן באַרג, אָנגעקומען.

די גרויע, שטיינערנע געביידע, מיט אירע דריי צייל'ן פענצטער, איינע איבער די אַנדערע, וועלכע האָבן שטום אַרויסגעקוקט דורך אַ געדיכטער אַלעע צום הימל-פאַריסענע טאָפאָל-ביימער, האָט אויף מיר געוואָרפן אַ שטילע אימה. קיין סימן פון לעבן האָט זיך איבערן גרוימען, גרינעם פּלאַץ, וואָס רינגלט אַרום דאָס הויז מיט די קליינע נעבן-געביידעס, נישט געזען, אויסער דאָס לויזע באַוועגן פון וועלכן איבערגעוואַקסענעם גרעזל, וואָס האָט אין דעם קוים-רירעוודיקן ווינטל נישט געקאָנט האַלטן די גלייכגעוויכט.

אַריינקומענדיק אין „אָפיס“. (וואָס איז געווען אין איינע פון די נעבן-געביידעס) האָט אַ דיקער, אויסגערוטער מאַן מיך באַגריסט מיט אַ פלעגמאַטישן נייג פונם קאָפּ; האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, ווי זיי

וואָלטן געפרעגט: „וואָס פאַרלאַנגט אַ ייד?“ איך האָב מיך פאָרגעשטעלט און אויסגעדריקט מיין ווונטש צו באַקוקן דעם אַנשטאַלט.

— זיצט אַ ווײַלע! — האָט דער דיקער מאַן, דער סופּעראינטענדענט פון אַנשטאַלט, מיט אַ זייער פריינטלעכן טאָן געזאָגט — איך וועל אייך באַלד געבן עמעצן אייך אַלצדינג צו ווייזן.

— דאָס איז זייער אינטערעסאַנטער שטאָף פאַר אַ שרייבער, — האָט ער אַ ווײַלע אַרום צוגעלייגט. דאָס זאָגנדיק, האָט ער מיך אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ.

— יאָ, איך זאָל עס טראַכטן, — האָב איך אויס העפלעכקייט צוגעגעבן.

— און איבערהויפּט פאַר אַ פּסיכאָלאָג. — האָט ער מיך ווידער גענומען מעסטן.

דאָס מיידל, וואָס איז אין אַ ווינקל בײַ אַ שרייב-טיש געזעסן, האָט אַ וואָרף געטון אַ בליק, גלאַט אין דער וועלט אַריין, און געשמייכלט.

עטלעכע מינוטן שפּעטער האָט דער סופּעראינטענדענט אַרויסגענומען פון דער אייזערנער שראַנק אַ דיק בוך, האָט געמישט די בלעטער און מיר באַוויזן די וויכטיקסטע פאַקטן און דאַטעס: ווען דער אַנשטאַלט איז געגרינדעט געוואָרן, און פון וועמען; וויפיל פאַציענטן זיי האָבן אויפגעהאַלטן דאָס ערשטע יאָר, און אַזוי כסדר ביז איצט. איבערהויפּט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּעריאָד פון זיין רעזשים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר די אַלע וויכטיקע רעפאָרמען און אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, מיט וועלכע דער אַנשטאַלט צייכנט זיך איצט אויס, איז איינגאַנצן אים צו פאַרדאַנקען.

איך האָב אויף אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער, וואָס צווייפלט נישט אַ האָר, האָב כלומרשט פאַרצייכנט די דאַטן און האָב זיך רויק צוריק אַוועקגעזעצט בײַם אָפענעם פענצטער.

פון אַ מיטן טיר איז אַריינגעקומען אַ מאַן מיט אַ לעדערנער וואַליזע אין דער האַנט.

דאָס מיידל — ס'איז משמעות געווען די סעקרעטאַרין — איז דעם מאַן העלפט וועגס אַנטקעגנגעקומען, פון אים די וואַליזע איבערגענומען,

זי גענומען צו זיך אויפן שרייבטיש, און גלייך אָנגעהויבן אויספּאַקן פון דאָרט קליינע פּעקלעך פון דער פּאָסט און אַ גאַנצע מאַסע בריוו.

דער מאַן האָט, קיין וואָרט נישט זאָגנדיק, זיך פאַרנומען אויף צוריק, און איז שוין געשטאַנען בײַ דער טיר, פון וועלכער ער איז אַרײַנגעקומען. דאָ איז דעם סופּעראינטענדענטס בליק געפאַלן אויף מיר.

— דאָ וואַרט אַ מאַן — האָט דער סופּעראינטענדענט אים צוריקגערופן — ער וויל באַקוקן אונזער אַנשטאַלט. ווילט איר אַזוי גוט זיין? — —

דער מאַן האָט זיך גלייך אומגעקערט, האָט מיך מיט אַ פּאָר טיפע, שוואַרצע אויגן שטום אָנגעקוקט און איז געבליבן וואַרטן אויף מיר.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער זענען מיר שוין געווען אין דער הויפּטגעביידע.

אין געראַמען גרוי-געפאַרבטן חדר פון דער מענער-אָפּטיילונג, ווו מיר האָבן זיך צוערשט אָפּגעשטעלט, האָבן זיך געפונען אַ פּאָר צענדליק מענער פון פאַרשידענעם עלטער. אייניקע פון זיי זענען אין קליינע גרופּקעס געזעסן אַרום די צוויי לאַנגע טישן, דערציילט, זיך צוגעהערט אָדער אַזוי געזעסן און געקוקט אָן אינטערעס. אַנדערע זענען געזעסן פאַרוויז אויף די זייטיקע בענק און צווישן זיך אין דער שטיל געשמועסט. בײַ איינעם פון די פענצטער איז געשטאַנען אַ הויכע אויסגעקרימטע פיגור פון אַ מאַן אין די פערציקער, ביידע הענט פאַרלייגט אויף הינטער, און מיט דער נאָז אַרומגעפאָרן איבער דער שויב, ווי ער וואָלט אויף דעם פאַרשוויצטן גלאָז עפּעס אויסגעשריבן. איינער, מיט אַ בלאַס אָנגעגאָסן פּנים און אַ פּאָר בלויע רייפן אונטער די אויגן, איז געזעסן אויף אַ ברעג באַנק. דאָס מויל איז אים געווען הפקר-אָפן און זיינע אויגן האָבן אידיאָטיש נאָכגעפאָלגט אַ גרויסע, שוואַרצע פליג, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין דער לופטן. אַן עלטערער ייד איז געזעסן אויף דער ערד, די מאָרדע אָנגעשפּאַרט אויף די קני און צוגעברומט אונטער דער נאָז דעם ניגון פון „איכה”.

בײַ אונזער אַרײַנקומען האָט איינער פון אַ גרופּע, אַ יונגערמאַן מיט אַ פאַרשפּיצטן געלן קאָפּ, זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט איבערן אויער, און מיט אַ הייזעריק קול אויסגעשריגן:

„סטאנאָוויס!" אַ פּאָר האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע פּלעצער, אָפּגעגעבן „טשעסט" און אָנגעשטעלט פּוסטע בליקן.

— אין דעם חדר לאָזט מען אַריין בלויז די רוּיקסטע, — האָט מיין פירער מיר שטיל פאַרטרויט — די מערסטע, וואָס איר זעט דאָ, זענען פון רוסלאַנד. דער גענער, וואָס גיט אייך אָפּ טשעסט, איז כּמעט נאָך אַ גרינער. ער איז אַן אַנטלאָפענער סאָלדאַט. ער האָט זיך איינגעבילדעט, אַז ער דינט נאָך אין „סלוזשבע". די זענען אַלע אומשעדלעך. מען קאָן זיי לאָזן גיין פריי איבער די גאַסן.

פון דאָרט זענען מיר דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן קאָרידאָר און אַריינגעקומען אין אַ גרויסן זאַל, איינגאַנצן אויסגעשטעלט מיט שמאָלע אייזערנע בעטלעך.

— דאָס איז דער האָספּיטאַל. — האָט מיין פירער קורץ באַמערקט.

כּמעט יעדעס בעטל איז געווען פאַרנומען. אייניקע מיט ליגנדיקע, אַנדערע מיט זיצנדיקע פּאַציענטן. אַ פּאָר זענען געלעגן צוגעבונדן מיט רימענט צו די בעטלעך. לעבן איינעם פון די צוגעבונדענע איז, בײַ אונזער אַריינקומען, געשטאַנען אַ באַדינער, אַ געזונטער איירישמאַן, מיט אַ סטראַפּ אין האַנט, קענטיק, אַז ער האָט דעמדאָזיקן אינסטרומענט נאָרוואָס באַנוצט, ווייל דער פּאַציענט אין בעטל איז געווען אין אַ שוידערהאַפטן צושטאַנד. די פּיס און הענט צוזאַמענגעקרעמפּט, די אויגן פאַרלאָפן מיט בלוט, און דאָס מויל פאַרצויגן ווי בײַ אַ ווילדער חיה.

— דער ווילדער „אוראַנג" האָט די רימענס דורכגעביסן און איז געווען שוין באַלד אינדרויסן — האָט דער איירישמאַן געמסורט — נאָר ער האָט געקריגן זיין חלק.

— פון דעם האָבן מיר די גרעסטע צרות, — האָט מיין פירער געזאָגט מיט אַ באַדאַכטן טאָן — עס גייט נישט אַוועק קיין וואָך, ער זאָל נישט אָפּשפּילן עפּעס אַ ניי ספּעקטאַקל.

פון צווייטן עק זאַל האָט זיך מיט אַמאָל געהערט אַ גרילצנדער קוויטש.

— אַ, די קימפּעטאָרין! — האָט מיין פירער אַ שמייכל געטון — אָט דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער טיפּ פון אַ משוגענעם! ער האָט זיך

איינגערעדט, אַז ער איז אַ פרוי און טאָג־טעגלעך גייט ער צו קינד.

דער איירישמאַן איז צוגעגאַנגען צו דער קימפּעטאָרין, האָט אים אַ טאַפּ געטון באַם בויך, גאַרנישט דעליקאַט, אַ צווייטער קוויטש האָט זיך געלאָזט הערן, נאָכדעם אַ שלוכצן, ביז ס'איז געוואָרן שטיל.

פון דאָרט האָבן מיר זיך פאַרנומען אין דער „פרויען־אָפּטיילונג".

מיין פירער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט איינער פון די אויפזעערינס באַם אַריינגאַנג, און איך, נישט באַמערקנדיק דאָס, בין אַריין אַליין.

אַ יונג ווייבל מיט צעשויבערטע האָר איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ „קראַוד", האָט מיך אַ נעם געטון אונטערן אָרעם און גענומען שלעפּן אונטער גרילצנדע קולות: „אָט איז מיין חתן!" אַן עלטערע יידענע האָט אָנגעהויבן שעלטן מיט טויטע קללות, גלאָט אין דער וועלט אַריין, און אַ דריטע, נאָך גאָר אַ יונג מיידל, האָט גענומען טאַנצן אַ „דזשיג" מיט אַזאַ ברען, אַז ווו נאָר אַ סימן פלייש אויף איר, האָט זיך געוואָרפן און געטרייסלט. דאַן האָט זי גענומען רייסן די האָר און בייסן די פינגער פון התלהבות, און ווער ווייסט, ווי וויט זי וואָלט אַזוי געגאַנגען, ווען מיין פירער קומט נישט אָן. ווען זי האָט אים נאָר דערזעען, איז זי אַנטלאָפן און אַ טויט מידע אַנידערגעפאַלן אין אַ ווינקל. די „כלה" האָט זיך קענטיק דערשראָקן פאַר אים. זי האָט גלייך אָפּגעלאָזט מיין אָרעם און אַוועק צו אירע חברטעס.

— אַ מערקווירדיק וועלטל קאָנט איר דאָ זעען — האָט מיין פירער האַלב פאַרטראַכט אין דער שטיל געזאָגט — דאָ קאָנט איר שטודירן די פרוי מיט איר גאַנצער קאָמפּליצירטקייט. דאַכט זיך, די זעלבע קראַנקייט, די זעלבע אומנאָרמאַלע דערשיינונגען, אָבער דאָך כאַראַקטעריסטיש פרויאיש. אין יעדער באַוועגונג, אין יעדער העויה זייערער, פילט איר די קאַצןנאַטור פון דער פרוי. איך זאָג אייך, אַז אַ פרוי טאָר מען נישט גלייבן אפילו משוגענערהייט. גלייבט מיר, איך קען זיי.

די לעצטע ווערטער האָט ער אויסגעצויגן, און איך האָב געפילט דערביי, ווי דער אונטערשלאַק פון זיין טאָן וואָלט זיך אָן עפּעס פאַרטשעפּעט.

ער האָט מיך דורכגעפירט די אַנדערע אָפּטיילונגען, אונטער וועלכע דער „קינדער־וואָרד" האָט אויף מיר געמאַכט דעם טיפסטן איינדרוק.

אַ זייגער פינף זענען מיר שוין געגאַנגען באַרג אַראָפּ, מיטן שמאָלן פוס־וועג, צום שטעטל. מיין פירער האָט באַשטאַנען צו באַגלייטן מיך ביזן דיפּאָ.

דאָס האַרץ איז מיר געווען שווער אָנגעלאָדן. אין מיין מוח האָט געטומלט און די פאַרבע היץ, וואָס האָט געשלאָגן פון זאַמדיקן וועג, האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. איך האָב אַ וואָרט נישט געקאָנט רעדן.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אונטן, בײַם פוס פון באַרג, ווו דער פוס־וועג דרייט זיך אַריין צווישן אַ געדיכטער אַלעע. אַ שוואַך ווינטעלע, וואָס האָט זיך צעוויגט איבער צווייגן און גראָז, האָט אונז דערפרישנד באַגריסט. מיין פירער, וועלכער האָט אויך דעם גאַנצן וועג געשוויגן, האָט זיך האַסטיק אַרומגעקוקט, ווי פון אַ חלום אויפגעכאַפּט, האָבן זיינע אויגן עפּעס געזוכט, האָבן געגלאַנצט מיט אַ מאָדנער שיין, און די ווענט־לעך פון זיינע נאָזלעכער האָבן זיך קאָנוולסיוו באַוועגט. ער האָט נערוועז אָפּגעהוסט, ווי ער וואָלט וועלן ריין מאַכן דעם וועג פאַר זיין קול, איז אָבער דערביי געבליבן.

איך האָב געפילט, אַז איך מוז ברעכן די שטילקייט, אום אַרויס־צוהעלפן מיין קאָמפּאַניאָן פון זיין פאַרלעגנהייט.

— אַ שרעקלעכער טאָג היינט געווען. — האָב איך זיך אָפּגערופן — אוודאי איבער 90 גראַד !

— אוודאי ! — האָט מיין קאָמפּאַניאָן האַלב אין זיך צוגעברומט. זיין קוק, וואָס ער האָט אויף מיר געטון, האָט מיר אָבער קלאָר געזאָגט, אַז ער האָט גוט פאַרשטאַנען די כוונה פון מיין באַמערקונג.

דער געשפּרעך האָט זיך דערמיט געענדיקט.

אַז מיר זענען געקומען נאָענט צום שטעטל און דער דיפּאָ מיט זיין פלאַכן גרינעם דאַך האָט אַרויסגעקוקט פון אַ געפלעכט פון טרעקס, וואָס האָבן געגלאַנצט אונטער די שטראַלן פון דער זון, האָט מיין קאָמ־פּאַניאָן אַרויסגענומען דעם זייגער פון טאַש, געהאַלטן אַ פּאָר סעקונדן פאַר זיך, ווי ער וואָלט עפּעס גערעכנט, און מיט אַן אומזיכערקייט אין קול האָט ער געזאָגט :

— אַ שאָד, די פינף אַ זייגער־טריין האָט איר שוין פאַרשפּע־טיקט, איר וועט דאַרפן וואַרטן גאַנצע צוויי שעה אויף דער נעקסטער.

— נו, וואָס קאָן מען העלפן? — האָב איך געזאָגט — אַז מען דאַרף, דאַרף מען!

— ווייסט איר וואָס? — האָט ער האַסטיק אַ זאָג געטון — לאָמיר דערווייל צוגיין צום וואַסערפאַל. בלויז אַ האַלבע מייל פונדאַנען. ס'איז כּדאַי אָנצוקוקן.

— אדרבא! אויב איר האָט נאָר צייט.

מיר האָבן זיך פאַרקירעוועט מיט אַ זייטיק וועגל, און אין עטלעכע מינוטן אַרום זענען מיר געווען באַם וואַסערפאַל.

פון אַ משופּעדיקן באַרג, שטאַרק באַשאָטנט מיט אַלטע ציפּריסן־ביימער, האָט אַ שמאָל שטראָמל, ווי איבער טרעפּ, געהאַלטן אין איין אַרונטערפאַלן, ביז עס האָט זיך אונטן, טיף, איבער אַ גרויסן פעלז, באַגלייט פון אַ שטאַרקן גערויש, אײַנגאַנצן אין ווייסער שוים צעשלאָגן, און זיך געלאָזט פאַרשלינגען פון אַ רויק־גייענדיק וואַסערל, וואָס האָט זיך ווי אַ נאַסער אָדער געדרייט אַרום קוסטעס און נאַקעטע וואָרצלען פון אַלטע ווערבעס.

מיר זענען געבליבן שטיין אויפן הילצערנעם בריקל, אָנגעשפּאַרט אָן פּאָרענטש, גלייך אַנטקעגן וואַסערפאַל. אַן אָנגענעמע קילקייט האָט געווייעט אונדז אַנטקעגן, און איך האָב געפילט, ווי אַ קרעפטיקונג גייט דורך מיינע עטוואָס אָפּגעשוואַכטע גלידער. ערטערווייז האָט די זון זיך דורכגעשפּאַרט דורך דער געדיכטקייט פון די צווייגן און איז געפאַלן אין גאָלדענע פלעקן איבערן פאַלנדיקן וואַסער. באַ איינעם פון די אייבערשטע שטופן האָט די שוים געשפּריצט ווי מיט צעלאָזט גאָלד און פאַר מיינע אויגן האָט געפינקלט אַ פּראַכט פון נאַטור־שענסטע יוועלן.

מיין קאָמפּאַניאָן האָט דאָסדאָזיקע בילד קענטיק נישט צו שטאַרק אינטערעסירט. אין זיינע באַוועגונגען האָט זיך געשפּירט אַן אומרויקייט. ער האָט אַ פּאָר מאָל דעם זייגער פון קעשענע אַרויסגענומען, און פון זיין קוק בין איך געווען זיכער, אַז ווען איך פרעג אים ווי שפּעט עס איז, וואָלט ער נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב זיך געפילט אַ ביסל געשטערט דורך דעם. די האַרץ־קלעמנדע בילדער, וואָס איך

האָב נישט לאַנג צוריק געזעען אין משוגעים־הויז, האָבן ווי שאָטנס גע־נומען פאַרבייציען אין מיין געדאַנק.

— אַ וווּנדער, — האָב איך גלקלערט בײַ זיך — אַ מענטש, וואָס פאַרברענגט די יאָרן אין אַזאַ סביבה?

— איר וועט זיך אפשר צוזעצן? — האָט מיין קאָמפּאַניאָן מיט עט־וואָס האַסט אַרויסגערעדט — אָט איז אַ פּלאַכער שטיין.

איך האָב אים געטון צוליב, און מיר האָבן זיך געזעצט אויפן שטיין.

מיר זענען געווען בלויז עטלעכע טריט פונם פּלאַץ, ווו דער וואַסער־פאַל מאַכט זיין לעצטן שפּרונג, איבערן פעלז. איבערן געזיכט און די הענט האָב איך געפילט דיניטשקע טראָפּנס, וואָס זענען פון ווייסן שוים אָפּגעשפּרונגען. דאָס גערויש האָב איך דאָ געקאָנט הערן אין זיין יעדן טויזנטחלק טאָן באַזונדער.

— וויפיל קראַפט, וויפיל ענערגיע גייט דאָ פאַרלוירן? — האָט מיין באַגלייטער מיט וואַרעמקייט אויסגערופן — דאָס שטילע, רויקע וואַ־סערל שלינגט איין אין זיך דעם גאַנצן קאָך און גערויש פון פאַרצווייפלטן וואַסערפאַל און גייט זיך מיט דער זעלבער רויקייט ווייטער אַוועק, ווי נישט אים וואָלט מען געמיינט.

איך האָב מיט פאַרוווּנדערונג אָנגעקוקט מיין קאָמפּאַניאָן.

— אַזוי איז דאָס גאַנצע לעבן, — האָט ער אין זעלבן טאָן פאָר־געזעצט — דאָ זעט איר דאָס ווילדסטע שטירצן פון מענטשלעכער פאַרצווייפלונג, דאָ הערט איר די שוידערלעכסטע געוואַלדן פון מענטש־לעכער אויפרעגונג, און דאָרט בלינקען פאַר אייערע אויגן פאַרקריפּלטע לעבנס און שטרעבנס אין די געשטאַלטן פון משוגעים. אָבער דאָס לעבן מיט זיין אומענדלעכן וועבן און ציען פון זיך אַליין אַרויס, שלינגט דאָס אַלץ איין און לאָזט אפילו קיין פּגימה אויף זיך נישט מערקן..

מיינע אויגן האָבן זיך ברייטער אויפגעעפנט, איך האָב געקוקט נייגיריק אויף מיין באַגלייטער.

אין זיין געזיכט האָט אָפּגעשלאָגן אַ שוואַכע רויטקייט. אויף זיין שטערן האָב איך באַמערקט אַ פּאָר שווייס־טראָפּנס.

— איר ווייסט, — האָט ער פאַרשעמט, אין דער שטיל, געזאָגט — איך האָב זיך שוין לאַנג נישט געפילט אַזוי אויפגערירט ווי איצט, און

דאָס האָב איך אייך צו דאַנקען דערפאַר, אייער געגנוואַרט רופט אין מיר אַרויס אַן אָנגענעמע שטימונג.

— עס טוט מיר הנאה, — האָב איך מיט זעלבסטצופרידנהייט געזאָגט, אָבער איך האָב געפילט, אַז ערגעץ טיף אין האַרץ באַאומרויקט מיך עפּעס.

— איז אייך ביז איצט גאָרנישט איינגעפאַלן צו דענקען עפּעס וועגן מיר? — האָט ער פּלוצלינג, מיט אַ פאַרצוקטן אָטעם, אַרויסגערעדט — האָט איר גאָרנישט פאַרדעכטיקט?

איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, און דאָס באַאומרויקטע עפּעס אין מיין האַרץ האָט גענומען אַרויסשווימען פאַר מיינע אויגן.

— איך קאָן אייך אָבער פאַרזיכערן, — האָט ער, כמעט הייזעריק, ווייטער גערעדט, — אַז וואָס מיט מיר זאָל נישט האָבן פּאַסירט, האָט עס אַבסאָלוט נישט געהאַט צו טון מיט מיין גייסטיקן צושטאַנד. איך בין תמיד געווען קלאָר און האָב געוווּסט וואָס איך טו אפילו אין די פאַרצווייפלטסטע מאָמענטן.

ער האָט זיין האַנט אויף מיין קני אַרויפגעלייגט און אַ היפּשע ווייַלע מיר געקוקט אין די אויגן.

— אָט האָט איר דאָך געזעען, אַז מען פאַרלאָזט זיך אויף מיר אין אַנשטאַלט מיט וויכטיקע זאַכן. איך באַזאָרג יעדן טאָג די „מעיל"; איך פּאַס אויף די פּאַציענטן; זאָלן ריכטיק באַהאַנדלט ווערן; איך גיב אַכטונג איבער די אַרבעט אין קיך, אין לאונדרי און די אַנדערע אָפּטיילונגען פון הויז; די דאָקטוירים און דער סופּעראינטענדענט באַציִען זיך צו מיר מיט פולער אַכטונג, גאָרנישט ווי איך וואָלט אַמאָל געווען פאַרשריבן אַלס „פּאַציענט" אין די ביכער פון אַנשטאַלט. זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט געמוזט נעמען צייט, ביז מען האָט אויסגעפונען, אַז איך בין טאַקע נישט משוגע. מער ווי אַ יאָר צייט האָב איך זיך געוואַלגערט אין „וואָרד" מיט לונאַטיקער, מעלאַנכאָליקער און אַלערליי אַנדערע סאָרטן משוגעים, וואָס איר האָט היינט אָנגעקוקט, ווייסנדיק, אַז מיין גייסט איז אַזוי קלאָר ווי ער איז תמיד געווען, ביז ענדלעך האָט מען מיך באַפרייט און ביסלעכווייז זיך מיט מיר גענומען שאַפן, ביז וואַנען איך בין געוואָרן איינער פון די אָנגעשטעלטע אין הויז. נאָר, אויב איר ווילט מיך אויסהערן, וועל

איך אײַך דערצײלן די גאַנצע געשיכטע, וואָס עס האָט מיך אַהערגעבראַכט, און וועל אײַך זײַער דאַנקבאַר זײַן, אויב איר וועט מיר דערנאָך זאָגן אײַער ריכטיקע מיינונג, צי איז דאָס געווען משוגע, אָדער נישט.

— דערצײלט! — האָב איך אים געבעטן, מיט אַ באַהאַלטן געפֿיל פֿון רחמנות. און ער האָט אָנגעהויבן:

2.

איך בין געווען אַ פֿעיקער, געזונטער און קרעפֿטיקער בחור, ווען איך בין אַהער פֿון רוסלאַנד געקומען. בלויז אַכצן יאָר בין איך דאַן אַלט געווען, אָבער מײַן בליק איבער מענטשן און לעבן איז געווען ווי פֿון אַ געזעצטן, דערפֿאַרענעם מענטש.

איך האָב געהאַט אַ גוטע מלאכה אין האַנט (איך בין געווען אַ גאָלדשמיד), און טאַקע באַלד נאָך מײַן אָנקומען האָב איך אָנגעהויבן פֿײַן צו פֿאַרדינען. איך בין נישט געווען קיין צו גרויסער געזעלשאַפֿט מענטש. איך האָב קיינמאָל נישט געזוכט קיין באַקאַנטשאַפֿטן, דאָך האָב איך זיך גיך אַרומגעזעען, אַז איך האָב אַ גרויסע צאָל פֿרײַנט און באַקאַנטע. איבערהויפּט האָב איך געהאַט מזל צו דעם שענערן געשלעכט, צי פֿאַר מײַן גוטן אויסזען — איר קאָנט נאָך איצט זען, אַז איך האָב באַדאַרפֿט זײַן גאָרנישט קיין מיאוס ייִנגל מיט אַ יאָר צען צוריק — צי פֿאַר מײַנע אַנדערע מעלות, אָדער גוטער פּראָפֿעסיע. דאָס ווייס איך נישט, נאָר צווישן אַלע באַקאַנטע פֿון אונזער קרייז, בין איך בײַ די מיידלעך געווען אַ „פֿאַוואָריט". דאָס האָט אָבער ווייניק וואָס געשטערט מײַן וואַכזאַמען באַוווסטזײַן. מײַנע נערוון זענען, ווי פֿון שטאָל געווען, און קיין סענטימענטאַלע הירזשאַ האָט צו זיי נישט געקאָנט צופֿאַלן. איך פֿלעג לאָזן גיין די פֿרײַנטשאַפֿט ביז אַ געוויסן גראַד, און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן צו צייגן אַ געפֿאַר פֿון אַריבערגיין, האָב איך עס גלײַך געבראַכט אונטער קאָנטראָל. געוויינלעך, זענען בײַ מיר אַ צווייטנס געפֿילן שטענדיק געווען טײַער און איך פֿלעג אומגיין מיט גרויס פֿאָרזיכט, זיי אויף אַ האָר נישט צו פֿאַרלעצן.

צו דער זעלבער צייט האָב איך זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן „אויס־צוגרינען". דער ברעג פון מיין אַלטער היים האָט געהאַלטן אין איין פאַרשווינדן פון מיינע אויגן, און מיינע פאַרבינדונגען, וואָס איך האָב געהאַט מיט פריינט און באַקאַנטע אויף יענער זייט ים, זענען געוואָרן אַלץ לויזער און לויזער, ביז איך האָב מיטאַמאָל אָנגעהויבן פילן, אַז איך שטיי מיטביידע פיס אויף דער זייט, און אַז מיין לעבן אין ניו־יאָרק הייבט שוין אָן אַרויסצושפּינען פון זיך אַ פאַרגאַנגענהייט פאַר מיין זכרון און אַ בענקעניש פאַר מיין נשמה. מיט איין וואָרט, דאָס אומנאָר־מאַלע אין אונזער גייסט, וואָס ווערט געשאַפן געוויינלעך דורך נייע אומ־געבונגען, איז אין מיר איינגאַנצן באַזייטיקט געוואָרן, און איך האָב זיך געפילט באַקוועם און צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדן.

פינף יאָר זענען אַזוי אַריבער. פיל וויכטיקע לעקציעס האָט מיר דאָס לעבן פאַר דער צייט געגעבן; די אומצייליקע וואַריאַציעס פון מענטשן־טיפּן, וואָס איך פלעג טאָג־טעגלעך אין די גאַסן פון ניו־יאָרק באַגעגענען; די ביכער און זשורנאַלן; איבער וועלכע איך פלעג וואַכן לאַנגע די אויגן בלענדן, האָבן אין מיר אויסגעבילדעט אַ גאַנץ אייגנאַר־טיקע מענטשן־קענטעניש. יעדעס געזיכט איז פאַר מיר געווען אַ באַזונדע־רע „שטודיע", אין יעדער גרימאַסע האָב איך אַן אַנדערן קאַפּריז פון דער נאַטור דערבליקט, און מיט יעדער נייער באַקאַנטשאַפט, וואָס איך האָב געמאַכט, איז מיר צוגעקומען אַ ניי קאַפּיטל פון דער מענטשן־גע־שיכטע. דאָס לעבן איז פאַר מיר געוואָרן אַזוי פילזייטיק, אַזוי קאָמפּלי־צירט, ביז איך האָב עס אָנגעהויבן ליידנשאַפטלעך צו ליבן...

געוווינט האָב איך די גאַנצע צייט אויף דער „איסט־סייד", אין סאַמע צענטער פון אונזער יידיש וועלטל, אַרומגערינגלט פון נערוועזער טעטיקייט, באַוועגונגען פון אַלע סאָרטן, געזינגען, קלייזלעך, פּאַרטייען און סתם מיטינג־מענטשן פון כל־המינים, וועלכע זענען נישט געוווינט צו גיין שלאָפן פאַר צוויי אַ זייגער אינדערפרי. מיך האָט עס אָבער אויף אַ האָר נישט געאַרט. אדרבא, די פּסיכאָלאָגיע פון דידאָזיקע דערשיינונגען איז פאַר מיר פיל מאָל געווען אינטערעסאַנט, אָפטמאָל אויך אַמוזירנד. מיין אייגענער „איך" איז פאַר מיר דורכדעם פיל אינטערעסאַנטער גע־וואָרן. איך האָב אָנגעהויבן איינצוזעען, אַז אין מיר איז דאָ עפּעס אָרי־גינעלס, עפּעס אַזוינס, וואָס האַלט מיך תמיד אָן אַ זייט פון דעם אומ־

רויקן, אומגעדולדיקן כלל־לעבן. איך האָב זיך באַטראַכט ווי אין אַ שפּיגל, אויף וועלכן עס שלאָגט זיך אָפּ דאָס גאַנצע אַרומיקע לעבן, אָבער אָן וועלכן קיין האָר פֿון דעם קאָן זיך נישט צוקלעבן.

דאָ האָט ער געמאַכט אַ קורצע פּויזע. זיין בליק האָט זיך פֿאַרגאָפּט מיט אַ קאַלטן גלאַנץ. ער האָט אומבאַוווּסט אַרויסגענומען דאָס זייגערל פֿון קעשענע, עס צוגעטראָגן העלפֿט־וועגס צום האַרץ און האָט, נישט גע־ענטפֿערהייט, עס צוריק געבראַכט אויפֿן פּלאַץ.

— יאָ, — האָט ער באַלד ווייטער אָנגעהויבן — אָט אַזוי האָט זיך עס דאַן געלעבט. אין האַרץ אַ רויקייט, אין מוח אַ קלאָרקייט, מיט וועלכער די גרעסטע פֿילאָזאָפֿן וואָלטן זיך נישט געמעגט שעמען.

דאַן זענען מיטאַמאָל אָנגעקומען די אומדערבאַרמלעכע היצן פֿון זומער... די לופֿט אין דער גרויסער שטאָט, און איבערהויפּט דאַון־טאַון, איז פּשוט געווען נישט איבערצוטראָגן. צענדליקער מענטשן זענען יעדן טאָג געפֿאַלן פֿון דער היץ. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרלאָזן די שטאָט, האָט עס געטון גאָר אָן ישוב הדעת. מען איז געלאָפֿן ווי פֿון אַ מגפֿה. איך האָב גענומען אַ מאָנאַט „וואַקיישאָן" און אַוועקגע־פֿאָרן אין די קעצקיל־בערג.

דאָס איז געווען מיין ערשטער וואַקיישאָן.

איך קאָן אייך דעם איינדרוק נישט שילדערן, וואָס די בערגיקע לאַנדשאַפֿט און די פֿרישע לופֿט האָט אויף מיר געמאַכט. אַ פֿרישער שטראָם לעבן האָט מיך פּלוצלינג אַ שלעפּ געטון. פֿון דער זאַפֿטיקער גרינקייט אַרום האָט געשלאָגן אַן אָטעם פֿון אייביקער יוגנט. די זון האָט אין איר גאַנצן באַוווּסטזיין זיך צעגאָסן אין שיין און ליבלעכער וואַרעמ־קייט איבער אַלץ וואָס לעבט און וואַקסט אונטער דעם בלוי־געוועלבטן הימל־דאַך. דאָ בלישטשעט אַ קוואַלעכל פֿון אירע שטראַלן, דאָרט באָדן זיך פֿייגעלעך אין וואַרעמען זאַמד פֿונם ברייטן שליאַך, און דאָרט קומט אַ פֿאַרמער־מיידל מיט אַ ברייטן געקעסטלטן „זון־באָנעט" אויפֿן קאָפּ, מיט אַ פּאָר געראָיטלטע פֿרישע באַקן, טראָגנדיק אַ פֿול קאָשיקל מיט פֿריש־אָנגעקליבענע יאַגדעס.

דאָס פֿאַרם־הויז, וווּ איך האָב געוווינט, איז געשטאַנען אויפֿן קאַרק פֿון גאָר אַ היפּש בערגל, וועמענס רונדע פֿלייצעס האָבן אינגאַנצן פֿאַר־שטעלט דעם „ווילעדזש", וואָס איז אונטער אים צופֿיסנס אין טאָל געלעגן.

אַקעגן האָט זיך געצויגן וואָלקן-הויך די שווערע קייט פון די טשאַנגגונק-בערג מיט זייער טיף גרינער וואַלדיקער...
ער האָט פלוצלינג אָפּגעהאַקט.
ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער. זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט פאַרדראָס און אומרו.
— איך מוז זיך נישט פאַרנעמען אַזוי ברייט — האָט ער נערוועז געזאָגט — איך מוז קומען צום עיקר.
און נאָך אַ לייכט אָפּזיפצן האָט ער ווידער אָנגעהויבן:
מיר זענען געווען אינגאַנצן פינף „באָרדערס" אויפן פאַרם. אויסער מיר איז דאָרט געווען אַן עלטערע פרוי, אַ געוויסע מרס. צוקערמאַן, מיט צוויי דערוואַקסענע קינדער, איינס אַ יונג ווייבל, דאָס צווייטע אַ יינגל פון אַ יאָר 14, און אַ יונגערמאַן, וואָס איז געקומען זיך דערהאָלן נאָך אַן אָפּעראַציע.
ווי איר קאָנט פאַרשטיין, איז דאָס לעבן אין הויז פאַר מיר געווען נישט צו אָנציִענד, האָבנדיק אַרום זיך אַזאַ פּרעכטיקן דרויסן. אַזוי גיך ווי איך פלעג פאַרטיק ווערן באַם טיש, האָט מען מיך שוין דאָרט נישט געזען. שעהן לאַנג פלעג איך אַרומקלעטערן אויף די בערג, בראָדיען איבער גראָז און שטיינער און שעפּן פולע לונגען די געווירצטע לופט פון די פעלדער און לאַנקעס. אַמאָל פלעג איך אויך מיטנעמען דאָס יינגל, וועלכעס האָט זיך מאָדנע געקלעבט צו מיר, און אַמאָל פלעגט אונז אויך באַגלייטן דאָס יונגע ווייבל.
דאָס גערויש פון לעבן, דער טומל פון דער גרויסער שטאָט, האָט ווי אַ קוים הערבאַרער עכאָ זיך געטראָגן פון דער האַלב-פאַרשווונדענער ווייטקייט. איבערהויפּט האָט דאָס לעבן געקריגן פאַר מיר אַ פּנים פון נייקייט, פון פרישקייט, און די גרעסטע טייל פון מיין איך מיט זיין גאַנצער דערפאַרונג און לעבנס-קענטניש, איז אין מיר אינגאַנצן אייגגע-שרומפּן געוואָרן, און געבליבן איז בלויז דאָס קינד מיטן קינדערישן אומ-שולדיקן בליק. ווי אַ זאָרגלאָז יינגל בין איך געשפּרונגען איבער דעם שמאָלן טייכל, באַם וואַלד, ווי בין הזמנים אין די חדר-יאָרן, און באַם קלויבן די יאַגדעס האָט זיך מיין גאַנצע ענערגיע און אינטעלעקט צוזאַ-מענגעקאָרטשעט אין ווייסן קריגל, וואָס פלעגט ווערן אַלץ פולער און פולער דורך מיין פלייסיקער אַרבעט.

אויפֿן פֿינפֿטן טאָג פֿון מיין זיין דאָרט, בין איך נאָך מיטאָג אַוועק קיין נ., אַ מייל פֿיר פֿון אונזער פֿאַרם, אָנצוקוקן די באַרימטע „סטייט פֿעני טענטשערי".

צוריקקומענדיק נאָך סאַפּער, האָב איך באַמערקט אין הויז אַ שטיקל אומאָרדנונג. אין „סיטינג־רום" איז געשטאַנען אַ נייער „טראָנק". דער באַלעבאָס האָט פֿאַרשמייעט געטראָגן בעטגעוואַנט אויבן אויפֿן צווייטן עטאַזש. די באַלעבאָסטע האָט געטראָגן אַ קרוג מיט וואַסער און אַ שיסל צום איינוואַשן, און די באָרדערס האָבן אויסגעזעען נישט אין דער ריכ־טיקער שטימונג. אַז איך האָב מיך געזעצט באַם סאַפּער, וואָס האָט אויף מיר געוואַרט אויפֿן טיש, איז צוגעקומען דאָס יונגע ווייבל און מיר פֿאַר־טרויט אַ סוד: „איך פֿאַרגין עס אייך גאָרנישט", האָט זי שטיל געזאָגט, „מיר האָבן צוגעקריגן אַ נייע באָרדערקע, אַ מיידל, אָבער שוין איין מאָל אַ מיידל! אויב איר וועט פֿאַר איר די כּפּרה נישט ווערן, זייט איר גאָר קיין מאַנסביל נישט". דערביי האָט זי נישט פֿאַרגינעריש די ליפּן אין אַ שמייכל פֿאַרצויגן.

אַ שעה שפּעטער, זיצנדיק אויף דער וועראַנדע, פֿאַרטראַכט איבער איך ווייס אַליין נישט וואָס, דערהער איך מיט אַמאָל די שווערע טריט פֿונם פֿאַרמער, באַגלייט פֿון אַ לייכטן, געשיקטן פֿרויען־טריט, און איי־דער איך האָב צייט געהאַט אַרומצוקוקן זיך, האָט אין דעם פֿאַרזשמורעטן שיין פֿון לאָמפּ, וואָס איז איבער דער טיר געהאָנגען, אויף מיר אַ בליץ געטון אַ קוק פֿון אַ פּאָר שוואַרצע פֿייערדיקע אויגן, און אַ שלאַנקע, פּרעכטיק־געפֿאָרמטע פֿיגור פֿון אַ יונג מיידל איז לעבן מיר גע־שטאַנען.

דער פֿאַרמער האָט אונז פֿאָרגעשטעלט: מר. דינאָוו — מיס פֿעלד־מאַן. ער האָט דערציילט גרויסע גבֿורות פֿון זיין פֿערד, ווי עס איז אַרויף דעם באַרג, ווי אַ בליץ, אַריבעריאָגנדיק דעם ברויגעם „טיעם" פֿון דער „פֿאַונטען־האַוז", אָבער נישט געפֿינענדיק קיין דערמוטיקונג אין גע־שפּרעך פֿון מיין זייט, איז ער אַוועק דעם וואָגן אין שייער צוריינ־צונעמען.

מיס פֿעלדמאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט אין „ראָקינג־טשער". וואָס איז צו מיין לינקער זייט געשטאַנען, האָט זיך לאַנגזאַם געוויגט און גע־טוליעט אין שאַל, וועלכן זי האָט פֿאַרוואָרפֿן אויף די שולטערס. די

שטול האָט זאַכט געסקריפּעט, און צווישן איין סקריפּ און דעם צווייטן האָב איך געקאָנט הערן איר פעסטן אָטעם.

מיין בליק האָט זיך געגנבעט אַרום איר, איז געשפּרונגען פון איין טייל קערפּער צו אַ צווייטן און האָט זיך ענדלעך איינגעגעסן אין איר געזיכט, כאָטש נישט אָפּצורייסן.

איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. איך! איך האָב געפילט, אַז איך האָב פאַרלוירן די גאַנצע קאָנטראָל איבער זיך. איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם מיידלס רייד און האָב געפילט, ווי דאָס בלוט איז מיר אַריין אין האַרץ פאַר שאַנדע.

מיר זענען אַזוי אָפּגעזעסן אַ היפּשע צייט. זי האָט זיך אַלץ געוויגט און פון צייט-צו-צייט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל.

אין מיר האָט זיך צעשפּרייט אַ מאָדנע אומרויקייט, אויסגעמישט מיט בענקשאַפט און קלעמעניש. איך האָב געוווסט, אַז דאָס זענען די סימפּטאָמען פון ליבע.

— עס ווערט זייער קיל — האָב איך מיטאַמאָל איר שטימע דערהערט. דערביי האָט זי זיך אויפגעשטעלט, האָט זיך מיט פיל חן פאַרנייגט און געזאָגט: „גוד נייט, מיסטער דינאָוו!“

— גוד נייט! — האָב איך געענטפערט, ווי פון אַ חלום אויפגעכאַפּט, — גוד נייט!

איך בין געבליבן זיצן אַ צעטומלטער אויף מיין פּלאַץ.

איך האָב די גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט איינשלאָפן.

אַזוי שנעל, ווי עס איז געוואָרן טאָג, בין איך אויפגעשטאַנען און אַוועק אויף אַ לאַנגן שפּאַציר דורכן וואַלד, וואָס ציט זיך אַוועק ווייט הינטער דער פאַרם. איך בין געגאַנגען און געטענהט מיט זיך אַליין; געפאָדערט רעכענונג פון זיך, און דאַן, ווידער זיך מישב געווען מיט מיר אַליין, ווי איך זאָל דאָוויישער האַנדלען, ווען איך וועל זיך ווידער טרעפן מיט מיס פעלדמאַן.

די זון איז נאָר-וואָס אַריבערגעגאַנגען פון יענער זייט באַרג און האָט מיטאַמאָל באַגאָסן דאָס אויסגעשפּרייטע פעלד מיט אַ גאָלדענער ליכט. די ווייסע קליאַטשע, מיט די אַרויסגעסטאַרטשעטע ביינער, וואָס האָט זיך געפּיטערט לעבן אַ קוסט באַם טייכל, האָט געקריגן אַ העל-

ראָזע קאָליר. טוי-טראָפּנס האָבן מיט פּערלדיקע אייגלעך אַרויסגעקוקט פֿון זייערע גראָזיקע געלעגערס, און אַ געווירצטער ריח האָט זיך געטראָגן פֿונם אָפּגעשניטענעם היי, און האָט געוועקט אין מיין נשמה פֿאַרשלאָפֿענע קינדערישע געפֿילן, די לופֿט, האָט זיך מיר געדאַכט, איז פֿול מיט אויגן, גרויסע, ליכטיקע, ווי מיט פֿעלדמאַנס און די ליבלעכע קאָנטורן פֿון איר געזיכט האָבן זיך איינגעפֿרעגט אין דער טיפֿער בלויקייט פֿון מאָרגן-הימל.

אין אַזאַ פֿאַרחלומטן צושטאַנד האָבן מיך די פֿיס געבראַכט צוריק צום פֿאַרם, פּונקט ווען דאָס גלעקל האָט גערופֿן קלינגען פֿאַר פֿרישטיק.

— איר האָט פֿאַרשפּעטיקט די מילך! — האָט דאָס ווייבל כּלומרשט ערנסט געזאָגט, אָבער דער צוריקגעהאַלטענער שמייכל אויף אירע ליפּן האָט מיר קלאָר געזאָגט, אַז זי פֿאַרשטייט, ווו עס האַלט מיט מיר.

— איך דאַנק אייך פֿאַר די גוטע אויפֿפּאַסונג — האָב איך האַלב איראָניש געענטפֿערט.

זי האָט עס צוגענומען מיט אַ זויערע מינע און גלייך באַהאַלטן איר נייגיריקייט בײַ זיך אין האַרץ.

אַז איך האָב דערזעען מיס פֿעלדמאַן אין פֿולן ליכט פֿון טאָג, איז מיין אַנטציקונג נאָך פֿיל מער געשטיגן. אינם ברוינלעכן קאָליר פֿון איר לייב איז געווען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט מיין בליק פֿאַרווירט מיט אַ צויבערהאַפֿטן שווינדל. פֿון איר שלאַנקן ווייכן האַלז, וואָס איז פֿאַרנט געווען אויסגעבלויזט כּמעט ביז דער ברוסט, האָט געווייעט אַ צאַרטע וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך געלייגט ווי סאַמעט אויף מיין האַרץ, און אין די אויגן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט איר האַרץ און נשמה מיט זייער גאַנצער שיינקייט און ריינקייט.

איך האָב נאָך קיינמאָל פֿריער נישט געזעען אַ פּנים, וואָס זאָל טראָגן אויף זיך דאָס גאַנצע אינערלעכע וועזן פֿון זיין אייגנטימער ווי אירס. אַ קינדישער ערנסט און אימפּעט האָט זיך געטראָגן פֿון איר לויטער-קלינגענדן קול, און די באַוועגונגען פֿון איר קערפּער האָבן גע-צייגט אויף אַ פֿרישן, וואַרעמען טעמפּעראַמענט.

זי האָט מיך באַגעגנט אויף דער וועראַנדע מיט אַ האַרציקן „גוד מאָרנינג!” האָט באַוווּנדערט דעם שיינעם פֿרימאָרגן און האָט זיך אַליין

פאַרשפּראָכן אָנצוהייבן אויפצושטיין יעדן טאָג פרי, כדי צו קאָנען שפּאַצירן פאַר פרישטיק.

מיין קלאָרער גייסט האָט מיך שנעל באַהערשט. איך האָב מיינע אויפגערודערטע געפילן פאַרשאַרט אָן א זייט, און האָב מיט איר גערעדט ווי עס פּאַסט זיך בײַ נייער באַקאַנטשאַפט.

מיר זענען צוזאַמען אַריין און געזעצט זיך איינס קעגן אַנדערן בײַם טיש.

נאָך מיטאָג זענען מיר ביידע אַוועק קלויבן יאַגדעס, און ווען מיר זענען צוריקגעקומען צו סאַפּער, זענען אונזערע ביידנס הערצער אַזוי נאָענט געווען איינס צום אַנדערן, ווי זיי וואָלטן פון קינדווייז אָן צוזאַמען געוואַקסן.

די אויפמערקזאַמע בליקן פון די באָרדערס, דאָס יינגל אויך אַריינגערעכנט, איבערהויפּט דאָס שטענדיקע נאָכשפּיאָנירן פון זיין שוועסטער, איז מיט פעלדמאַן געוואָרן זייער איבערדריסיק, נאָך מער ווי מיר אַליין. מיר האָבן באַשלאָסן צו בייטן אונזער פּלאַץ, און אַזוי שנעל ווי איר וואַך האָט זיך געענדיקט, זענען מיר אַוועקגעפאָרן אין א גאַנץ אַנדערער טייל פון די בערג, לעבן האַנטער, וווּ מיר האָבן ביידע דורכגעלעבט די שענסטע טעג פון אונזער לעבן.

ער האָט טיף אָפּגעזיפצט. ער האָט געוואָלט אַ קוק טון, ווי שפּעט עס איז, נאָר זיין האַנט איז געבליבן הענגען מיט איין פינגער אין וועסטקעשענע.

ער האָט ווייטער אָנגעהויבן:

— — — — — — — — —

צוריק קיין ניו־יאָרק זענען מיר געקומען מאַן און ווייב. מיר האָבן זיך געדונגען א קליינע דירה אין א שטילער געגנט אַפּ־טאַון, איינגעקויפט באַלעבאַטישקייט און אויסגעריכט א הויז נאָך אונזערע אומשטענדן, מיטן שענסטן געשמאַק. מיט דעם האָב איך זיך פאַרלאָזט אינגאַנצן אויף פענין (אַזוי האָט מיין פרוי געהייסן), אויסער די בוק־קייס, וואָס איך האָב אויסגעקליבן.

די ערשטע פּאָר חדשים איז אונזער הויז געווען א נעסט פון פריילעכקייט. זונטיקס, און געוויסע אָוונטן אין מיטן וואָך, פלעגן צוזאַמענקו־

מען באַ אונז מיינע און אירע פריינט (זי האָט געהאַט וויניק), און פֿאַרברענגען זייער אָנגענעמע שעהן.

מיין האַרץ פֿלעגט אָנקוועלן צו זעען פֿעניס אומגעקינצלטע האַלטונג. קיין פֿאַרשטעלטקייט, קיין סימן פון הינטער-מיין אָדער פֿאַרזיכט איז נישט געווען צו מערקן אין איר האַרציקן, אָנטיילנעמענדן טאָן. אַז אַלע פֿלעגן זיך צעגיין, אַמאָל שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, פֿלעגט זי זיך נאָך נישט פֿאַרגינען צו גיין שלאָפֿן. זי פֿלעגט קאָנען צפּהאַלטן מיך שעהן לאַנג מיט אירע ליבלעכע פֿלוידערייען און צערטלעכער איבערגעבונג.

פון דעם אַלץ האָט מיין ברייטער בליק איבער דער וועלט, מיין אַלטע דערפֿאַרונג מיט מענטשן און מיין איינגעבוירענע אייגנזיניקייט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פֿילן זיך איינגעקלעמט, ווי דאָס פֿייגעלע אין דער גאָלדענער שטייג. די פֿיר אויסגעפּוצטע צימערלעך האָבן געבילדעט אַ קרייז אַרום מיין פֿרייער, ברייטער וועלט-אָנשויונג, און מיין שיין, יונג ווייבל איז געוואָרן דער איינציקער מאַגנעט-פּאָל, וואָס האָט געצויגן אַלע מיינע געפֿילן און געדאַנקען צו זיך, נישט לאָזנדיק זיי גיין זייער פֿרייען וועג.

אין דער ערשטער צייט האָב איך זיך געפֿילט גליקלעך דערמיט, וואָס איך קאָן צאָלן אַזוי טייער פֿאַר מיין ליבע. פֿיל מאָל האָב איך געגלייבט, אַז איך האַנדל נאָך אַ מציאה, און בין געווען גרייט אָוועקצוגעבן נאָך מער וויפֿיל איך פֿאַרמאָג, אַבי צופֿרידנשטעלן פֿעניס ווונטש אָדער אַ קינדעריש קאַפּריזל. אָבער מיט דער צייט האָט דערדאָזיקער צושטאַנד זיך גענומען אָפּצוזעצן. אין מיינע געדאַנקען האָט זיך צוריק אויסגעבילדעט די גלייכגעוויכט, וואָס איז פון תמיד אָן געווען דער לייט-מאָטיוו פון מיין גייסטיקן לעבן. איך האָב אָנגעהויבן קלערער אויסצורעכענען, וויפֿיל איך מעג איבערלאָזן אויף מיינס; וויפֿיל יעדער ווונטש און קאַפּריז אירער איז ווירקלעך ווערט. איך האָב אָנגעהויבן איינזעען, אַז מיטן נאָכגעבן, האַנדל איך, נישט נאָר נישט ריכטיק צו זיך אַליין, נאָר אויך פֿאַרשטעלט און נישט אָפּנהאַרציק צו מיין פֿרוי. איך האָב גענומען אויפֿקלערן זי, אַרגומענטירן מיט איר, ווען זי פֿלעגט זיך אומגערעכט איבער עפּעס איינשפּאַרן; צייגן אָפּטמאָל ווי אומגערעכט זי איז און צייטנווייז זי אויך בלאַמירן פֿאַר איר היציקן טעמפּעראַמענט. און אַז

זי פלעגט נישט געפינען, וואָס צו ענטפערן, פלעגט זי קינדעריש אַרומבעמען מיין האַלז מיט אירע וואַרעמע הענטלעך, איינפרעסן אַ קוש אויף מיינע ליפן און מיט אַ פאַרפּעשטשעטע מינע זאָגן: „דו ווערסט קאַלט צו מיר, דו הייבסט שוין אָן צו זוכן חסרונות אויף מיר“, און טאַקע אַמאָל זיך אויך צעוויינען.

אַזוי איז זיך דאָס לעבן געגאַנגען זיין וועג.

די באַזוכן בײַ אונז האָבן אָנגעהויבן ווערן שיטערער. עס פלעגט שוין פּאַסירן, אַז מיר זענען בײדע אָפּגעזעסן זונטיקס אין הויז און קיינער איז נישט געקומען. פעני האָט באַשולדיקט מיך אין דעם. זי האָט געזאָגט: ווייל איך וויל צו קיינעם נישט גיין, הערן אַלע אויף צו קומען צו אונז. איך האָב איר דערקלערט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איך קאָן עס נישט טון; איך האָב אויסגערעכנט אַלע אונזערע פאַרהייראַטע באַקאַנטע און זי איבערצייגט, אַז עס איז פאַר מיר פּשוט אוממעגלעך צו שפּילן זיך מיט זיי אין וויזיטן. איך קאָן עס נישט און גענוג!

האָב איך געזוכט זי צו פאַראינטערעסירן מיט ביכער, פאָרלעזן פאַר איר, דערקלערן איר וועלכן עס איז געדאַנק, האָב איך איינגעזען, אַז זי איז פאַר דעם נישט געבוירן.

די נאַטור האָט זי באַשאַפן אַן אמתע פרוי, און כאָטש זי האָט באַזעסן אַ סך מעלות, האָט זי דאָך געהאַט אויך אַ ביסל חסרונות, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פרויאיש. איינער פון אירע הויפּט-חסרונות איז געווען דאָס נישט קאָנען באַהערשן זיך; צו לאָזן דאָס האַרץ מיטן געזיכט, דעם געדאַנק מיט דער צונג ווירקן אין דער זעלבער צייט. אמת, אין אָנפאַנג פון אונזער באַקאַנטשאַפט איז דאָס געווען איינער פון די הויפּט-אָנציִענדע שטריכן אין איר כאַראַקטער. עס האָט איר צוגעגעבן זייער פיל חן דאַן, אָבער צוקוקנדיק און צוהערנדיק דאָס טאָג איין, טאָג אויס, האָט עס אָנגעהויבן ווירקן אויף מיינע נערוון.

— וואָס ביסטו אַזוי האַסטיק? — פלעג איך זיך בײַ איר פיל מאָל בעטן. — פאַרוואָס זאָלסטו פריער נישט באַטראַכטן דאָס, וואָס דו גייסט זאָגן? מילא, פאַר מיר אַרט מיך נישט, איך ווייס, אַז דיין האַרץ איז גוט און ריין און דו מיינסט קיין רשעות נישט, אָבער פרעמדע? זיי קאָנען עס שלעכט אויסטייטשן, זיי קאָנען זיך געפינען באַליידיקט.

אמאָל פּלעגט זי אויסהערן מיין מוסר מיט אַ באַדאַכטער מינע, אָבער מערסטנטיילס האָט זי דאָס שטאַרק פאַרדראָסן.

— אַזוי בין איך און אַנדערש קאָן איך נישט! — פלעגט זי אויס־רופן מיט אימפּעט און מיר צוואַרפן אַ נערוועזן בליק.

איך פלעג עס צונעמען קאַלט, סטאָיש, אַמאָל אויך מיט אַ גוט־מוטיקן שמייכל, אָבער איך פלעג פילן, אַז עס גיט מיר ווי אַ קראַץ אויף די נערוון.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז איך האָב נישט געקאָנט קומען אַהיים אין צייט. גייענדיק פון דער אַרבעט, האָב איך אָנגעטראָפן אַ לאַנדס־מאַן, וועלכער האָט געהאַט עפּעס אַ צרה, איך האָב געמוזט גיין מיט אים אַרויסצוהעלפן אים.

ווען איך בין געקומען אַהיים, איז שוין געווען אַ זייגער צען. דער סאַפּער האָט געוואַרט אויף מיר אויפן טיש. דאָס פאַרלאַר־צימער, וועל־כעס איז אויך געווען מיין „לייברערי״, איז געווען אין גרויס אומאָרדנונג. אַ פּאָר ביכער זענען געלעגן אויפן דיל, און בריוו און פּאַפּירן זענען געווען צעשאָטן איבערן שרייבטיש. דער בעד־רום איז געווען אָפן. איך בין געבליבן שטיין פאַרוווּנדערט: וואָס האָט דאָ געקאָנט פּאַסירן? ווי האָט זי געקאָנט אַוועקגיין? און דער אומאָרדנונג אויפן שרייבטיש און די ביכער אויפן דיל?! איך האָב אַלץ צוזאַמענגעקליבן, געקלערט אַהין, געקלערט אַהער, ביז איך האָב זיך דערמאַנט, אַז איך בין הונגעריק און האָב זיך אַוועקגעזעצט עסן.

איך האָב קוים דעם ערשטן ביס געטון, ווי מיטאַמאָל הער איך אַ קרעכץ פון בעד־רום. איך לויף צו און געפין מיין פרוי ליגנדיק אין דער ברייט פון בעט, צופוסנס, מיט אַ נאַס טוך איבערן קאָפּ.

— פעני! — האָב איך אַ דערשראָקענער אויסגעשריגן — וואָס האָט דאָ געטראָפן? וואָס איז מיט דיר?

אַ ווײַלע האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט אַ פינקלענדיקן נאַסן בליק, דערנאָך איז זי אַרויס מיט איר האַסטיקן טאָן.

— וואָס איז, דיך אַרט עפּעס פאַר מיר?! שלעפּסט זיך אַוועק אויף אַ גאַנצער נאַכט, כאָטש גיי דאָ אויס איינע אַליין.

עס האָט מיר אויפגעקאָכט אין האַרץ. איך האָב זיך קוים געקאָנט באַהערשן.

— דו ווייסט, אַז דו זאָגסט נישט דעם אמת — האָב איך מיט אַ געמאַכטער רויקייט געזאָגט — עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין געקומען שפּעט. אָבער זאָג מיר, וואָס איז דיר? פֿילסט דיך נישט גוט?

איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט צו פילן איר שטערן.

— לאָז מיך אָפּ! — האָט זי אַ געשריי געטון מיט רציחה און האָט מיין האַנט אָפּגעשטויסן פון זיך.

עס האָט מיר גענומען טומלען אין קאָפּ. פאַר דעם ערשטן מאָל, זינט איך האָב זיך אַליין געקענט, איז דאָס בלוט אין מיר אַזוי הייס געוועזן. איך האָב געפילט, אַז איך מוז עפּעס טון מיין אויפרעגונג איינצושטילן. איך האָב אַ נעם געטון דאָס גלאָז וואַסער, וואָס איז אויף דער שטול לעבן איר געשטאַנען און — אַ זעץ אָן דער ערד.

מיר איז נאָך דעם גלייך לייכטער געוואָרן, פּונקט ווי מען וואָלט מיר אָן אָדער געעפנט. מיין פרוי איז געוואָרן בלאַס. אירע אויגן זענען געוואָרן פול מיט שרעק, האָט זיך היסטעריש צעכליפּעט — און אין אַ האַלבע שעה אַרום איז זי געלעגן מיט ביידע אָרעמס אַרום מיין האַלז און מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן צו פאַרגעסן דעם היינטיקן אָוונט. זי האָט זיך פאַרשווירן, פון היינט אָן און ווייטער צו באַהערשן איר „פריקליאַטע" נאַטור.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן מיר נאָך דעם ביידע געפילט זייער מאָדנע. זי האָט זיך געפילט שולדיק קעגן מיר, און האָט עס אַרויסגעצייכנט מיט איר יעדן בליק — און איך האָב זיך געפילט ווי אַ גראַניעטער, וואָס איז נישט ווילנדיקערהייט פון די הענט פון אַ געליבטן פאַרוואונדעט געוואָרן.

איך האָב מער געפילט פעניס ווייטיק, פאַרן פאַראורזאַכן מיר די וואונד, ווי מיין וואונד אַליין. „זי האָט עס נישט געמיינט", האָב איך מיט רחמנות געקלערט, „איר האַסטיקע נאַטור!"

דאָס לעבן האָט זיך ווידער איינגעאָרדנט.

עס איז געקומען זומער.

כמעט יעדן אָוונט פלעגן מיר אין פאַרק אַרומטערגיין שפּאַצירן שעהן לאַנג, ווי נאַר-וואָס פאַרליבטע, פלוידערן, ווי קינדער, איבער אַלץ, וואָס איז צו דער האַנט געקומען. געווייגלעך פלעגט אויף איר חלק צופאַלן די גרעסטע טייל רייד. זי פלעגט זיך אָפּט אַזוי „פּאָסמאַקעווען"

מיט דעם, אַז מיר פלעגט אמת הנאה טון. טיף אין האַרץ בין איך געווען שטאָלץ אויף איר וואַרעמע אויפריכטיקייט און זיך אָפט געשעצט גליק־לעך דערמיט.

אַרויסגייענדיק אינאַווט פון פּאַרק האָבן אונז אָנגעטראָפן די העלערס, איינע פון אונזערע בעסטע באַקאַנטע, וועלכע מיר האָבן שוין אַ לאַנגע צייט נישט געזעען. מיין פרוי האָט פאָרגעשלאָגן צו באַגלייטן זיי צום קאַר (זיי האָבן געוווינט דאַון־טאַון). זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יעדער איז געווען צופרידן מיטן פאָרשלאַג. מר. העלער און איך זענען געגאַנגען פאָרויס און די ווייבלעך זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן. אַז מיר זענען צוגעקומען צום קאַר, האָבן מיר אַ היפּשע צייט געדאַרפט וואַרטן ביז פעני און מרס. העלער זענען מיט זייער אינטימען געשפרעך פאַרטיק געוואָרן. זיי האָבן גערעדט אין דער שטיל און, קענטיק, זייער פאַראינטערעסירט.

אַרויפגייענדיק אויפן קאַר, האָט מרס. העלער צו מיר אויסגערופן מיט אַ זייער אויפגעמונטערטן טאָן:

— פּאַסט זי גוט אויף! איר ווייסט דאָך, די בריות, זיי וואָלטן זייער גאַנץ לעבן אין הויז אַריינגעלייגט.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען אַ האָר, וואָס זי מיינט מיט דעם.

קומענדיק אַהיים, האָט מיין פרוי מיר פאַרטרויט, אַז זי איז אין אַנדערע אומשטענדן.

ווי אַ נייער הימל וואָלט זיך פלוצלינג איבער מיר אויסגעשפּרייט דורך דידאָזיקע ווערטער. איך האָב זי אַרומגעכאַפּט און געדריקט צו זיך אַזוי לאַנג, ביז איך האָב אָנגעהויבן פילן, אַז עס טוט איר וויי. אירע אויגן האָבן געשטראַלט פון גליק און איר וואַרעמער אָטעם האָט געווייעט אויף מיין געזיכט ווי אַ קוויקנדער באַלזאַם.

— פעניטשקע — בין איך אויף מאָרגן, אַוועקגייענדיק צו דער אַרבעט, זי באַפאָלן — זאָלסט נישט וואַגן צו טון קיין שווערע אַרבעט, דו הערסט, נעם עמעצן אַריין אין הויז!

זי האָט מיר צוגעזאָגט און האָט מיר געגעבן אַ פּאָר הייסע קושן אַלס גאַראַנטיע.

פון יענעם טאָג אָן האָט דאָס לעבן פאַר מיר געקריגן אַ גאַנץ נייע באַדייטונג. עפּעס האָב איך אָנגעהויבן פילן אַ גרעסערע פאַראַנטוואָרט־

לעכקייט צו דער וועלט. איך האָב אָנגעהויבן צו קוקן מיט מער ערנסט אויף דער צוקונפט, און בין געווען באַזאָרגט איבער יעדן שריט, וואָס האָט געזאָלט געמאַכט ווערן. איך האָב זיך געפילט ווי איינער, וואָס טוט מיטאַמאָל אַריין אַ גרויס פאַרמעגן אין אַ ניי, אומבאַקאַנט געשעפט. מיין האַרץ איז אינגאַנצן צעשמאָלצן געוואָרן פון צערטלעכקייט צו מיין פרוי. איך האָב זי אָפּגעהיטן פון דער מינדסטער אויפרעגונג. אַלערליי פסיכאָלאָגישע מיטלען האָב איך אָנגעווענדט צו האַלטן איר וואַרעמען טעמפּעראַמענט בײַ די נידעריקע גראַדן. און עס איז מיר אויך געלונגען.

פאַר דער צייט איז מיין פרויס ייִנגערע שוועסטער אַריבערגעקומען פון אייראָפּע. מיר האָבן זי אַריינגענומען צו אונז אין הויז און געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד.

די גרויסן און גליקווינטשונגען, וואָס זי האָט פאַר אונז מיטגעבראַכט פונדערהיים, פון יעדן באַזונדער, מיר אינגאַנצן אומבאַקאַנטע מענטשן, האָבן אין מיר מאָדנע געפילן אויפגעוועקט... איך האָב זיך מיטאַמאָל דערפילט, ווי מיר זענען צוגעקומען שפּאָגל-נייע עלטערן, נייע שוועסטער און ברידער, נייע קרובים און פריינט, וועמענס געזיכטער איך האָב בלויז געקאָנט פאַרשטעלן זיך אין דער פאַנטאַזיע. און ווען איך פלעג אַ קוק טון אויף די קליינע מתנות, וואָס זי האָט אָנגעבראַכט פאַר פעניין און מיר, פלעג איך אַריינפאַלן אין אַ פרייילעכער, צערטלעכער שטימונג.

אָפט האָב איך זיך געוווּנדערט איבער זיך אַליין: וואָס פון מיר האָט געקאָנט ווערן? איך וואָלט עס פריער קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז איך זאָל קאָנען געפינען צופרידנשטעלונג אין אַזאַ באַשרענקטקייט. „חתונה געהאַט און אויס מיט דיר!" פלעג איך צו זיך שפּאָטיש אויסרופן. „אָט ביסטו אַ מאַן, אַן איידעם, אַ שוואָגער, און באַלד וועסטו זיין אויך אַ טאַטע — אָט פונקט ווי אַלע!" אָבער ערגעץ אין אַ ווינקל פון מיין מוח איז מיין קלאָרער באַוווסטזיין געלעגן צונויפגעקאָרטשעט, איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואָרפן פאַרצווייפלטע בליקן אַרום זיך.

די צייט האָט געטון אירס, באַמערקט, ניט אומבאַמערקט, זי איז איר וועג געגאַנגען.

שכנהטעס האָבן אָנגעהויבן אָפטער אַריינצוקומען, געבן עצות. צו

העלפן מיט עפּעס און האַלטן אין איין אײַנשטודירן מיט סיליען (מײַן שוועסטערס פרוי) ווי אַזוי אויפצופּאַסן אויף מײַן פרוי. די געטרײַע שוועסטער האָט דאָס גאַנצע הויזווירטשאַפט אויף זיך איבערגענומען, האָט געקאָכט, געוואַשן, געראַמט, און האָט געזען, אַז אַלץ זאָל זײַן אויפן אָרט און אין צײַט, און גאַנץ שפּעט אין אָוונט, אַז זי איז מיט ד'ער הויז-אַרבעט פאַרטיק געוואָרן, און אויך דאָס פרישטיק פאַר מיר אויף מאָרגן צוגעגרייט, פלעגט זי זיך אַוועקזעצן אין פראָנט-צימער און בלענדן די אויגן שעהן לאַנג איבער נייעכץ. דאָס אַ קליידל פאַרן קינד, דאָס אַ הייבל פאַר דער מוטער. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך פאַרנומען אַ גאַנצע גאַרדעראָבע אויסצושטאַטן. איך פלעג זיך בײַ איר בעטן דאָס נישט צו טון: די אויגן אַ שאָד. מ'עט קויפן אַלץ פאַרטיקס. זי האָט זיך אָבער געהאַלטן בײַ אירס, אַז זי מוז אַלץ מיט אירע אייגענע הענט מאַכן.

מײַן פרוי, זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט זיך געפילט גליקלעך, אין אַזאַ צײַט צו האָבן בײַ זיך איר שוועסטער, און נאָך גראָד יענע, וועלכע זי האָט געליבט מער פון אַלע (זי האָט אינדערהיים געהאַט נאָך דריי). פאַר מיר איז סיליע געווען אַ גלייכגילטיקער געגנשטאַנד. ווײַל אויסער די „מחותנישאַפט” האָט זי מיך מיט קיין זאַך נישט געקאָנט פאַראינטערעסירן. זי איז געווען צופיל קינד, כאָטש זי איז שוין אַלט געווען ניינצן יאָר און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ מאָדנער פרישקייט אין אירע באַוועגונגען. איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט געפינען איבער וואָס מיט איר צו רעדן. אַז זי פלעגט זיך אַוועקזעצן מיט דעם נייעכץ אין פראָנט-צימער פלעג איך זיך אויך דאָרט זעצן, לייענען אַ בוך אָדער אַ צײַטונג, אַזוי לאַנג, ביז זי האָט די אַרבעט אַוועקגעלייגט. איך האָב קיין האַרץ נישט געהאַט זי צו לאָזן זיצן אַליין איבער אונזער אַרבעט. נישט איין מאָל פלעגט זיך מײַן פרויס קול הערן פון שלאָפצימער: „איר וועט שוין דאָרט אָפּזיצן די גאַנצע נאַכט? איר לאָזט דאָך מיך נישט שלאָפן!” אַמאָל פלעגט איר קול קלינגען בייז אָדער אויפגערעגט, נאָר כּל זמן סיליע האָט נישט אַוועקגעלייגט די אַרבעט, האָט מײַן געוויסן מיך נישט געלאָזט אַוועקגיין.

וואָס נענטער די צײַט איז געקומען, האָט מײַן פרוי אָנגעהויבן אַרויסצייגן אַלץ מער און מער סימנים פון נערוועזקייט. די געקינצלטע

מיטלען, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט אָנגעווענדט אויפֿצוהאַלטן איר היציקן טעמפּעראַמענט, האָבן אויפֿגעהערט צו ווירקן. איר בליק האָט זיך באַוועגט שנעל, גאַנץ אָפֿט האָט ער ווי מיט פֿייער געשפּריצט, און פֿלעגט זי רעדן אָדער עפּעס טון, איז דאָס געווען דורכגענומען מיט אימפּעט, מיט נערוועזן אומרו. יעדן טאָג פֿלעגט זי קריגן אַ נייעם קאָפּ־ווייטיק. מיין האַרץ פֿלעגט מיך פֿאַרדריקן, צוקוקנדיק ווי זי פּלאָגט זיך נעבעך. קיין דאָקטאָר האָט זי נישט געלאָזט רופֿן. זי האָט געזאָגט, אַז צו דעם קאָפּ־ווייטיק איז קיין רפֿואה נישטאָ. עס איז אַ משפּחה־קראַנקייט באַ זיי. איך האָב איינגעזען, אַז איך מוז לאָזן גיין ווי עס גייט, ווייל, אַרגומענטירן מיט איר, וואָלט בלויז פֿאַרערגערט איר צושטאַנד. איך האָב זיך נאָר געווונטשן, אַז זי זאָל שוין האָבן איבערגעקומען... איך האָב מיך גענומען שרעקן. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי וועט עס נישט איבערלעבן, אַז זי וועט מיך איבערלאָזן מיט אַ יתומל. און איינמאָל איז עס געקומען אַזוי ווייט, אַז זי האָט פֿון מיר פֿאַרלאַנגט אַ האַנט, אַז סיליע זאָל אויף איר פּלאַץ אַ מוטער צו דעם קינד ווערן.

דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פֿאַר אַ שרעקלעכער סצענע. סיליע האָט זיך צעווייַנט אויפֿן קול, און מיין פֿרוי, ווי דערמוטיקט דורך דעם, האָט זיך אַרונטערגעלאָזט פֿון דער שטול אַ געהלשטע. איך האָב זיך מיט אַ הייסן שווייס אָפּגעגאָסן, ביז איך האָב זי צו זיך געבראַכט.

יענע וואָך איז מרס. העלער געווען באַ אונז צו באַזוך. זי האָט מיטגעבראַכט אַ וואַרטס־פֿרוי, וועמען זי האָט רעקאָמענדירט פֿאַרן „דזשאַב”.

איך האָב זי באַגעגנט שוין אַרונטערקומענדיק די טרעפּ, נאָר זי האָט נאָך באַוויזן צו געבן מיר עטלעכע וויכטיקע עצות מכּוח דעם גאַנצן ענין, און איבערהויפּט באַטאָנט: „מען דאַרף זי נישט אויפֿרעגן, איר ווייסט דאָך, אין אַזאַ צייט!”

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — האָב איך מיט באַהאַלטענעם כּעס געפֿרעגט, — מיך דאַרף מען אַזוינס וואָרענען? האָט מיין פֿרוי מיט וואָס זיך צו קלאָגן אויף מיר?

— איך ווייס? — האָט זי געענטפֿערט. — איר ווייסט דאָך, ווייבער קאָנען אויף אַן אייגענער שוועסטער זיין אייפֿערזיכטיק. בעסער איז, ווען מען מיידט אויס דאָס מינדסטע.

ווי א שאָטן האָט זיך מיר א וויג געטון אין געדאַנק: א קשיה אויף ווייבער? און גלייך האָט אין מיר זיך אָנגעהויבן וועקן א חשד, דאָ אויף מרס. העלער, אַז זי האָט געגעבן מיין פרוי אָנצוהערעניש. און דאָ, אויף מיין פרוי, אַז עס שטאַמט טאַקע פון איר אַליין. איך האָב זיך אָבער געשעמט פאַר זיך אַליין מיט אַזעלכע געדאַנקען. איך האָב זיי מיט פאַר־אַכטונג פון זיך פאַרטריבן.

אַריינקומענדיק, האָט מיין פרוי מיך באַגעגנט מיטן געוויינלעכן קוש, נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס מאָל איז ער געווען וואַרע־מער און האָט אויף לענגער געדויערט ווי שטענדיק. איר בליק האָט מיך דורכגענומען.

— האָסט באַגעגנט מרס. העלער? — זענען אירע ערשטע וואָר־טער געווען.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט און איר געגעבן צו פאַרשטיין מיט מיין בליק, אַז איך ווייס, אַז יענערס וויזיט האָט עפּעס צו טון מיט איר איצטיקער שטימונג — איז זי דאָ לאַנג געזעסן?

— א פּאָר שטונדן. דו ווייסט דאָך, אין אַזא צייט איז אַזוי פיל דאָ צו רעדן און מיט איר איבערהויפּט. אַזא קלוגע פרוי איז וויַיט צו זוכן.

— אָבער וואָס קוקסטו מיך אַזוי מאָדנע אָן? — האָב איך צע־רייצט געפרעגט, נישט קאָנענדיק פאַרטראָגן איר אומרויִקן בליק.

— גאָרנישט, איך קוק אויף דיר נישט אַנדערש ווי אַלעמאָל. די זעלבע אויגן, מעגסט מיר גלייבן.

זי האָט זיך היסטעריש צעלאַכט.

אַז סיליע איז פאַרטיק געוואָרן מיט די דישעס פון סאַפּער, איז זי אַריין אין פראָנט־צימער, האָט אָנגעצונדן דעם גאַז און זיך גענומען צו דעם נייעכץ.

— גייסט שוין ווידער זיך אָוועקזעצן אויף א גאַנצער נאַכט? — האָט מיין פרוי מיט א באַהאַלטענער איראָניע געזאָגט. — נו, דאָס איז א ביסל א חשק!

— איך מוז היינט ענדיקן די קאָלדריטשקע, עס מעג דויערן די גאַנצע נאַכט, — האָט סיליע מיט א מינע פון באַשלאָסנקייט גע־ענטפערט.

— טאַקע, זייער ווײכטיק! — האָט מיין פרוי העפטיק געזאָגט, — און צוליב דיר זאָל מיין מאַן אויך אויף זיין און מאָרגן זיצן באַ דער אַרבעט אַ פאַרחלומטער.

— וואָס איז דאָס, פעני? — האָב איך זיך אַריינגעמישט, באַהערשנדיק מיין טאָן — איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו מישסט דאָ צוזאמען.

— דאָ איז גאָרנישטאָ וואָס צו פאַרשטיין! — האָט זי האַסטיק אָנגעהויבן. איין בליק אויף איר געזיכט האָט מיר קלאָר געזאָגט, ווי איר טעמפּעראַטור האַלט שוין — איך מיין גלאַט אַזוי, מ'דאַרף נישט בלענדן די אויגן גאַנצע נעכט. עס לוינט זיך טאַקע צו נייען מיט דער האַנט אין אַמעריקע.

איך האָב זי אָנגענומען באַ דער האַנט און געבעטן, זי זאָל זיך באַ אַ קינד, נישט אויפּצורעגן זיך פון אַזעלכע נאַרישקייטן. זי האָט פאַרביסן די ליפּן און איז אַוועק אין בעד-רום.

איך האָב זיך געפילט, ווי מען וואָלט מיך מיט שמוץ אָפּגעגאָסן. מיינע פינגער האָבן זיך געקרעמפּט, און ערשט שפּעטער, ווען איך האָב געפילט אַ ביסל באַרויקט, האָב איך אַוועקגעוואָרפן די שטיקלעך האָלץ און בליי, וואָס זענען געבליבן אין מיין האַנט פון דעם נייעם פּענסיל, וואָס איך האָב יענעם טאָג געקויפט.

סיליע האָט זיך געפונען באַליידיקט פון מיין פרויס האַנדלונג. מיט אַן אָנגעברוגזט געזיכט האָט זי די נישט דערענדיקטע קאָלדריטשקע געקערט הין און צוריק, זיך נישט קאָנענדיק באַשליסן, וואָס צו טון. איך האָב געפילט, אַז איך מוז גוט מאַכן איר שוועסטערס עוולה צו איר. איך האָב אַרויפגעדרייט גרעסער דעם גאַז און זיך אַוועקגעזעצט מיט מיין בוך (ס'איז געווען קאַרליילס פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן), וועלכעס איך האָב פאַר דער לעצטער וואָך געהאַלטן אין לייענען. נאָר איידער איך האָב עס אויפגעעפנט, האָב איך באַטראַכט (פאַר דעם ערשטן מאָל), די האַנט-אַרבעט, פאַר וועלכער מיין פרוי האָט שטענדיק סיליען געלויבט:

האָב באַמערקט, וואָס עס פעלט נאָך אין דער קליינער קאָלדרע. און גע־זאָגט, אַז נאָך מיין מיינונג וועט זי היינט דאָס נישט קאָנען ענדיקן.

— איך האָב עס זייער געוואָלט ענדיקן היינט, איך האַלט עס שוין צו לאַנג אין די הענט — האָט זי נאַיוו געענטפערט.

— — — — — — — — —

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין באַם בוך געזעסן. נאָר עס האָט געמוזט זיין אַ גוטע דריי שעה.

אַז איך האָב די אויגן אויפגעהויבן, האָב איך דערזעען סיליעס צאַרטע פּנים, וועלכעס האָט האַלב פאַרצערט אַרויפגעקוקט פון די טונקל שאַטינע, לויז אַראָפּפאַלנדע האָר. אירע געדיכטע, לאַנגע ברעמען האָבן די אַרונטערקוקנדע אויגן כּמעט אינגאַנצן פאַרדעקט, און די דינע פאַר־טריקנדע ליפּן זענען געווען עקשנותדיק פאַרפּרעסט. יעדער שטאָך, וואָס די נאָדל האָט אין דעם געדיכטן זיידן־שטאָף געטון, האָט געפונען אַ מאַטן עכאָ אין דער זונדבאַרער שטילקייט, און דאָס האַסטיקע ברענגען פונם גאַז האָט געמאַכט אַ גערויש ווי די פליגלען פון אַ יונג פלעדער־מייזל. סיליעס איינגעבויגענער שאָטן האָט ווי פון פיבער אויף דער וואַנט געציטערט און האָט געהאַלטן טאַקט מיטן טאַנצנדן גאַז־פלאַם אין שענ־דעליר. פון בעד־רום האָט זיך געטראָגן אונטערגעבראָכן דער דומפּער סקריפּ פון בעט, וואָס האָט געצייגט, אַז מיין פרוי שלאָפט נישט גוט, אָדער שלאָפט אפשר גאָרנישט.

מיין פרויס לעצטע באַנעמונג האָט שווער געדריקט אויף מיינע געדאַנקען. זיי האָבן זיך ווי אין אַ קנויל צוזאַמענגעדרייט און איינס פון אַנדערן נישט געקאָנט באַפרייען. מיין קלאָרער גייסט איז אין דער מינוט פון מיר אינגאַנצן פאַרשוווּנדן, און מיין סאָלידער פאַרשטאַנד האָט זיך געהאַלטן אין אַרויסגליטשן פון זיין אייגענעם גריף. מיין בליק האָט זיך איינגעגראָבן שטאַר אינם שאָטן פון אָרעם־שטול, וועלכער האָט קוים אַ שטיקל וואַנט פאַרדעקט פון אונטן, און פון דער טונקעלער מאַסע האָבן מיר אָקעגנגעשווומען פינטעלעך, פּאַסקעלעך, פראַגע־צייכנס און אַזוי פאַרטלאָזע שטריכן. אַמאָל פלענט אַרויסשווימען דאָס פאַרטושטע מיניאַטור־געשטאַלט פון מיסיס העלער, אַמאָל פון מיין פרוי, און אַמאָל סיליעס. אין מיר האָט עפּעס אַ געפיל זיך געמאַטערט, פון דעמדאָזיקן שווינדל־

שפּיל עטוואָס קלאָרס אַרויסצוקריגן, אָבער אויף קיין פאַל איז עס נישט געגאַנגען. אמת, דאָס געשטאַלט פון מיסיס העלער האָט אָפטער און בולטער זיך געוואָרפן אין דעמדאָזיקן ווירוואַר, אָבער קוים האָט מיין פּרויס געשטאַלט נאָר אויפגעטויכט, האָט אַלעס איבעריקע פאַרשוווּנדן. איר בליק האָט געשפּריצט מיט באַליידיקונג, בפירוּנדיק אַנטרעטן און מוטווילּיקע פאַרביסנקייט. מיינע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעפּרעסט כמעט גאָר אָן מיין ווילן, און אַ זיפץ, וואָס האָט זיך טיף פון מיין האַרץ געצויגן, האָט געמוזט זוכן אָן אויסוועג דורך די נאָזלעכער. איך האָב דאָס בוך אַוועקגעלייגט אויפן טיש, און פאַרלייגט די הענט אונטער די אָרעמס, נישט ווילנדיק צו וועלכן צוועק.

דורך דעמדאָזיקן געדויש האָט סיליע פון איר פאַרטוּעקייט זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט אַרונטערגעלאָזט דאָס נייעכץ אויף דער שויס, פאַרלייגט ביידע הענט הינטערן קאָפּ, פינגער אין פינגער איינגעשלאָסן. זי האָט אויסגעצויגן איר קערפּער, ווי זי וואָלט די גלידער וועלן אויסגלייכן. אירע ביינער האָבן אין די געלענקס געקנאַקט. דער יונגער בוזים איז אין פראָנט אַרויסגעטרעטן, האָט שאַרף אָפּגעשטאָכן פון אונטער דעם ווייכן שטאָף פון וועסטל, און די ווייסע, פוכקע אָרעמס, וועלכע האָבן זיך, אַ דאַנק דערדאָזיקער פּאָזיציע, אינגאַנצן פון די ברייטע אַרבל באַפרייט, האָבן איר איידל געזיכט ווי מיט אַ פּרעכטיקער ראַם אַרומגענומען. זי האָט געקוקט פאַרטראַכט מיט אירע פאַרשלאָפענע, מידע אויגן און דאָס מויל האָט זיך איר געריסן צום גענעצן. אַ פּאָר סעקונדן האָט מיין בליק זיך געזעטיקט מיט דעמדאָזיקן בילד פון פאַרקערפּערטן חן. עס איז ווי אַ גלעטנד ווינטל מיר דורכן האַרץ געגאַנגען. אָבער באַלד האָט מיין טריבע שטימונג מיך ווידער באַהערשט.

די גרינע פאָרטיערס האָבן זיך פלוצלינג פונאַנדערגעשאַרט און אַ ווייסע פאָרם האָט מיטאַמאָל פאַר מיינע אויגן אַ בלענד געטון. איך האָב האַסטיק דעם קאָפּ אויסגעדרייט און דערזען מיין פרוי אין דעם לאַנגן, ווייסן נאַכט-העמד.

באַ סיליען האָבן זיך די הענט אַראָפּגעלאָזט, און אַ פאַרשטיקט געשריי האָט זיך איר פון האַלז אַרויסגעריסן. איך בין אויפגעשפּרונגען און געלאָפן מיין פרוי אַקעגן.

— וואָס איז, פעני? דאַרף מען אפשר?...

— איר ווייסט שוין גוט, וואָס מען דאַרף!... — האָט זי מיט גיפט געזאָגט, קוקנדיק אויף סיליען — זעט נאָר ווי אַ מויד זעצט זיך דאָס אַוועק? קיין חרפּה האָט עס נישט!

— פּעני! — האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן — איך פאַרשטיי דיך הייַנט גאָרנישט, וואָס איז מיט דיר?...

זי האָט נישט געלאָזט רעדן ווייטער, איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אַ נעם געטון דאָס אויסנייעכץ, האָט אַ שלײַדער געטון אָן דער ערד, אירע אויגן האָבן ווילד אַרום זיך געקוקט און די ליפּן האָבן זיך קאָנוולסיוו באַוועגט.

— פּעני! — האָב איך זיך גענומען בעטן — ביסט משוגע? וואָס ווילסטו דאָ, פון וועמען?

זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערן. די קליפּה אין איר האָט גענומען אַרבעטן אויף אַלע כּלים. זי האָט זיך גענומען שלאָגן אין האַרץ, רייסן זיך פאַר די האָר, און זיך פאַרנומען צו מאַכן אַ גאַנצן סקאַנדאַל.

דאָס גאַנצע בלוט איז מיר מיט איין מאָל אין קאָפּ אַרייַנגעלאָפן.

— וועסט נישט אויפהערן! — האָב איך געשריגן מיט אַ פאַרשטיקט קול.

איך האָב אַ כאַפּ געטון שעקספּירס „ביוסט", וואָס איז אויף דער ביכער־שאַנק געשטאַנען און עס געוואָלט אַ וואָרף טון אויפן גרויסן שפּיגל, נאָר איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן אין דער צייט. דאָס איינציקע געפיל, וואָס איז אין מיר געבליבן נישט צעטומלט, האָט מיך געוואָרנט, אַז דאָס וועט די שכנים אין הויז אויפוועקן, און דאַן וועט דער סקאַנדאַל אַרויסקומען אָפן פאַר דער וועלט. איך האָב דעם „ביוסט" אויפן טיש געלאָזט שטיין און געכאַפּט דאָס בוך, וואָס איך דאָב נאָר־וואָס געלייענט און עס גענומען פליקן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אין עטלעכע סעקונדן זענען אפילו די דיקע טאָוולען געפלויגן אין שטיקלעך אויף דער פאָדלאָגע. מיין פרוי איז אַרייַנגעפאַלן אין ספּאַזמעס, און סיליע איז געשטאַנען איבער איר מיט פאַרווייַנטע אויגן, זיך געבעטן, געגלעט זי און זי געוואָרנט פון איר איצטיקן צושטאַנד...

דאָס איבעריקע פון דער נאַכט איז טיליע אָפּגעזעסן איבער מיין פרויס בעט, לייגנדיק נאַסע טיכער צו איר קאָפּ.

איך האָב אויך נישט געקאָנט איינשלאָפן. אין מוח האָט געגריזשעט, די נערוון האָבן געציטערט ווי קוועקזילבער און מיינע אַלע חושים זענען געווען אין דעם צושטאַנד פון שיכּרות, ווען דאָס איבעלען זוכט אַן אויסוועג דורך אָפּברעכן...

ער האָט אונטערגעבראָכן, זיך דעם שווייס אָפּגעווישט, אַ קוק געטון אויפן זייגער, און מיך פאַרזיכערט, אַז איך וועל דעם צוג נישט פאַרשפּעטיקן. עס איז געווען נאָך אַ האַלבע שעה צייט.

— דידאָזיקע ס צ ע נ ע — האָט ער ווייטער אָנגעהויבן — האָט אַרויפגעלייגט אַ דריקעניש אויף אונזער פאַמיליען־לעבן, איבערהויפּט אויף מיין זייט, אָן כאָטש די צייט האָט ביסלעכווייז איינגעגעבן די געדולד־טראָפּנס און גלעטנדיק איינגערעדט צו טראָגן דעם שיקזאַל און גיין דעם וועג פאָרויס, האָט די דריקעניש, ביסלעכווייז, לאַנגזאַם, דאָך געפּרעסט און געבויגן מיין געוועזענע אייזערנע נאַטור. איך האָב וואָס אַמאָל איינגעזען, אַז אַ נערוו נאָך אַ נערוו פּלאַצט אין מיר, און מיין ווילן ווערט אַלץ נאָכגעבנדיקער און געצוימטער, איבערהויפּט פון דער צייט, וואָס איך בין אַ פאָטער געוואָרן.

פונקט אַ וואָך נאָך יענעם אויפגערעגטן אָוונט האָט מיין פרוי אַ יינגעלע געבוירן.

אַ ניי לעבן האָט דאָס קינד אין הויז אַריינגעבראַכט. מיט זיין אָנקומען האָט דאָס געוועזענע איגנאַנצן אין אַ ווייט ווינקל זיך פאַררוקט און אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פונדאָסניי.

פלעגט דאָס קינד זיך פונאַנדערשרייען אויף זיין קולעכל און דאָס רויטע פּנימל רחמנותדיק פאַרקרימען, פלעג איך פילן, אַז מיין האַרץ ווערט פאַרקלעמט און מיין גאַנץ וועזן הערט צעלאָזן אין ווייכקייט. און ווען מיין קוק פלעגט זיך דאַן באַגעגענען מיט דער מוטערס, איז דאָס געווען אמתע, צערטלעכע טרייקייט, אייביקע היגעבונג.

ווי אַ בלום האָט זיך דאָס קינד אַנטוויקלט. מיט יעדן טאָג האָט עס מער חנען געקריגן, און נישט נאָר טאַטע־מאַמע פלעגן פון אים אָנקוועלן, נאָר אויך פרעמדע. ווער עס האָט עס נאָר אָנגעקוקט, האָט געזאָגט, אַז דאָס וואַקסט אַ זייער געראָטן קינד. פלעגט עס אָנשטעלן די בלויע, ליכטיקע אייגעלעך, האָט איר געקאָנט זעען, אַז אַ געדאַנקל אַרבעט ערגעץ אומבאַוווּסט הינטער דערדאָזיקער בלויקייט. צייטנווייז פלעג איך אָפּזיצן שטונדן לאַנג לעבן זיין בעטל, און די אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן פונם מיניאַטור־מענטשל, וועלכעס האָט מיר דאָס לעבן צו פאַרדאַנקען. פיל מאָל, אַז איך פלעג זיך פאַרטראַכטן, פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז איך בין מיט מיין גאַנצן גרויסן איך אין דעמדאָזיקן קליינטשיקן נשמהלע אַריינגעדרונגען.

איך פלעג נאָכפאָלגן יעדן קלאַנג, יעדע באַוועגונג, וואָס האָבן געצויגן מיין קינדס אויפמערקזאַמקייט, ווי דאָס וואָלטן פאַר מיר אַליין נייע אַנטדעקונגען געווען. איך פלעג פיל מאָל פאַררייסן די אויגן צום סופית. אויסצוגעפינען, וואָס ציט דאָרט מיין קינדס אייגעלעך צו. הכלל, איך האָב מיינע אייגענע ערשטע טעג נאָכאַמאָל דורכגעלעבט. ווער בוך, וואָס בוך! וואָכן פלעגן אַוועקגיין, אַז איך בין צו דער שאַנק נישט צוגעגאַנגען. מיין פרוי איז געווען זייער גליקלעך מיט דעם, וואָס איך האָב אַזוי ליב דאָס קינד.

זי האָט געוווּסט, אַז דאָס האָט אַ סך געהאָלפן צוזאַמענצוציען דעם ריס, וואָס איז געוואָרן צווישן איר און מיר צוליב דער פאַרשידנהייט פון אונזערע כאַראַקטערן.

סיליע פלעגט קומען אַ פּאָר מאָל דורך דער וואָך (זי האָט פון אונז אַרויסגעצויגן אַ פּאָר וואָכן נאָך מיין פרויס קימפעט), אַ באַקאַנטער. אַ שכן פלעגט אַריינקומען, און די שטימונג אין הויז האָט זיך אַלץ געדרייט אַרום קינד, וואָס איז געווען דער צענטער פון אונזער קליינער פאַמיליע.

טיף אין האַרץ פלעג איך זייער אָפט פילן אַן עמפערונג קעגן די־דאָזיקע אומגעבונג און אומשטענדן. איך האָב אָנגעהויבן צו קומען אין באַרירונג מיט אַ סאָרט לעבן, וואָס אין מיינע אומאָפּהענגיקע יאָרן האָב איך אויף דעם אַרונטערגעקוקט מיט איראָניע און פאַראַכטונג. אַ שכנהטע, וועלכע איז געווען נישט מיט דער זעלבער מיינונג וועגן אונזער קינד,

ווי מיר, איז פֿאַר מיר געוואָרן פֿערזענלעך אומסימפּאַטיש, און אַז עמעצער האָט אַן אַנדער קינד אין אונזער קעגנוואַרט געלויבט, האָב איך עס אָנגענומען פֿאַר נישט פֿאַרגינענדיק. איך האָב איינפֿאַך אָנגעהויבן צו פֿאַרלירן מיין קלאָרע אורטיילס-קראַפֿט, מיין געהויבענעם איך, ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, פּריער מאָן, דערנאָך פֿאָטער, און מיט יעדן טריט בין איך אַלץ נענטער געקומען צו דעם ברייטן שטראָם, וואָס פֿאַרשלינגט דאָס לעבן אין גרויסע, אומטייַלבאַרע מאַסן. אַ שוידער און אַ בענקעניש פֿלעגט מיך אָפּט אויפֿוועקן, צונויפֿטרייסלען, ווייזן דעם פֿרייען, גרינעם ברעג פֿון ווייטן, די ווייטע ברייטע רוימען, די פֿאַרדעקטע רייצן פֿונם מאָרגן, אָבער איין קוק אַרום זיך האָט מיך פֿון מיין צושטאַנד קלאָר געמאַכט: איך בין אויפֿן וועג ווי אַלע מענטשן גייען; אויפֿן וועג, וואָס איז גרין בלויז פֿון די זייטן און זאַמדיק און שווער אין מיטן. און האָב זיך שטיל איין איבער געזאָגט: גיי, דו האָסט אַליין געוואָלט דאָס!

מיטן ווערן מוטער, האָט מיין פֿרוי פֿאַרלוירן אַ סך פֿון דעם מיידלשן רייץ. זי איז געוואָרן פֿולער אין געזיכט און ברייטער אין קערפּער. און כאָטש איר דיק ווערן איז נישט געווען פֿון יענעם סאָרט, וואָס צעגיסט זיך און פֿאַרדעקט די שיינע שטריכן פֿון דער פֿרוי, דאָך האָט זי אָנגעהויבן צו מאַכן דעם איינדרוק פֿון אַ „הויז-פֿרוי". אירע אינטערעסן האָבן זיך געדרייט אינגאַנצן אַרום קינד און דעם הויז. צו מיר האָט זי זיך פֿאַרהאַלטן מיט אַ געוויסער אומזיכערקייט. זי האָט אויסגעמיטן יעדן אַרגומענט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, עס זאָל נישט פֿירן צו קיין סצענעס. מיך פֿלעגט עס אָפּט פֿאַרדריסן: — וואָס, דו האַלסט מיך פֿאַר ווילד אָדער משוגע? האָב איך זי פֿיל מאָל אין אַ שפּאַס געפֿרעגט. זעענדיק ווי זי קוקט מיר דערשראָקן אין די אויגן אַריין. איך בין ווילד בלויז דאַן, ווען עס איז נייטיק דיין היציקן טעמפּעראַמענט אָפּצוקילן.

אויף דעם פֿלעגט זי ענטפֿערן מיט אַ זיפֿץ: — יאָ, יאָ, פֿאַר זיך איז יעדער איינער גערעכט!

פֿיל מאָל פֿלעגט מיר דאָס האַרץ פֿאַרקלעמען, צוקוקנדיק, ווי מיין פֿרוי, וועלכע איז געווען פֿון דער נאַטור אַזוי ספּילציוו און האַסטיק, האָט זיך אַליין בייסנדיק און קנייפּנדיק אין צוים געמוזט האַלטן, כדי זיך נישט אויפֿצורעגן. איר געקריוודעטע רעכט און פֿרייהייט האָבן מיך

געדריקט נאָך מער ווי מיינע אייגענע, אָבער וואָס איז געווען צו מאַכן?

אַמאָל פלעגט מיין פרוי מיך אַריינציען אין אַ געשפּרעך איבער אונזערע באַציונגען, און איר שפּיץ פלעגט קלינגען ערנסט און טרויעריק:

— איך ווייס, — פלעגט זי זאָגן — אַז דו האָסט זיך אין מיר גע־נאַרט. איך בין נישט קיין פּאָר פאַר דיר. דו, אַ ראַדיקאַלער, פאָרגע־שריטענער מענטש, און איך, אַן איינפאַכע פרוי. טאָמער האָט דיך אין אָנהייב מיין שיין פּנים אָנגעצויגן, איז עס שוין אויך אַריבער. אַ ביסל האָט עס שוין אָפּגעבלאָנקעט, און אַ ביסל האָסטו זיך צו דעם צוגעוווינט. אַ קלייניקייט, שטענדיק דאָס זעלבע פּנים, שטענדיק די זעלבע פרוי — דערביי פלעגט זי לאַכן און קוקן אינקוויזיטיוו מיר אין די אויגן — האָניג עסן קאָן מען אויך נישט טאָג איין, טאָג אויס. איך וועל דיר נישט שטיין אין וועג. זאָג מיר נאָר איין וואָרט, אַז דיר איז שווער, און איך באַפריי דיך. עס איז קיינמאָל נישט צו שפּעט. — און דאָ פלעגט זי אַ קוק טון אויפן קינד און אירע אויגן האָבן שמערצלעך זיך אין פייכטקייט געבאָדן.

— נאַרעלע איינע! — פלעג איך אויף דעם מיט האַרציקער סימ־פּאַטיע ענטפערן, איר גלעטנדיק איבערן קאָפּ. אַמאָל פלעג איך אויך צו־לייגן מיט אַ שפּאַס: חרטה איז נישט מעשה סוחר. אָט, לאָמיר זיך שוין האַלטן, און אין איר אויג פלעגט אַרויסבלישטשען אַ פונק ווי גאָר פון די ערשטע פון אונזער באַקאַנטשאַפט און אַ פריש ווינטל איז מיר פאַרביי מיין נשמה דורכגעלאָפן.

דאָס קינד איז פון טאָג שענער געוואָרן. עס האָט געקריגן אַ פּאָר רונדע, שטייפע בעקעלעך. דאָס ברייט אויסגעשפּרייטע שטערעלע האָט זיך איינדערהייך, אין אַ שיין געוועלבטער פאָרם אונטער פלאַקס־זיידענע הערעלעך באַהאַלטן, און ווען עס האָט מיט אַ „מינעלע" דאָס מיילעכל פאַרצויגן, האָבן צוויי פּערל־ציינדעלעך חנעוודיק אַרויסגעקוקט.

טיאַ־טיאַ, איז געווען דאָס ערשטע וואָרט, מיט וועלכן דאָס קינד האָט זיך גענומען אין אונזערע געשפּרעכן אַריינמישן. און דער אָפּקלאַנג פון דידאַזיקע זילבן האָט זיך צעלאָזט אין טויזנט וואַריאַציעס אין מיי־נע אויערן.

טיאַ־טיאַ — האָט פּאַר טעג נישט אויפגעהערט דער ליבער קלאַנג צו באַגלייטן מיך אויף שריט און טריט. איז מיין פרוי אין קיך ארומגעגאַנגען, האָבן זיך פון אירע טריט געהערט: טיאַ־טיאַ; האָט די וויגשטול אונטער מיר נישט ווילנדיק זיך געוויגט, האָט פון זיין סקריפּ זיך לוין געטראָגן: טי־י־א־ט־יא, — אַ ביסל שפּעטער איז געקומען: מאַ־מאַ; באַ, באַ, און מיין יינגעלעס ווערטער־שאַץ האָט גענומען רייכער ווערן פון טאָג־צו־טאָג.

איבערהויפּט פלעגן מיר אָנקוועלן פון די ווערטער, וואָס ער אַליין פלעגט אויסקלערן. געווייגלעך, פלעגט אַ ביסל דויערן, ביז מיר האָבן זייער מיינונג אויסגעפינען. אָבער אַז מיר האָבן אויסגעפינען, האָב איך געזען, אַז דאָס קינד וואַקסט נישט קיין געוויינלעכס. סיליען פלעגט ער אַן קול דערקענען, און פלעגט זיך איר שטימע הערן פון צווייטן צימער, פלעגט ער זיך נעמען ציען מיט די הענטלעך און דאָס פּנימל פלעגט אַזש רויט ווערן פון התלהבות. צו צען חדשים האָט ער אָנגעהויבן גיין, און איז, קענטיק, זייער צופרידן געווען מיטן דאָזיקן ארויפאַרבעטן זיך. בא יעדער געלעגנהייט האָט ער געזוכט זיך פון דער שויס אַרונטערצוגליטשן און ווייזן וואָס ער קאָן. דער גרעסטער תענוג זיינער איז געווען: זיין אייגן קעריעדזשל צו שטופּן. איך קאָן זיך עד היום נישט פאַרצייען, פאַר:וואָס איך האָב אים דעמאָלט נישט געלאָזט פאָטאָגראַפירן. איך וואָלט מיין גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן, ווען איך קאָן זיין בילד איצט זען...

זיין שטימע איז פּלוצלינג הייזעריק געוואָרן, ווי עפּעס וואָלט זיך אים אין האַלז געשטעלט. זיינע אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרערן און האָבן ביסטרע געגלאַנצט אין דער שיין פון דער אונטערגייענדיקער זון.

— איך וועל באַלד מיין געשיכטע ענדיקן — האָט ער מיט אַ פאַרטראַכטער מינע געזאָגט — איך וועל דערציילן בלויז נאָך איין קאַפּיטל, דאָס לעצטע. איך האָף, אַז די פעלנדיקע וועט איר זיך אַליין קאַנען פאַרשטעלן.

— — — — — — — — —

— ווי פאַרזיכטיק מיין פרוי איז די גאַנצע צייט נישט געווען מיט איר אויפגערעגטער נאַטור, פלעגט דאָך אַמאָל פּאַסירן, אַז איר אימפּעט איז אַרויס פון איר קאָנטראָל, און שטענדיק האָט עס זיך געענדיקט מיט אַ צעבראָכענעם אָדער צעריסענעם געגנשטאַנד, אַ מיטל, וועלכעס איך האָב געהאַלטן פאַר איינציק אין באַצווינגען איר „פּריקליאַטע נאַטור". זי האָט זיך אָבער צו דעם גענומען צוגעוויינען, און די לעצטע צייט, ווען די קליפּה פלעגט אָנהייבן אַרבעטן אין איר, איז דאָס געווען מיט אַזוי פיל קוראַזש, אַז זי אַליין פלעגט כאַפּן עפּעס פון דעם געפעס, וואָס איז נאָענט צו דער האַנט געווען, און זאָגן: „נאַ, נאַ, צעברעך! איך ווייס דאָך, אַז דאָס איז דיין גאַנץ פאַרגעניגן, ריכטיק ווי דו וואָלסט מיין האַרץ צעבראָכן!"

קיין קריג איז באַ אונז קיינמאָל נישט פאָרגעקומען. קיין זידל-וואָרט האָט מען באַ אונז אין הויז קיין מאָל נישט געהערט. דאָס לעבן איז, דאַכט זיך, געגאַנגען אַזוי גלאַט, אַזוי שיין. נאָר פּלוצלינג, צוליב אַ גאָרנישט, דאַכט זיך, אַהאַ! אַן אויסברוך פון אימפּעט, פון וווט, פון פייערדיקע בליקן און שוימענדע ליפּן, און באַלד — טראַך! און דאַן ווידער שטיל. אַ קורצער ברוגז פלעגט שטענדיק פאָלגן אַזעלכע סצענעס, אָבער העכסטנס פלעגט עס דויערן אַ טאָג אָדער צוויי. זי האָט שטענדיק געזוכט איר פעלער — זי פלעגט צוגעבן, אַז דאָס איז באַ איר אַזאַ שוואַכקייט — גוט צו מאַכן, און פלעגט זיך פאַרשווערן מיט אַלערליי שבועות, מיט טאַטע-מאַמע און מיטן קינד, אַז מער וועט עס נישט טרעפן. אָבער, ווען די בייזע שעה פלעגט אָנקומען, איז זי נישט געווען אין איר רשות.

ענדלעך איז געקומען יענער זונטיק.

עס איז געווען אַ הייסער, שטיקנדער אויגוסט-טאָג. די לופט איז געווען פּשוט נישט צו אָטעמען. אין קאָפּ איז מיר געווען אַזוי ענג, אַז עס איז קיין פּלאַץ נישט געבליבן פאַר דעם קלענסטן געדאַנק זיך דאָרט פריי אויסצודרייען. פון די אָפענע פענצטער איז קיין שום ווינטל נישט אַריינגעקומען, ווי די לופט אינדרויסן וואָלט געווען פאַרגליווערט אָדער אויסגעטריקנט פון דער פאַרנער היץ. מיר האָבן באַשלאָסן צוצואייל זיך מיטן דינער און צרויספאָרן מיט אַן „עקסקורשען"-שיף קיין ראַקאָוויי-ביטש. דאָס איז געווען די איינציקע דערלייכטערונג, וואָס איך האָב געקאָנט

אויסקלערן. דעם קינדס ליידן פון די היץ האָט געמוזט זיין שרעקלעך. דעם גאַנצן פרימאָרגן איז עס געלעגן מיט אַ פאַרוואָרפן קעפּל און מיט פאַרצויגענע אייגעלעך און האָט קענטיק קיין כּוח נישט געהאַט אפילו צו וויינען. מיין פרוי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן. עס איז איר צלך פון די הענט געפאַלן, און די אַלטע סימפּטאָמען פון נערוועזיטעט האָבן זיך געלאָזט שפּירן פון יעדער באַוועגונג אירער.

אַז מיר האָבן אָפּגעגעסן, איז זי אַרונטער איינצוקויפן פאַר „לאַנטש" מיט זיך מיטצונעמען. איך האָב זיך דערווייל אָנגעטון, צוגעגרייט מיין פּרויס און דעם קינדס זאַכן, כּדי קיין צייט נישט צו פאַרלירן. דער זייגער איז שוין געווען איינס, און העכסטנס אין אַ שעה האָבן מיר געמוזט זיין בײַ דער שיף, עס האָט אונדז געדאַרפט דויערן מער ווי אַ האַלבע שעה מיט דעם קאַר אַהינצוקומען.

עס איז אַוועק צען מינוט, און מיין פרוי איז נאָך נישטאָ. עס איז אַוועק נאָך פינף, וועלכע האָבן זיך בײַ מיר ווי פינף טעג אויסגעצויגן, און זי איז נישטאָ. איך האָב אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק. אין קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבן מישן. איך האָב גענומען אַרומגיין האַסטיק איבערן הויז, נישט וויסנדיק וואָס צו טון, בין איך יעדע עטלעכע סעקונדן צום פענצטער געלאָפן. מען זעט נישט קיין סימן. ענדלעך, פּונקט צו דער האַלבער שטונדע, זי קומט.

— וואָס האָט דאָרט דיר גענומען אַזוי לאַנג? — האָב איך מיט איינגעהאַלטענעם כּעס אויסגערופן. — מיר האָבן שוין די שיף פאַרשפּעטיקט. סיידן דו וועסט זיך קאָנען אָנטון אין פינף מינוט!

— אַהאַ, מיט דיר! די נשמה קאָנסטו אַרויסטרייבן — האָט זיך איר האַסטיק אַרויסגעכאַפּט — אַז דו גיסט מיר שוין אַמאָל אַ ביסל פאַרגעניגן, מוז איך דאָס אויסקרענקען! נישקשה, נישקשה — האָט זי געוואָלט פאַרכאַפּן צוריק, און איר קול האָט גענומען קלינגען ווייכער — דער ים וועט פון אונדז נישט אַנטלויפן. און אגב מוזן מיר אַ ביסל צוּוואַרטן, די גאָלדבערגס פאָרן אויך מיט.

— וואָס הייסט, די גאָלבערגס פאָרן אויך מיט? פונוואַנען ווייסן זיי, אַז מיר פאָרן? — האָב איך מיט פאַרביסענע ציין געפרעגט.

— איך האָב זיך געטראָפן מיט מיסיס גאָלדבערג אין דעליקאַטעסן־סטאָר. זיי האָבן אויך געדענקט אויסצופאָרן, און אַז איך האָב איר געזאָגט, אַז מיר פאָרן קיין ראקאַוויי־ביטש, האָט זי זיך אָנגעשלאָגן צו פאָרן מיט אונז אין איינעם.

— נו, טאָ ווי איז איצט מעגלעך? די שיף גייט אָפּ אין אַ האַלבער שעה אַרום, און מער קיין שיפן גייען היינט נישט קיין ראקאַווי.

— איז נישט קיין ראַקאַווי, וועט זיין קוני איילאַנד! — האָט זי קאַפּריזנע געענטפערט און האָט געמאַכט אַ מינע, ווי איך זאָל זי בעסער צורו לאָזן מיט מיינע פראַגן.

און איך האָב נאָך מיט מער ערנסט אָנגעהויבן:

— ווער האָט דיך דאָס געבעטן דערציילן אַז מיר פאָרן? עס פעלט דיר אויס קאָמפּאַניע און דו ווייסט דאָך נאָך, אַז די גאָלדבערגס זענען די לעצטע מיט וועמען איך וואָלט זיך קאָמפּאַנירט. וואָס איז דיר מיטאַמאָל איינגעפאַלן?

זי האָט געענטפערט מיט אַ פייערדיקן בליק און איז אַריינגעלאָפן אין שלאָפצימער.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז זי אַרויסגעקומען מיטן נישט פאַרשפּיליעטן קלייד, האָט, נישט אַ וואָרט זאָגנדיק, זיך געשטעלט מיטן רוקן צו מיר, איך זאָל עס פאַרשפּיליען.

איך האָב קיין איין וואָרט נישט געזאָגט און אָנגעהויבן די העקעלעך צושפּיליען.

די הענט האָבן מיר פאַר כעס און אומגעדולד זיך געטרייסלט. איך האָב אָנגעהויבן פון אויבן — שטימט דאָס דריטע העקעלע נישט, האָב איך איבערגעלאָזט און גענומען פון אונטן — איז דער ערשטער מאַנדל פאַרבויגן. די צווייטע פּאָר שטימען נישט, גייען אויף אַ האַלבן צאָל נישט צו, און באַ דער דריטער פעלט דאָס ווייבל אינגאַנצן.

מיין פרוי איז געשטאַנען ווי אויף נאָדלען. איר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פון אומגעדולד און אויפרעגונג. איך האָב געפילט, אַז

אָט, אָט ברעכט אויס איר פֿאַרשאָלטענער אימפּעט, און איר נערוועזער צושטאַנד האָט זיך גענומען איבערטראָגן אויף מיר. די פֿינגער האָבן מיר גענומען קרעמפּן. די נעגל האָבן זיך אין דעם דינעם שיפֿאָן־שטאָף געטשעפּעט, אין קאָפּ האָט גענומען מישן און די האָר־וואָרצלען האָבן ווי שפּילקעס אין מאַרך געשטאָכן. איך האָב געמיינט, אַז איך קריג די אַפּאָפּלעקסיע.

— דעם פּלאַץ קאָן מען פֿון אים קריגן — האָט זי מיטאַמאָל אויסגעשריגן און אַ צי געטון זיך פֿון מיר.

מיינע פֿינגער האָבן פֿאַרעקשנט געהאַלטן די ברעגעס פֿון קלייד און נישט געוואָלט נאָכלאָזן.

— דו לאָזט מיך אָפּ! — האָט זי גענומען שרייען ווילד און האָט געטון אַ טופּ מיטן פֿוס, אַז מען האָט אַזש געקאָנט הערן דאָס שאָקלען פֿון גאַז־שענדעליר אויפֿן אונטערשטן עטאַזש. זי האָט זיך געטון אַ ריס אויס און דאָס קלייד האָט זיך הינטן צעטיילט דורך צוויי לאַנגע ריסן. די העקעלעך זענען געבליבן אויף צוויי שמאָלע פּאַסן אין מיינע הענט.

ווי אַ צערייצטע חיה האָט מיין פֿרוי גענומען אַרומלויפֿן איבערן הויז. דאָ האָט זי די האָר פֿון קאָפּ גענומען פֿליקן און דאָ — שלאָגן זיך מיט די פֿויסטן אין דער ברוסט. איר געזיכט איז געווען אַ שרעק אָנצוקוקן.

עס האָט מיך אַ כאַפּ געטון באַ די שלייפֿן.

— פּעני! — האָב איך גענומען שרייען ווילד — פּעני! הערסט נישט אויף גלייך? דו הערסט נישט אויף? באַלד וועט פֿון דעם גאַנצן הויז קיין סימן נישט בלייבן.

עס איז געווען ווי בענזין צו אַ פֿייער.

— זאָל עס נעמען אַ סוף! — האָט זי נישט ווי מיט איר קול געשריגן. — איך קאָן עס שוין נישט מער אַריבערטראָגן! זי איז צוגעלאָפֿן צו דער ביכער־שאַנק און גענומען וואַרפֿן די ביכער אָן דער ערד, בריק־אַבראַק האָבן אונטער אירע פֿיס געקנאַקט און שטיקער מעבל האָבן זיך ווילד געשליידערט און מיט די פֿיס געטאָפּטשעט. איך האָב געפֿילט, אַז איך פֿאַרליר דעם זינען. ווו נאָר אַ טראָפּן בלוט, איז מיר אין קאָפּ אַריין. אַ ווילדער אימפּעט האָט מיך געטון אַ שלעפּ. איך בין אָבער אַזוי

צעטומלט געווען, אז איך האָב נישט געוווסט וווהין צו לויפן. איך האָב זיך געצילט צום פענצטער, האָבן מיינע פיס נישט געוואָלט שפּרינגען: כ'האָב געכאַפּט די גרויסע וואַזע, מיין מוטערס בילד, איך האָב אָבער געפילט, אַז דאָס איז נישט גענוג צו שטילן מיין אומבאַצווינגלעכן ווווט. פאַר די אויגן האָט מיר שרעקלעך געשווינדלט, דאָס גאַנצע הויז איז ווי אַ ראָד אַרום מיר געגאַנגען. מיינע פיס האָבן זיך געוואַקלט און מיינע הענט האָבן קאָנווולסיוו געזוכט דעם געגנשטאַנד, וואָס זאָל דורך זיין צעשטערונג צו דעם אַלעם אַן ענדע מאַכן. ענדלעך בין איך, ווי אין דער פינצטער טאַפּנדיק, צו מיין קינדס וויגעלע צוגעקומען און האָב באַלד דערפילט ווי עפּעס ווייכס קוועטשט זיך אין מיינע הענט. און ווי אין חלום האָב איך דעם ווילדן קוויטש פון מיין פרוי דערהערט.

— — — — — — — — —

שפּעטער האָב איך, ווי דורך אַ דיקער וואַנט, יאָמערדיקע קולות דערהערט, ווייבער־שטימען, צווישן וועלכע דאָס קוויטשנדיקע קול פון מיסיס גאָלדבערג האָט ווי מיט אַ מעסער געשניטן, האָבן זיך אין אַ ווייַ־נענדיקן כאָר געפלאָכטן. מענער האָבן געשטורעמט, געשריגן. איך האָב דערפילט הענט אַרום מיינע אָרעמס און פון מיינע אויגן האָט זיך לאַנג־זאַם ווי אַ וואָלקן גענומען אַראָפּקייקלען.

פּאָליציי־לייט זענען אָנגעקומען. מען האָט מיר הענט און פיס גע־בונדן און פון הויז געשלעפּט. מיינע אויגן האָבן שטאַר געקוקט פאַר זיך, און ווען מען האָט מיך דורך דער טיר אַרויסגעפירט, האָב איך ווי דורך אַ פאָרהאַנג געזען מיין טויט קינד מיט אַן אויסגעשטעקט צינגל און זיין געחלשטע מוטער, איבער וועלכער אַן אַמבולאַנס־דאָקטער האָט ענערגיש געאַרבעט.

מען האָט מיך געבראַכט אין פּאָליס־סטיישאָן — האָט ער מיט אַ שנעלן טעמפּאָ פאָרגעזעצט — פון דאָרט האָט מען מיך גענומען אין

בעלוויו-האָספּיטאַל, ווו מען האָט מיין פאַרשטאַנד אונטערזוכט, און ענדלעך בין איך אָנגעקומען אַהער.

איך מוז אייך צוגעבן, אַז אין דער צייט פון מיין „מוטשעניע" און „אונטערזוכונגען" האָט מיין פאַרשטאַנד ווירקלעך זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצוברעכן. איבערהויפּט, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז מיין פרוי איז אין צוויי טעג אַרום נאָך מיין קינדס טויט אויך געשטאָרבן. צוויי קרבנות האָב איך מיט מיינע אייגענע הענט געבראַכט. צוויי אומשולדיקע קרבנות. אָבער, מיין פריינט — זיין קול האָט אָנגעהויבן ציטערן — איין גאָט ווייסט, אַז איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט. די נאַטור פון מענטשן צווינגט אים אַמאָל צו טון אַזעלכעס, פון וואָס זיין אייגענע נשמה ווערט אויפגעציטערט — ס'איז שוין אַזאַ געזעץ אין דער נאַטור: דער רויקער קאַלטער פולווער מוז עקספּלאָדירן, ווען די הייסע פייער-צונג רירט אים אָן. מיט אונז האָט דאָס זעלבע פּאַסירט. מיין רויקע נאַטור — ווי איך פאַרשטיי עס איצט — איז בלויז געווען „וואַסער-דיכט." ס'האָט געקאָנט אויסשטיין שטורעם און קעלט, אָבער נישט אַזאַ פייערדיקע נאַטור ווי מיין פרויס.

ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט.

שטענדיק ווען איך גיי דורך אין זכרון דידאָזיקע געשיכטע נאָך אַמאָל — האָט ער די יוערטער לאַנגזאַם געצויגן — מוז איך זיך אַליין צוגעבן, אַז איך בין די גאַנצע צייט געווען קלאָר ווי אַלע קלאָרע, און ווען נישט דאָס אומגליקלעכע צוזאַמענפאָרן מיט אַזאַ קעגנגעזעצטע נאַטור ווי מיין פרויס, וואָלט איר דאָ מיך היינט נישט געטראָפן...

מיר האָבן זיך ביידע דעם שוויס געווישט.

דער וואַסער-פאַל האָט מיט זיין געוויינלעכן טעמפּאָ פון באַרג אַראָפּגעשטראָמט. די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן זיך אין אים צעבראָכן און צעשאָטן. דאָס אָנקומען פון אַ געשפּאַן האָט זיך פון וועלדל געהערט, און אַ מינוט שפּעטער האָבן די קאָפּיטעס פון אַ פּאָר פערד דומפּ געטיקט איבערן הילצערנעם בריק, באַגלייט פונם לויזן שאָרך פון גומענע רעדער...

— עס איז פונקט צייט — האָט מיין קאַמפּאַניאָן, ווי פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט, געזאָגט: — דאָס פּאַרט מען איצט צום דיפּאָ, דעם צוג צו באַגעגענען.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און מיט שנעלע טריט צום דיפּאָ געגאַנגען.

אַריינשטייגנדיק אין וואַגאָן, האָט מיין קאַמפּאַניאָן מיר פעסט די האַנט געדריקט און ווי פאַרשעמט האָט ער שטיל געשעפּטשעט:

— וואָס דענקט איר, בין איך טאַקע געווען משוגע?

25.

דרײַ דורות

וווינען אין איין הויז דרײַ דורות, שטרעבער: זיידע־באָבע שטרעבער, טאַטע־מאַמע שטרעבער און די אייניקלעך, מאַקסעל און דעיזי שטרעבער.

און דאָס הויז איז פול מיט כל טוב, מיט דעם רייכסטן מעבל, מיט די שענסטע באַצירונגען, מיט „איזי־טשערס" פאַר די אַלטע און מיט שפּילצייג פאַר די קליינע.

און גרויסע שאַפעס מיט ביכער שטייען אויסגעשטעלט אין לעזעצימער, ווו אַלע שטרעבערס קומען זיך יעדן טאָג צוזאַמען און שעפן חכמה און תענוג פון די ביכער.

זיצט זיידע שטרעבער איבער אַן אַלטן ספר, קוקט דורך דאָפּלטע שפּאַקולן אויף די פאַרגעלטע בלעטער, פאַרטראַכט זיך אָפּט און זעט הינטער זיך אַן אָפּגעלעבט לעבן. לעבן אים זיצט באָבע שטרעבער, צוזויפגעבויגן איבער אַן אַלטן בילדער־אַלבאָם, מישט די בלעטער מיט אירע אַלטע קנאָכיקע פינגער און שטעלט זיך אָפּ פון מאָל צו מאָל, וואַרפנדיק אַ פאַרטראַכטן בליק, אַמאָל אויפן אַלטן, אַמאָל אויף די קינדער און אַמאָל אויף די אייניקלעך.

— זע נאָר, בענדזשאַמין, קוק נאָר אָן דאָס בילדל — ווענדט זי זיך שטיל צום אַלטן, — די וואָנסעס הייבן דיר נאָך ערשט אָן וואַקסן. ווי לאַנג איז דאָס שוין, אַז דו האָסט דאָס בילד גענומען ?

— איך ווייס ? פערציק, פינף־און־פערציק יאָר, וואָס איז דער אונ-

טערשיד — ענטפערט זיידע שטרעבער, אָנקוקנדיק די אַלטע מיט אַ רחמנות־מינע — מען קאָן יענע יאָרן צוריק נישט כאַפּן סיי־ווי־סיי.

— אַ גוטער חלום איז אָבער אויך גוט — רופט זיך אָן באָבע שטרעבער אין אַ טרייסטנדן טאָן — מיר האָבן, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, נישט וואָס צו זינדיקן. מיר האָבן אונזער וועלטל דורכגעפירט. הלוואי אונזערע קינדער און קינדס קינדער נישט ערגער.

— יאָ, ווי זאָגסטו, אַ גוטער חלום איז אויך גוט — ענטפערט זיידע שטרעבער, וואַרפנדיק אַ בליק אויף די קליינע שטרעבערלעך, מאַקסעל און דעיוזי.

אין אַן אַנדער ווינקל, באַם „פּייער־פּלעיס", זיצן טאַטע־מאַמע שטרעבער און קוקן אַריין אין צייטונגען. ער איז פאַרטיפט אין די „וואָל־סטריט"־נייעס און זי אין דער פרויען־פּיידזש.

— קוק נאָר אָן, דייוו — רופט זי זיך מיטאַמאָל אָן — געפעלט דיר דער סטייל? איך וויל זיך לאָזן מאַכן אַזאַ קלייד צום „קעגנוואַרט"־באָל.

דייוו קוקט גוטמוטיק אָן זיין פרוי, שמייכלט לייכט און זאָגט: — דער סטייל געפעלט מיר שוין גאָר, אָבער וועסט מוזן צוואַרטן אַ טאָג, צוויי, צו זעען, וואָס מיט מיינע סטאָקס וועט ווערן. עפּעס געפעלט מיר נישט דער „מאַרקעט", ער וואַקלט זיך מיר צו שטאַרק, די מלחמה־נייעס, פאַרשטייסט?

מאַמע שטרעבער בלאָזט זיך אָן קאַפּריזנע און רופט אויס מיט פאַרוורף:

— נאָר ער איז נישט זיכער, ציטערט רק פאַר דער מינוט, פאַרן טאָג.

— וואָס מיינסטו, מיר מוזן ציטערן פאַר דער מינוט, פאַרן טאָג— זאָגט טאַטע שטרעבער שטיל זיין ווייב און אויער — מיר דאַרפן זאָרגן פאַר דעם נעכטן און פאַר דעם מאָרגן. דערביי וואַרפט ער פאַרגנבעטע בליקן אויף דעם אַלטן פאָר און אויף די קינדער.

און אויפן ווייכן קאַװיאַר, לעבן אַ הורבע שפּילצייג, זיצן די איי-
ניקלעך שטרעבער, מאַקסעל און דעיזי, פאַרטיפט איבער צויבער-געשיכטן.

— ווען איך וועל זיין אַ גרויסע, וועל איך זיין אַ פּרינצעסין —
רופט זיך אָן דעיזי צו איר קליינעם ברודער, אוועקלייגנדיק איר פּופּע אָן
אַ זייט — איך וועל פאַרלאָזן בלאָנדע לאָקן, וועל זיך אויספּוצן אין אַ
ווייס זיידן קלייד, אין זילבערנע טופלעס און וועל זיך אין אַ פּרינץ פאַר-
ליבן. אָ, איך וואָלט שוין אַזוי געוואָלט, איך זאָל זיין אַ גרויסע!

— און איך, ווען איך וועל זיין אַ גרויסער, וועל איך בעסער זיין
אַ קאַפּיטאַן, אַ גענעראַל, איידער אַ פּרינץ. פע, איך האָב פיינט די פּרינצן,
די אויסגעפּוצטע פּופּעס, מער ווי ליבן זיך קאָנען זיי נישט.

— און ווי לאַנג דאַרפן מיר וואַרטן, ביז מיר וועלן זיין גרויסע?

— איך ווייס? אפשר צען יאָר, אפשר צוואַנציק!

— אָ, דאָס איז דאָך אַזוי לאַנג.

— ווייסט וואָס, קום לאָמיר פרעגן טאַטע-מאַמע, זיי ווייסן דאָך
געוויס, זיי זענען דאָך שוין גרויסע.

— אָבער זעסטו נישט, אַז זיי רעדן איצט און האָסטו פאַרגעסן, אַז
זיי האָבן אונז אָנגעזאָגט, נישט צו איבעררײַסן קיינעם ווען ער רעדט?

— טאָ לאָמיר פרעגן זיידע-באָבע, זיי שווייגן איצט.

מיט איין שפּרונג זענען מאַקסעל און דעיזי געשטאַנען לעבן דעם
אַלטן פּאָר.

— זיידע, ווי לאַנג דאַרפן מיר וואַרטן, ביז מיר וועלן זיין גרויסע? —
האָבן די קינדער ביידע אין איין קול אויסגערופן.

זיידע שטרעבער האָט זיי אָנגעקוקט מיט אַ ליבלעכע מינע, האָט
זיי צערטלעך געגלעט איבער די קעפּלעך און, איבערקוקנדיק זיך שעלמיש
מיט באָבע שטרעבער, האָט ער געזאָגט:

— פרעגט די באָבע, זי ווייסט בעסער.

מאַקסעל און דעיזי זענען באַלד געשטאַנען לעבן דער אַלטער און
לאַשטשענדיק זיך ווי געבעטן:

— ווי לאַנג, באָבעשי, דאַרפן מיר וואַרטן, ביז מיר וועלן זיין
גרויסע?

— וואָס איז אויף אייך אַזאַ איילעניש, קינדערלעך? — האָט די
אַלטע געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— איך וואָלט שוין געוואָלט זיין אַ פּרינצעסין — האָט דעיזי מיט נייגיריקייט געזאָגט.

— און איך וואָלט שוין געוואָלט זיין אַ קאַפּיטאַן — האָט מאַקסעל אונטערגעכאַפּט — קאַפּיטאַנען זענען דאָך די גרעסטע העלדן, הוה!

— אַ, נאַרישע קינדערלעך וואָס איר זענט — האָט באָבע שטרע־בער מיט איר ציטערנדן קול געזאָגט — גייט בעסער שפּילט זיך מיט די צאַצקעס. איר דאַרפט די יאָרן נישט שטופּן, זיי לויפן שוין אַזוי אויך צו שנעל.

און ווען די קינדער זענען צו דעם שפּילצייג אַוועק, האָט זיידע שטרעבער אָפּגעזיפצט און געזאָגט צו זיך אַליין:

— יאָ, זיי לויפן שוין אַזוי אויך צו שנעל. שוין באַלד אינגאַנצן אריבערגעלאָפן.

ג ל אָ ס א ר

ליסטע פון ענגלישע ווערטער אין די דערציילונגען
פון „דער נייער וועלט".

אימפּרוואווען	—	פאַרבעסערן
איידזשענט	—	אַגענט
אָרדער	—	באַשטעלונג
איסט-סייד	—	מזרח-זייט
איינפיקסען	—	איינאָרדנען
אָפּאָזישאָן	—	אָפּאָזיציע
אָלרייטניק	—	אויפגעקומענער גביר
אנטרעי	—	פאַרשפּייז
אדווערטייזמענט	—	אַנאָנס, מודעה
אָפיס	—	קאָנטאָר
איזי-טשער	—	באַקוועמע שטול
בלאָק	—	גאַס-קוואַרטאַל
באַרגעין	—	מציאה
ביזי	—	באַשעפטיקט
באַסקעט	—	קערבל
ביל	—	רעכנונג, אַסיגנאַציע
באָס	—	באַלעבאָס
ברענד	—	פירמע, סאָרט

בעיסמענט — קעלער
באַי — ייִנגל, בחור
בוטשער — קצב
באָרדינג-הויז — גאַסט-הויז
ביטש — וואַסער-ברעג
באָרדוואָק — טראָטואַר באַם ים
בעק נאָמבער — צוריקגעשטאַנען
בוק-קעיס — ביכער-שאַנק

גאַרבעדזש-באַרל — מיסט-פעסל
גראָסערי — שפּייז-קראָם

דזשאַב — שטעלע, באַשעפטיקונג
דזשעניטאָר — סטרוזש, דוואָרניק
דאַון-טאַון — די אונטערשטע טייל פון שטאָט
דינער — מיטאָג
דעסק — שרייבטיש
דזשאָדזש — ריכטער
דײַנינג-רום — עסצימער
דישעס — געפעס

האָל — זאַל, קאָרידאָר
האָרי-אַפּ — מאַך שנעל

וואַקעישען — וואַקאַציע
וואַטשמאַן — וועכטער
ווילעדזש — שטעטל
וועיטערקע — קעלנערין
וועיסט — בלוזע
וואַליז — טשעמאָדאַן
וועסט — קאַמיזויל

טיקעטס	—	בילעטן
טאָטש אָף קאנסאמשען		אָנגעגריפענע לונגען
טרימינג	—	צודאטן
טרעין	—	צוג, באַן
טאפ־פלאָר	—	העכסטער גאָרן
טשער	—	שטול
טרעמפּ	—	בראָדיאַגע, היימלאָזער
טשעלענדזש	—	אַרויספאָדערונג
טיטשער	—	לערער
טראָנק	—	קופערט
לייברעדי	—	ביבליאָטעק
לאָנטש־רום	—	עס־פּלאַץ
לאָין	—	לאָנקע
לאונדרש	—	סאָפע
לאָנדרי	—	וועש, וועשעריי
מעמבערס	—	מיטגלידער
מאונטעינס	—	בערג
מיסיס	—	באַלעבאָסטע
מעיל	—	פּאָסט, בריוו
נאיס	—	שיין
סאָסייעטי	—	געזעלשאַפט, חברה
סטאָר	—	קראָם
סעיל	—	פארקויף, אויספאַרקויף
סטיישאָנערי	—	שרייב־מאַטעריאַל
סעמעטערי	—	בית עלמין
סופּעראינטענדענט	—	אויפזעער, אויפּפאַסער
סי־שאָר	—	ים־ברעג
סאפּער	—	אָונט־ברויט

סטיישאָן	—	סטאַציע
סלעק־טיים	—	אַרבעטסלאָזע־צייט
סטעדי	—	שטענדיק
סאיז	—	מאָס
סאיד־וואָק	—	טראָטואַר
סאלון	—	שענק
סקעיטס	—	גליטש־שיך
סטראַפּ	—	רימען, גאַרטל
גל, עלעווייטער	—	הויך־באַן
פייער־פּלייס	—	קאַמין
פייטען	—	קעמפן, זיך שלאָגן
פאָרניטשור	—	מעבל
פאָרטש	—	ווערענדע
פעידזשעס	—	זייטן
פור	—	אָרעם
פעיקער	—	שווינדלער
פּלעי־גראַונד	—	שפּיל־פּלאַץ
פּאָן	—	שפּאָס
פּענסיל	—	בליישטיפט
פּעניטענשערי	—	שטראָף־אַנשטאַלט
קאָסטאָמער	—	קונה, קונד
קענדיס	—	צוקערקעס
קאַרפּער	—	רייזע־קאָסט
קאָרנער	—	ראָג
קאַטער	—	צושניידער
קראַוד	—	עולם
רענט	—	דירה־געלט
רום	—	צימער

רעגעלע־גאָיס	—	פשוטע מענטשן
ראפּל	—	פּלעט, לאָטעריי
ראָקינג־טשער	—	וויג־שטול
שאָו	—	טובה, געלעגנהייט
שיני	—	זידל־וואָרט פאַר יידן.

פון אַן אויסגעטראַכטער וועלט

אין פראָווינץ „האַרמאָניאַ"

(בילדער פון „פאַנטאַזיע-לאַנד")

ווי אַזוי איך בין אַהינגעקומען — קאָן איך זיך ביז היינט נישט דערמאָנען; איך קאָן זיך אויך נישט קלאָר מאַכן, ווי אַזוי איך בין פון דאָרט אַוועק.

אַלץ וואָס איך ווייס נאָר איז, אַז איך בין דאָרט געווען און אַז מיין גייסט הערט נישט אויף אַהין זיך רייסן אַזוי שנעל ווי די משא פון קערפּער ווערט אים לייכטער.

איך מיין דאָס וואונדער-לאַנד, דאָס „לאַנד-פאַנטאַזיע", וווּ איך האָב דורכגעלעבט די גליקלעכסטע מאָמענטן פון מיין קורצער יוגנט.

ווען דער געהיימנישפולער לופט-דיליזשאַנס האָט מיך אַרונטערגעלאָזט פון זיינע ברייטע, ווייסע פליגלען אין פראָווינץ „האַרמאָניאַ", האָט אַ קייט פון אויפגייענדיקע זונען און לבנות אַרומגערינגלט דעם גרין-גאָלדענעם האָריזאָנט. ליכט-שטראַלן פון אָן אַ צאָל קאָלירן האָבן זיך געצויגן פון דעם באַלויכטענעם ראַנד צום מיטן פונם טיף בלויען הימל און אַ געווירצטע קילקייט האָט דורכגענומען די לופט און זיך געלייגט אויף גראָזן און בלעטער. בלומען האָבן געשטרעקט זייערע קעפּלעך און זיך צניעותדיק פונאַנדערגעעפנט קעגן דעם שטייגענדן ליכט, און פיי-

געלעך מיט זילבער־פעדערן האָבן פון צווישןביימער און קוסטעס גע־צוויטשערט און געטרילירט מיט ווונדערבאַרע טענער.

איך האָב זיך די אויגן לאַנג געריבן צו זען אויב איך חלום נישט און ווען איך בין געווען זיכער, אַז אַלץ וואָס איך זע שטייט און שוועבט און באַוועגט זיך פאַר מיינע אויגן, האָב איך לייכט אָפּגעאָטעמט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קליין בערגל, וואָס איז געווען ווי פון אַ גרינעם פּליוש באַצויגן, באַ דער זייט פון אַ שמאָלער אָראַנזשן־אַלעע.

אַ וויגטל איז מיטאַמאָל פאַרבייגעלאָפן און צעשפּרייט פּערפומען־כוואַליעס אין דער לופט און ווען עס איז צום נאָענטן וואַלד געקומען, האָט זיך דערהערט דאָס לוסטיקע שושקען פון בלעטער, וואָס האָבן שטיפעריש געזוכט עס אָנצוכאַפּן און דערפון געלאָזט זיך גלעטן.

מיט דערוואַרטונג אין יעדן אָטעמצוג האָב איך אַרום זיך געקוקט. איך האָב געפילט, אַז איך בין אין אַ געהיימנישפולן פּאַלאַץ און יעדער אַנקומענדער מאָמענט האָט מיר טויזנט סודות אַקעגנגעטראָגן.

די קאָלירן אַרום האָריזאָנט האָבן נישט אויפגעהערט זיך איינע אין די אַנדערע צו מישן און די שטראַלן פון די זונען הינטערן ראַנד האָבן זיך געצויגן אַלץ אַרויף צום מיטלפּונקט פון הימל.

„ווען וועט שוין טאָג ווערן ?״ האָב איך באַ זיך געטראַכט. „אַזאַ לאַנגן זון־אויפגאַנג האָב איך קיינמאָל פריער נאָך נישט געזען. און וואָס פאַר אַ ליכט דאָס וועט אַ ביסל זיין ? אַזוי פיל זונען און לבנות אונטער איין הימל ?״

אַ ליבלעך־קלינגענד געלעכטער האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין פאַרוווּנדערונג.

איך האָב זיך אומגעקוקט און דערזען אַ לאַנגע רייע פּאָרלעך זיך ציען דורך דער שמאָלער אָראַנזשן־אַלעע. יעדעס פּאָרל איז געווען ווי צוזאַמענגעוואַקסן, שולטער צו שולטער און קאָפּ צו קאָפּ צוגעדריקט. פון הינטן האָבן נאָכגעפאָלגט, האַלב גייענדיק האַלב טאַנצנדיק, קינדער־פּאָרלעך, זינגענדיק שטיל אין כאָר.

— זעסט, אָט האָט דאָ שוין ווידער ווער פאַרבלאָנדזשעט ! — האָט אַ כמעט דורכזיכטיק בלאָנד מיידל זיך אָפּגערופן צו איר שלאַנקן ברוין־געלאָקטן באַגלייטער, — אוודאי פון דעם לאַנד פון „טאָג און נאַכט״, איך קאָן עס אָן זיינע זוכנדע בליקן דערקענען.

— די אָרימע מענטשן קאָנען דאָרט נעבעך דאָס בענקען נישט איבערטראָגן און זוכן אַלץ אַ פּלאַץ, וווּ דאָס האַרץ צו דערכאַפּן.

באַלד האָט מיך אַרומגעריגלט אַ מחנה יונגוואַרג און גענומען אויספרעגן ווי עס לעבט זיך אין דעם לאַנד פון „טאָג און נאַכט״, ווו דער גרעסטער גענוס איז בענקען, און דאָס גרעסטע גליק — דאָס זוכן. איך האָב אָבער געהויבן די פּלייצעס און קוים געוווסט צו ענטפערן אַ וואָרט.

— מיר גייען איצט צום פערפומען־קאָנצערט, באַם קריסטאַל־שטיין־פאָנטאַן, אפשר וואָלסטו מיט אונז מיטגעגאַנגען? — האָט אייגער פון דעם שאַר זיך צו מיר געווענדט.

האַלב פאַרחלומט האָב איך זיך אויפגעהויבן און אָנגעשלאָסן אָן דער לוסטיקער מחנה.

די אַלעען האָבן זיך שנעל געענדיקט און דער וועג האָט גענומען פירן צווישן בליענדע מאָן־פעלדער.

דאָס הימל־ליכט איז נאָך אַלץ געלעגן הינטערן האָריזאָנט און געגאָסן מיט צויבערהאַפטע שטראַלן און קאָלירן, וואָס האָבן גאָר קיין נעמען נישט און די אומגעבונג איז געווען אָנגעפילט מיט אַ געלייטערט גרויס ליכט, וואָס האָט געווירקט ווי אַ היילונג אויף מיינע אויגן און מיך פאַרזעצט אין אַ צושטאַנד פון פאַרטראַכטקייט.

די אָנגענעם־קלינגענדע שטימען פון די פאָרלעך און די אומבאַגרענעצטע לוסטיקייט אין זייערע יונגע פנימער האָט גענומען וועקן אַ פרייד־לעכקייט אין מיין האַרץ. מיין טריט איז פון מינוט אַלץ לייכטער געוואָרן און די זאָרגן האָבן איינע נאָך די אַנדערע פון הינטער מיין שטערן זיך אַרויסגעגליטשט און אין דער לופט פאַרשווונדן. די מאָן־פעלדער האָבן אַרויסגעגעבן אַן איינשלעפנדן ריח און די טויזנטפאַרביקע קאָלירן פון זייער בליעכץ האָבן זיך געוועבט פאַרן אויג אין צויבערהאַפטע טאַפּעטן.

אָנקומענדיק באַ אַ קליין וועלדל, באַם ברעג פון אַ ברייטן זילבער־טייך, האָבן זיך אַלע אַנידערגעוואָרפן, ווער זיצנדיק, ווער ליגנדיק אויף דעם זאַפטיק־צאַרטן גראָז און געוואַרט אויף די לופט־זעגלען, וואָס זאָלן זיי אַריבערפירן אויף דער אַנדערער זייט.

דאָ האָבן אייניקע פון די גאַנץ יונגע זיך נענטער צו מיר צוגערוקט און מיך גענומען פרעגן:

— איז עס אמת, אַז באַ אייך אין לאַנד גייט שטענדיק אָן אַ קאַמף

צווישן ליכט און פינצטערקייט, אָדער ווי איר רופט עס דאָרט, „טאָג און נאַכט?"

— איז עס טאַקע אמת, אַז ווען עס שיינט בײַ אייך די זון, האַלט אַ שאָטן אייך אין איין פאַרפאָלגן?

— קאָן בײַ אייך אַ מענטש דאָס גליק ווירקלעך קיינמאָל נישט נעפי־נען און ער מוז ערשט פריער אַהערקומען, כדי זיך פילן אמת גליקלעך?

— וואָס האָט איר דאָרט פון לעבן, ווען ליבע גייט מיט אייך האַנט אין האַנט מיט ליידן און איר זיסקייט ווערט בײַ אייך אין האַרץ פאַרגאַלט פון ביטערן צווייפל־טראָפּן?

נאָך אַזעלכע פראַגן האָט מען מיך געשטעלט אין די צענדליקע און אויף קיינע פון זיי האָב איך נישט געקאָנט געפינען קיין פּאַסענדן ענטפער. ענדלעך איז אַ מיידל, וועמענס פּנים עס איז געווען מיט אַ וווּנדערבאַרן חן באַגאָסן, מיר צו הילף געקומען און האָט געמאַכט אַן ענדע צו די אַלע פראַגן.

דאָס מיידל האָט מיך בײַ דער האַנט גענומען, האָט מיך אַריינגע־פירט אין אַ געדיכטן בלומען־קוסט און, צוּדריקנדיק זיך צו מיר מיט איר שמעקעדיק וואַרעם לייב, האָט זי מיר שטיל פאַרטרויט:

— איך בין צו דיר געשיקט געוואָרן. בײַ אונז אין „פּראָווינץ־האַר־מאָניאַ" קאָן אַ מענטש אַליין מיט זיך נישט זיין. ער מוז זיין צווייטע העלפט תמיד האָבן לעבן זיך. זעסט די שאַר דאָרט אויפן גראָז? אַלץ באַשטייט פון פּאָרן. די פּאָרן זענען אָבער נישט מער ווי גאַנצע איינצלנע, האַרמאָניש פאַרייניקט דורך צוויי צוגעפּאַסטע העלפטן.

אַ פייגל־כאָר האָט זיך צעגאָסן אין טרעלן און דער אָטעם פון די בלומען איז צעגאַנגען איבער מיינע גלידער און כ'האָב געפילט ווי מיין האַרץ האָט זיך געקלעפּט און געטוליעט צו אַ צווייטן, ביז זיי זענען איינס געוואָרן.

— בײַ אייך אין דעם לאַנד פון „טאָג און נאַכט" האַלט אַלץ זיך אין זוכן, — האָט דאָס מיידל מיט איר זיסער שטימע ווידער אָנגעה־הויבן — און כּל זמן טאָג און נאַכט זענען נישט פאַרייניקט און זון און לבנה ליגן נישט איינס צום אַנדערן צוגעטוליעט הינטערן האָריזאָנט, וועט אַלץ נאָר אומזיסט זיך זוכן. זעסט! בײַ אונז ליגן זון און לבנה פּאָרווייז

אין אַן אייביקער פאַרייניקונג, הינטערן ראַנד פון הימל און טאָג און נאַכט עקזיסטירט נישט אין פּראָווינץ „האַרמאָניאַ".

— גייען באַ אייך די הימל-ליכט קיינמאָל גאָרנישט אויף? — האָט זיך מיר אַ פראַגע אַרויסגעריסן.

— ניין, מיין ליבער, — האָט דאָס מיידל צוגעשמייכלט — אויפגיין איז נאָר זוכן, פאַרגיין — פאַרצווייפלען. אין דעם לאַנד „פאַנטאַזיע" האָט שוין אַלץ זיך געפונען, אַלץ איז צונויפגעפּאָרט און פאַראייניקט אין אייביקן תענוג.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אין דער לופט אַ רוישן פון פליגלען און צענדליקער לופט-זעגלען האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט באַם ברעג פון זילבער-טייך, צו פירן דעם עולם פאַרלעך צום פערפומירטן קאָנצערט.

באַם פערפומען-קאָנצערט

לאַנג האָבן מיר געשוועבט אין די לופט-זעגלען איבער בלויע און ווייסע וואַסערן, איבער בערג און טאָלן און איבער פעלדער און אַלערליי קאָלירן, ביז מיר זענען געקומען צום „טאָל פון ווּנטשן", וואָס ליגט אַרומגעצוימט פון צוויי מאַיעסטעטיש-אויסגעשפּרייטע טורקיז-גרינע בערג. אינמיטן פון דעם טאָל האָט אַ ריזיקער קרישטאָל-שטיין געפינקלט אין פאַרווירנדע קאָלירן און אַ וואַסער-זייל האָט פון זיין שפּיץ געשלאָגן פינפציק איילן אינדערהייך, ווו ער האָט זיך פונאַנדערגעשפּאָלטן, זיך פאַרבויגן אויף די זייטן און אין מיליאָנען זילבער-טראָפּנס, מיט אַ צאַרטן געררויש אין דער שויס פון געלע טולפּן אַריינגעפאַלן.

— דערדאָזיקער פאַנטאַן — האָט מיין בייע באַשערטע מיר אין דער שטיל געזאָגט, — איז דער מאָנומענט, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט פאַר דעם אַנטדעקער פון „דעם לאַנד פאַנטאַזיע".

מחנות יונגוואַרג, אַלץ אין פּאָרן, האָבן זיך געצויגן אין אַלע זייטן, ווער צופוס און ווער אין לופט-זעגלען. און אָנקומענדיק באַם קרישטאָל-שטיין פאַנטאַן האָט יעדעס פּאָרל פאַרנומען אַ באַזונדערן פּלאַץ אויף אַ

בלומען-בעט, אונטער דעם בלעטער-דאַך פון אַ יונגן, שטאָלצן בוים, און ווען אַלע פלעצער זענען געווען פאַרנומען, האָט זיך דערהערט אַ קנאַל הינטער איינעם פון די בערג און אַ פּיאַלעטן-שלייער האָט זיך מיט איין מאָל פאַרצויגן איבערן גאַנצן טאָל און איינגעוויקלט אַלץ אין אַן אָנגע-נעמער טונקלקייט.

אין דער טונקלקייט האָט דער קריסטאָל-שטיין-פאָנטאַן צען מאָל שענער נאָך געפינקלט און דער אָפּקלאַנג פון די פאַלנדע טראָפּנס האָט ווי זילבער-גלעקלעך זיך אין דער לופט צעטראָגן.

מיין מיידל (גראַציע האָט זי געהייסן) האָט זיך צו מיר געטוליעט און מיך באַצויבערט מיט יעדער באַוועגונג פון איר קערפּער. מיר איז פאָרגעקומען, ווי אַ חלום וואָלט אַ פאַרכישופטע נעץ אַרום מיר געפלאָכטן און עפּעס יוונדערשיינס וואָלט אין סאַמע האַרץ מיר געקושט.

— באַלד הייבט זיך אָן דער קאָנצערט — האָט גראַציע שטיל געזאָגט. — דער פּיאָלעטן-שלייער דאַרף נאָר עטוואָס מער דעם טאָל איינוויקלען, נישט צו לאָזן אויסוועפּן די פּערפומען-ריחות.

עטלעכע פּאָרלעך זענען אַרויף אויף דער בלומען-פאַרצירטער פּלאַטפאָרמע אין הינטערגרונט פון דעם פאָנטאַן, אויף וועלכער אומציי-ליקע גאָלד-און זילבער-רערן, געפילט מיט בלומען-זאַפטן, האָבן זיך גע-פונען און אַ פייערווערק האָט אויסגעשאָסן אָנצוזאָגן, אַז דער קאָנצערט הייבט זיך אָן.

ווען דער לעצטער פון די מיליאָנען פינקען פון דער אָפּגעשאָסע-נער ראַקעטע איז אין דער טונקלקייט פאַרגאַנגען, האָט זיך מיטאַמאָל אַ דופט-שטראָם אין דער לופט פאַרשפּרייט, וואָס האָט מיין אָטעם שיער פאַרכאַפּט. געמישטע ריחות, פון רעזעדן-זאַפט ביז דאָס שאַרף-בייסנדיקע ווינטער-גרין, האָבן אין איינעם זיך געפלאָכטן, זיך געמישט און זיך געראַנגלט דעם אויבן-אָן-פּלאַץ צו פאַרנעמען אונטער דעם פּיאָלעטן שלייער. באַלד האָבן די שטאַרקע ריחות אויפגעהערט און בלויז די מילדע האָבן מיט אַ צאַרטן ריטם, ווי אויף לייכטע פליגלען זיך געטראָגן. טייל פון די שטאַרקע האָבן פון צייט-צו-צייט געפּרוווט אַריינפּאַלן צו שטערן די האַרמאָניע פון די צאַרטע דופטן, אָבער ענדלעך זענען זיי צוריק-געטרעטן אין ווייטן הינטערגרונט און נאָר אַ מאַטער עכאָ האָט פון זיי זיך ווען-נישט-ווען דערטראָגן.

— געפעלן דיר די אָווערטורען ? — האָט „גראַציע״ אויסגערופן מיט באַגייסטערונג — אָבער וואָרט, באַלד קומען די „נומערן״.

נאָך אַ קורצע פּויזע האָט אַ ליליען־דופט אין דער לופט פאַרשפּרייט זיך, אַמאָל שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער, האָט דער ליבער ריח זיך צו דער נאָז געטראָגן און ווי מיט צויבערהאַפטע פינגער געגלעט אויף מיינע נערוון. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין נשמה שוועבט אויף אַ ים פון בלויע ריחות.

נאָכדעם האָט אַ שטראָם פון ווילדן גראָזן־דופט זיך צעטראָגן אינדערלופטן, און באַלד נאָך אים — דער צאַרטער ריח פון דער שמעטערלינגען־בלום. די ביידע ריחות האָבן איינער אין דער אַנדערן זיך אָפּט פאַרלוירן און פאַר אַ היפּשער צייט האָט אַ ווײַלע דער, אַ ווײַלע יענער, באַהערשט די אַטמאָספערע, ביז זיי האָבן ביידע, לאַנגזאַם, לאַנגזאַם זיך אויסגעוועפּט און עס האָט זיך גענומען פילן דאָס אָנקומען פון אַ גאַנץ פרישן ריח.

אַזוי איז פאַר אַ לאַנגער צייט די „פּראָגראַמע״ פאָרגעזעצט געוואָרן, ביז ענדלעך, האָבן ווידער צוזאַמענגעמישט זיך פאַרשידענע ריחות מיט איין מאָל, צווישן וועלכע עס האָבן נישט געפעלט פון די שטאַרקסטע, וואָס בלומען און געווירצן גיבן פון זיך אַרויס. באַם שלוס האָט יעדער פון די דופטן, אין פּראָפּאָרציע, גענומען ביסלעכווייז פאַרלירן זיין שטאַרקייט, ביז זיי זענען אויסגעהויפּטע צעגאַנגען אין דעם אוויר.

ווען דער פּיאָלעטן־שלייער איז פון איבערן טאָל פאַרשוווּנדן, האָבן די פאַרלעך גענומען ווי אַרויסוואַקסן פון אונטער די צווייגן־דעכער. יעדעס פּנים האָט געשטראַלט פון צופֿרידנקייט און אין יעדן אויג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט איבעררדישער גענוס.

איך האָב אַרויפגעקוקט צו די בערג פון ביידע זייטן און דערזען, ווי די שטראַלן ליכט שפּילן מיט זייער טורקיז־גרינער פּראַכט.

דער קריג פון די זיבן חיות

נאָך לאַנגן וואַנדערן איבער דופטנדע פעלדער און אין גרין איינגעטונקטע לאָנקעס זענען מיר געקומען צו אַ באַקעט שטיק לאַנד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ווונד־פלעק אויף דער מיט יוגנט שפּריצנדער לאַנדשאַפט. די קוויקנדע דופטן האָבן ווי מיטאַמאָל דעם אָטעם איינגעהאַלטן און די לופט איז געהאָנגען ווי פאַרגליווערט איבער דעם אומעטיקן פלאַץ. אין מיטן זענען זיבן בערגלעך געלעגן אויסגעשפּרייט אין אַ מאָדנער אומאָרדנונג. זיי זענען געווען נאָך נאַקעטער ווי דאָס שטיק לאַנד אַרום זיי. קיין גרעזל איז נישט געווען צו זען אויף דעם גאַנצן שטח און קיין שום סימן פון לעבן. פייגל האָבן מיט שרעק און שוידער אויסגעמיטן דאָס אומעטיקע ווינקל און קיין געוויש און קיין באַוועגונג האָט נישט אונטערבראָכן די טויטן־רו, וואָס איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף די זיבן בערגלעך.

— דאָס זענען די קברים פון די זיבן חיות, — האָט „גראַציע" מיט אַן אומעטיקן טאָן געזאָגט. — וועלכע האָבן זיך איינע די אַנדערע צעריסן אין אַ קאַמף, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן קיינמאָל נישט געהאַט.

ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז אין לאַנד פון „טאָג און נאַכט" האָט מען קיינמאָל נישט געהערט פון אַ קאַמף פון זיבן חיות, האָט „גראַציע" מיר דערציילט דאָס פאָלגנדע:

— אויף דעם פלאַץ, וואָס איז געווען דאָס פּרעכטיקסטע אונטער דעם־דאָזיקן הימל האָבן גאָר אַמאָל זיך זיבן חיות אויפגעהאַלטן. יעדע איינע פון די חיות האָט זיך געהאַט איר אייגן ווינקל און געלעבט מיט איר משפּחה גליקלעך און צופרידן. האָט איין חיה זיך ווען באַגעגנט מיט אַ צווייטער, האָט זי איר אַרויסגעוויזן רעספּעקט. כאָטש אין האַרץ האָט זי אויף איר אַ כעס געטראָגן, פאַרוואָס איר ברום שטערט איר אַמאָל פון שלאָף.

— מיט דער צייט זענען די משפחות פון די חיות געוואָרן אַלץ גרעסער און מיט יעדן דור האָט זיך גענומען פילן אַלץ מער די באַשרענקונג פון דעם פּלאַץ. דער לייב האָט גענומען איינזעען, אַז זיינע יונגע ווערט דער לאַגער ענג און ער מוז עפּעס טון, זיך מער פּלאַץ צו שאַפן; זיין נאָענטסטן שכן, דעם טיגער, איז אויך בעסער נישט געגאַנגען. זיין פאַמיליע האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, אויסערדעם האָט ער נאָך אַדאָפּטירט אַ פּאָר יתומים, פון וועלכע מער ווי צרות האָט ער נישט געקאָנט דערוואַרטן; דער לעמפּערט, אַ ביסל ווייטער, איז געווען מער פאַרזיכטיק וועגן דער אומאויסמיידלעכער צוקונפט און האָט זיך געהיטן, ווי ווייט מעגלעך, די משפּחה זאָל נישט ווערן גרעסער: דער קראָקאָדיל, אַריבערן שמאָלן וואַסער, האָט שוין לאַנג פריער גענומען פילן די ענגשאַפט פון דעם פּלאַץ און האָט גאַנץ אָפט געטון אַ שווים, צו איין ברעג און צו אַ צווייטן, און האָט זיך מיט אַ שטיקל פּלאַץ פאַרזאָרגט; דער ביבער האָט צווישן דעם לעמפּערט און דעם לייב זיין לאַגער געמאַכט, וווּ ער האָט מיט זיין קליינער פאַמיליע געמאַכט זיך נוצלעך דורך זיין וווּנדערבאַרן פלייס, און הינטער דעם לאַגער פון דעם טיגער איז דער וואָלף געלעגן אין אַן ענגער נאָרע, אין איינע שרעק פאַרן חוט פון טיגער. דער איינציקער, וואָס האָט די ענגשאַפט נאָך נישט געפילט, איז געווען דער בער, וועלכער האָט גאָר פון אָנהייב פאַרכאַפּט דעם גרעסטן טייל פון דער געגנט און זיך צעשפּרייט אין רחבות אויף דעם בעסטן פונם לאַנד.

— אָבער קיינעם פון די זיבן חיות האָט די צוקונפט נישט באַאומרויקט ווי דעם לייב. ער האָט איינפאַך רוען נישט געקאָנט און האָט געהאַלטן אין איין פּלאַנען, ווי זיין לאַגער צו מאַכן גרוימער, און נאָך שטאַרקער פלעגט עס אים פאַרדריסן, ווען ער פלעגט אַ קוק טון אויף דעם פרייעןברייטן פּלאַץ, וואָס דער בער פאַרנעמט, און דופּנדיק אויף זיין גבורה האָט דער לייב באַ זיך באַשלאָסן, באַ דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט, צו פאַרכאַפּן פּלאַץ פון בער.

— נישט איינמאָל האָט דער לייב זיין טענה קלאָר געמאַכט: ס'טייטש, איך, דער קעניג פון די חיות, זאָל דאַרפן זיין באַשרענקט אין ענגשאַפט מיט מיינע בראַווע, בלאָנדע פּרינצן, אין דער צייט, וואָס דער בער מיט זיינע אומגעשיקטע ווילדע קינדער לעבן אין הרחבה? — דער

בער האָט די סכּנה פאַרויסגעזען און האָט מיטן לעמפּערט אַ בונד געמאַכט, איינע די אַנדערע זיך צו העלפן אין פאַל דער לייב אָדער װער אַנדערש פון די חיות װעט זיי אַטאַקירן. דאָס האָט דעם לייב אַ ביסל אָפּגעהאַלטן, נאָר אויפגעגעבן זיין פּלאַן האָט ער נישט. ער האָט מיט זיין נאָענטסטן שכן, דעם טיגער, געשלאָסן פריינטשאַפט און זיך פאַרשפּראָכן איינס דאָס אַנדערע קעגנזייטיקע הילף אין אַ פאַל פון נויט.

— און די צייט איז אַלץ געגאַנגען און דור נאָך דור זענען יונגע חיות צוגעקומען אין די אַלע זיבן לאַגערס און די ענגשאַפט האָט זיך געגומען פילן אַלץ מער און שטאַרקער.

— און איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אַ יונג װעלפל האָט זיך זאַטשעפּעט מיט אַ פאַרבלאָנדזשעטן יונגן טיגער און אַ װילד ברומען האָט זיך באַלד דערהערט אין די חיות־לאַגערס.

— דער לייב האָט אַן אויפגערייצטער געפאָדערט פונם טיגער צו נעמען נקמה פון דעם װאָלף. ער האָט גוט געװוּסט, אַז דאָס װעט דעם בער, װאָס איז געװען אַ קרוב פון דעם װאָלף, צווינגען צו פאַרװיקלען זיך אין קריג.

— עס האָט נישט געדויערט לאַנג און אַלע זיבן חיות האָבן זיך אויסגעשטעלט איינע קעגן די אַנדערע אויף אַ קאַמף פון לעבן און טויט. פון איין זייט דער לייב מיטן טיגער און פון דער צווייטער — די איבעריקע פינף.

— דער קאַמף איז באַלד געװאָרן אַ פאַרביסענער. דער לייב מיט זיין װוּנדערבאַרער גבורה און אומגלויבלעכער געשיקטקייט האָט זיין גאַנצע מחנה יונגװאַרג מיט װוּט און האַס קעגן שונא װי מיט אַ צויבער־האַנט געטריבן און עס האָט אָנהייב אויסגעזען, אַז די יונגע קעמפער װעלן פון די קעגנערישע חיות קיין זכר נישט איבערלאָזן, אָבער די פאַראייניקונג פון אַלע איבעריקע חיות קעגן אים און זיין פריינט דעם טיגער, האָט ביסלעכוױיז זיין מאַכט געבראָכן און זיינע יונגע קעמפער האָבן גענומען פאַלן איינע נאָך די אַנדערע צוזאַמען מיט די שונאים.

— װאָס װייטער איז דער קאַמף געװאָרן אַלץ פאַרצווייפלטער. יעדער פאַרלוסט האָט פרישן װוּט אַרויסגערופן און די לופט איז פול געװאָרן מיט קרעכצן און געשרייען. טייכן הייס בלוט האָבן פאַרפלייצט די לאַגערן און די ביינער פון טויטע קערפּערס האָבן איינע אָן די אַנדערע

זיך ווי קעמפנדיק געשטויסן, ביז ענדלעך — איז קיין איינער פון די קעמפער געבליבן אַ לעבעדיקער אויפן שלאַכט-פעלד.

און מיט דער צייט זענען צום אָנדענקען פון דער קריג אויסגע-וואַקסן די זיבן ווייסטע בערגלעך, וועלכע ליגן הויל און נאַקעט און וועקן טרויער אין האַרץ פון יעדן איינעם.

דאָס ליבעס־אינזל

איך געדענק נישט, צי איך האָב עס אַמאָל געלייענט ווו אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ספֿר, צי איך האָב עס געהערט דערציילן, אָדער עס האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט, ווען איך האָב געהערט צום ערשטן מאָל בעטהאָווענס נײַנטע סימפֿאָניע, אָבער עס איז שוין אַ לאַנגע צײַט, אַז עס פּיקט מיר אין קאָפּ די וווּנדערבאַרע לעגענדע און האַלט מײַן האַרץ אין אַ האַלבפֿאַרחלומטע, האַלב־וואַכעדיקע באַוועגונג.

אין מיטן פֿון אַ גרויסן, שטורעמדיקן ים שטייט אַ קליין אינזל.

און דאָס אינזל איז זייער קליין און דאָס איינציקע ביימל, וואָס וואַקסט דערויף, פֿאַרדעקט עס אינגאַנצן, און ווען עס קומט אַ שטורעםווינט, בייגן זיך זײַנע צווייגן הין און הער און די בלעטער טונקען זיך אין ים פֿון אַלע זײַטן.

און אונטער דעם ביימל זיצט אַ רייצנד שיינע פֿרוי: שפּילט אויף אַ לירע און זינגט באַצויבערנדע זיסע לידער.

און די כוואַליעס שטופּן זיך, שטויסן זיך איינס איבערן אַנדערן, תמיד צו דעם קליינעם אינזל, אָבער ווען זיי קומען צו זײַן ברעג, פּלאַצן זיי פֿונאַנדער, ווערן צעשאָטן אין טויזנטער וואַסער־שפּליטער און פֿאַלן צוריק אין גרויסן ים.

אַזוי פֿאַרפֿליען טעג און יאָרן און אָן אויפֿהער רוישט דער ים,

קאַכט און טרייבט זיינע כוואַליעס צו דעם קליינעם אינזל, און די פרוי זינגט און שפילט נישט מיד ווערנדיק, טאָג אויף טאָג און יאָר אויף יאָר. און דער זיסער ריח פון דעםביימל צעשפרייט זיך און צעטראָגט זיך איבער די אומרויקע כוואַליעס.

עס פּאַסירט, אַז אַמאָל, אין הונדערט יאָר, ווערט אַהין פאַרשלאָגן אַ ים־רייזנדער און אַנקוקנדיק דאָס קליינע אינזל פון דער ווייטנס (ווייל נאָענט קאָן קיינער נישט צוקומען), דענקט ער, אַז ער האָט דעם גרעסטן ווונדער געזען, און האָט שוין צו דערציילן פון דעם זיין גאַנץ לעבן לאַנג.

אָבער קיינער ווייסט נישט ריכטיק, וואָס דאָס אינזל איז און קיינער קאָן נישט פאַרשטיין, פונוואַנען די פרוי איז אַהין געקומען און וואָס זי וויל דאָרט האָבן.

נאָר איין גרויסער פיש אין ים, דער לויתן, דערציילט אָפט מעשיות, וואָס ער האָט געהערט פון זיין עלטער־עלטער־באָבען, וואָס איז געווען דער ערשטער פיש אין וואַסער, און אַרום אים קלויבן זיך צוזאַמען מיליאָנען פיש און פישלעך, הערן און שלינגען זיינע מעשיות.

און איינמאָל האָט ער זיי דערציילט וועגן קליינעם אינזל אַזוי:

— איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן איז דאָס וואַסער געווען אומענדלעך און פריי. עס האָט פון קיין צוים, פון קיין גרענעץ נישט געוווּסט. דאַן איז מיטאַמאָל גאָט איינגעפאַלן די וועלט צו באַשאַפן און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געטון, איז געווען צו פאַרצוימען דאָס וואַסער מיט ערד און צו פאַרשטעלן עס מיט אַ הימל פון אויבן. דאָס וואַסער איז געוואָרן זייער אומרויק. וואָס הייסט, עפּעס מיט אַמאָל גאָר אַ צוים? אַ דעק? ביז דאַנען מעגסטו און נישט ווייטער! און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן אויפצוהייבן כוואַליעס מיט געוואַלדיקן רוישן און ברומען און האָבן געסטראַשעט די ערד צו פאַרפלייצן, דעם הימל אָפּצושווענקען און גאָט אַליין דאָס געזיכט צו פאַרשפריצן.

— פון אָנהייב איז זיך גאָט געזעסן רויק אויף זיין טראָן און גע־לאַכט: אָ, עס וועט איבערגיין — האָט ער זיך געטראַכט — די ערד איז גענוג האַרט, דער הימל איז גענוג הויך, וואָס קאָן זיי דאָס וואַסער טון? — אָבער וואָס אַמאָל ווייטער איז דאָס וואַסער אַלץ ווילדער און

אַלץ שטאַרקער געוואָרן און די כוואַליעס האָבן זיך אָנגעהויבן אויפצו־בלאָזן אַזש ביזן הימל אַרויף.

— נעם צו די ערד, צי אָפּ דעם הימל, אָדער מיר מאַכן פון זיי אַ תל! — האָט געדונערט די וואַסער־שטימע און אַ קראַכן און אַ רוישן און אַ דרענגען און אַ שטויסן האָט זיך אָנגעהויבן פון אַלע זייטן. איין כוואַליע האָט זיך אַזש געוואַגט אַ שפּריץ צו טון איר קאָכיקע שוים אין גאָטס געזיכט און פיל נאָך איר זענען געשטאַנען גרייט נאָכצוטון.

— אין דעם מאָמענט האָט אַ געדיכטע פינצטערניש איינגעוויקלט הימל, ערד און וואַסער און אַ דונערשלאַג האָט אַ קראַך געטון מיט אַזאַ מאַכט, אַז אַלץ איז פאַרציטערט געוואָרן. דער הימל איז געוואָרן פול שפּאַלטן, די ערד האָט באַקומען בערג און גריבער און דאָס וואַסער — די אייביקע אומרו...

אָבער אויך גאָט אַליין איז נישט געבליבן געשוינט. פון גרויסן קראַך איז אים דאָס האַרץ אַרויסגעפאַלן און אין וואַסער פאַרזונקען. — אויף יענעם פלאַץ האָט דערנאָך אַרויסגעשפּראָצט דאָס קליינע אינזל.

און ווען עס איז אויפן אינזל אויסגעוואַקסן דאָס ביימל מיטן ריח, האָט גאָט אַרונטערגעלאָזט אויף אים דאָס שענסטע פון זיינע ברואים, האָט אים איבערגעגעבן זיין געטלעכע לירע און איר אָנגעזאָגט:

— דאָ האָב איך מיין האַרץ פאַרלוירן, זינג און שפּיל און וועק די וועלט, זי זאָל עס זוכן.

פון דאַן אָן רוישט אומרויק דער ים און שטורעמס טרייבן צו דעם קליינעם אינזל זיינע כוואַליעס, וועלכע זוכן, נאָר אומזיסט, גאָטס האַרץ...

די שטערן און די פּערל

און זינט די פיש אין ים האָבן זיך דערוווּסט די מעשה פון דעם קליינעם אינזל, האָבן זיי זיך אַלץ מער געקליבן אַרום לויתן צו הערן זיינע מעשיות.

עס האָבן אָנגעהויבן קומען פיש פון אַנדערע ימים, פון ווייטע טייכן און הויך־פאַרבלאָנדזשעטע באַרג־שטראָמען. עס האָט זיך יעדע איינע גע־רוקט אַלץ נענטער צו דעם פיש־קעניג און מיט אָנגעשטעלטע פלאָס און שופּן צוגעהערט די ווונדער־געשיכטן.

איבערהויפּט זענען עס געווען די יונגע, די קליין־טייכלדיקע און די באַרג־שטראָם־פישלעך נייגיריק צו הערן די ווונדער־מעשיות. צוהערנדיק, האָבן די אייגעלעך בא זיי פון פרייד געלויכטן און זייערע שופּן האָבן פון התפעלות זיך מיט אַ זילבער־גלאַנץ פאַרצויגן.

און איבער וואָס־נאָר אַ פיש איז געווען אימשטאַנד צו פרעגן, האָט דער לויתן שטענדיק געהאַט אַ מעשה פאַרטיק און זי גלייך דערציילט צו די וואַסער־ברואים.

און איינמאָל האָט אַ פישל אַ יונגס, מיט זילבער־שופּן, וואָס איז פון אַ ווייט טייכל אין אַ דרום־לאַנד געקומען, זיך געווענדט צום לויתן:

— דו גרויסער הער פון וואַסער! איך קום פון אַ ווייט טייכל, קליין און אָרים, און איז קוים אַ טראָפּן אין דיין גרויסן ים. אויסער זאַמד און שטיינדלעך, ערטערווייז מיט וואַסער־שילף באַוואַקסן, האָב איך אויף מיין טייכלס גרונט קיין זאַך געזעען. דאָ באַגעגן איך אַזעלכע ווונדער־זאַכן אויפן גרונט פון ים, אַז עס פאַרנעמט מיר אַזש דאָס אויג. — אָט היינט, שווימענדיק אַהער, האָט פאַר מיינע אויגן אַ בליץ געטון פון סאַמע רעכטן גרונט, אַ רונד, ליכטיק אויג. מיט אַזאַ פרעכטיק־שטילן חן האָט עס געפינקלט, אַז מיינע שופּן האָבן זיך אויפגעשטעלט פון שטוינען. עס האָט אויסגעזעען, ווי לבנה־שטראַלן וואָלטן זיך געטונקט אין וואַסער און גע־

שפּילט מיט דעמדאָזיקן צויבערהאַפטן אויג. — אָ, זאָג מיר, גרויסער האַר, צו וועמען באַלאַנגט דאָסדאָזיקע אויג און פאַרוואָס ליגט עס איינזאַם אויפן גרונט פון ים?

אַ געלעכטער האָט אויסגעפּלאַצט צווישן עולם פישלעך: האָט איר געהערט? אַזוי נאַיִו קאָן נאָר אַ קליין־טייכלדיקע זיין. דאָס האָט זי דאָך בלויז אַ פּערל באַגעגנט און אַזעלכע האָבן מיר שוין אָנגעזעען אין די מיליאָנען.

דאָ האָט זיך דערהערט דעם לויתנס ברום: נאַרישע פיש וואָס איר זענט! מיליאָנען, זאָגט איר, האָט איר שוין פון די פּערל אָנגעזעען. אָבער צי וואָלט אייך איינמאָל איינגעפאַלן פרעגן ווי קומען זיי אויפן גרונט פון ים? — געבענטשט זאָלן זיין די קליין־טייכלדיקע, זיי האָבן מער האַרץ און מער אויג צו פילן און צו זען, וואָס אַרום זיי טוט זיך.

ווי פאַרשעמטע זענען די פיש געבליבן. עס איז געוואָרן שטיל אַרום. קיין פלאָס אין וואַסער האָט זיך נישט אַ ריר געטון.

דאַן האָט דער לויתן זיך אומגעדרייט, באַקוקט די פאַרשטומטע מחנה און גוטמוטיק געזאָגט:

— הערט אויס, איר פיש און פישלעך. איך וועל אייך די מעשה מיט די פּערל דערציילן.

און ער האָט אָנגעהויבן:

— נאָכדעם ווי גאָט האָט די פרוי, די שענסטע פון זיינע בּרואים אַרונטערגעשיקט אויפן קליינעם אינזל, מיט דער געטלעכער לירע אין איר האַנט, צו וועקן די וועלט אויפצווזוכן דאָס פאַרזונקענע האַרץ פון גאָט, איז דער יונגער מלאך־פּרינץ ה ע ר צ ע ו ס אַריינגעפאַלן אין גרויס פאַרצווייפלונג.

פון זיין קינדהייט אָן האָט הערצעוס דידאָזיקע פרוי געליבט און זיבן מאָל אַ טאָג פלעגט ער צו איר אין בלומען־פּאַלאַץ קומען און שטרעקן זיינע אָרעמס צו דער באַצויבערנדער שיינקייט, וועלכע פלעגט אים ווען־נישט־ווען באַגליקן מיט אַ לייכטן שמייכל. איינמאָל, דערציילט מען, איז דער פאַרליבטער מלאך־פּרינץ פאַר גאָט געקומען און פאַר אים דער פרויס האַנט געבעטן. אָבער גאָט האָט אים דאָס קורץ אָנטזאָגט.

— דער הימל האָט זיך זיינע פריידן, — האָט ער אים געזאָגט. —

פאַר מלאכים־קינדער איז די אייביקייט און געטלעכקייט דאָס גרעסטע גליק. די פרוי האָב איך באַשאַפן די מענטשן־קינדער צו באַגליקן. זיי זענען ווייט פון הימל, לעבן נעבעך אַזוי ווינציק, זאָל די פרוי זייער קורץ לעבן עטוואָס זיסער מאַכן; זאָלן זיי כאָטש עטוואָס פונם הימל־גליק געניסן.

— הערצעוס איז טרויעריק און נידערגעשלאָגן אַוועק פון גאָט, אָבער פון צייט־צו־צייט פלעגט ער זיך צוגנבענען צו דעם בלומען־פּאַלאַץ, פלעגט מיט טרערן קוקן פונדערווייטנס צו דער פרוי און פאַרצווייפלט שפּרייטן זיינע אָרעמס, ביז ענדלעך — ער איז געקומען און געפונען דעם בלומען־פּאַלאַץ ליידיק...

— דער פאַרליבטער מלאך האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון פון גרויס פאַרצווייפלונג. די הימלען זענען אים מיטאַמאָל געוואָרן ענג און דאָס שטראַלנדע ליכט האָט אים געטונקלט פאַר די אויגן. ער איז געלאָפן הין, געלאָפן הער, אפשר וועט ער אַ שפּור פון דער פרוי געפינען, ביז ער איז אָנגעקומען צו דער ענדע פון הימל, וווּ מיליאָנען שטערן שטייען אויף אייביקער וואַך בײַ דער הימל־גרענעץ.

— פון זיי האָט הערצעוס זיך דערוווּסט, אַז די פרוי געפינט זיך ערגעץ אויף אַ קליינעם אינזל, אינמיטן פון אַ גרויסן, שטורעמדיקן ים, וווּ זי שפּילט און זינגט און וועקט די וועלט, זי זאָל זוכן דאָס האַרץ פון גאָט.

— האָט רחמנות! — האָט הערצעוס בײַ די שטערן זיך געבעטן. — העלפט די פרוי מיר זוכן. איך בין אַ מלאך־פּרינץ און וועל אייך גליקלעך מאַכן.

— פיל יונגע שטערן האָבן מיט זייער הילף זיך אָנגעבאָטן צו דעם פאַרצווייפלטן הערצעוס. און ווען די נאַכט פלעגט קומען האָבן זיי זיך איינגעהילט אין הימל־שיין און זיך אַרונטערגעלאָזט איבערן ים צו זוכן די וווּנדערשיינע פרוי.

— נאַכט נאָך נאַכט איז פאַרשוווּנדן און שטערן נאָך שטערן האָבן די הימל־גרענעץ פאַרלאָזט און צום ים געזונקען. אָבער קיין איינציקער איז נישט צוריקגעקומען, און הערצעוס איז פון ליבעס־וויי שיער נישט אויסגעגאַנגען, וואַרטנדיק בײַם ברעג פון הימל.

— אָבער אויסגיין קאָן אַ מלאך נישט, און די ליבע האָט אין אַן אייביק בענקען זיך באַ אים פאַרוואַנדלט.

— און איינמאָל, ווען הערצעוס איז אַ שטאַרק פאַרבענקטער גאָטס שטול פאַרבייגעגאַנגען, האָט דער גרויסער שעפער מיט רחמנות אים אַבטראַכט און געזאָגט:

— מיין קינד, טיף און שטאַרק האָסטו געליבט, אָבער גוט האָסטו געוווסט, אַז נישט פאַר מלאכים האָב איך די ליבע באַשאַפן. כ'האָב געזען, וואָס דו האָסט אַלץ אָנגעווענדט די פרוי צו געפינען. די יונגע שטערן האָסטו אָנגערעדט דיר צו הילף צו קומען, און די נאַראָנים האָבן נישט געוווסט, וואָס באַ מיר איז פעסט באַשלאָסן און זענען אינם ים, ווי אין אַ נעץ געפאַלן. איצט ליגן זיי מיליאָנען אין געשטאַלט פון פערל אויפן גרונט פון ים און וועלן וואַרטן טויזנט יאָר, ביז אַ מענטשן-האַנט וועט זיי פון דאָרט אויפהייבן. אָבער, קינד מיינס, זייער לוין וועלן די געפאַלענע שטערן ענדלעך קריגן און פריער-שפעטער וועט אַ פאַר-ליבט מענטשן-קינד אין קראַנצן זיי אויסשנירן און אויפן האַלז פון זיין געליבטער אין פראַכט זיי לאָזן רוען.

און אַזוי האָט דער לוויתן זיין מעשה געענדיקט און די פיש האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג און מיט די פלאָסן האָבן זיי פון באַגייסטערונג אין וואַסער הין און אַהער געפאָכעט.

די קאָראַלן

פיש גרויסע אין די ימים, פישלעך קליינע אין די טייכן, האָבן גענומען גלייבן ביסלעכווייז, אַז עס איז נישטאָ אַ זאַך, וואָס דער לויתן ווייסט נישט; פון די העכסטע הימלס-הויכן ביז די טיפסטע וואַסער-גרונטן, און האָבן כסדר זיך צו אים געצויגן, צו הערן זיינע וווּנדער-מעשיות. איבערהויפט האָבן זיי געגאַרט פאַר זיין וואָרט, זינט ער האָט זיי דערציילט וועגן דעם ליבעס-אינזל, דעם פאַרליבטן מלאך-פרינץ און

די שטערן-פּערל, וואָס ליגן אויפן גרונט פון ים און וואַרטן אויף דער האַנט פון אַ פאַרליבטן, זיי אויפצוהייבן.

זעגען פיש און פישלעך פרי און שפּעט געקומען פרעגן דעם לויתן: וואָס איז דאָס און וואָס איז יענץ, אויפן גרונט און בײַ די ברעגעס? און דער קעניג-פיש האָט אַרויסגעבלעזלט זײַנע ענטפערס מיט דער קלאָר-קייט פון קריסטאַל-וואַסער און פון איין עק צום צווייטן האָט זיך געטראָגן אַ פיש-געפּלעטשער — גרויס איז דער לויתן, אָבער גרעסער איז זײַן חכמה.

איז אַ פישל אַ שטילס, אַ טראַכטנדיקס, איינמאָל צוגעשווומען צום לויתן און אויף אַ ווייט וואַסער-לשון גענומען רעדן:

— גרויסער האַר פון וואַסער, מיט דײַן חכמה קלינגען אַלע ימים און מער ווי אומעטום, אַרום די רויטע פעלזן, וואָס קאָראַלן רופן די צוויי-פיסיקע ברואים אויף דער יבשה, פון דאָרט טו איך איצט צו דיר קומען און וויסן וויל איך מיט מײַן גאַנצער פיש-נשמה, — פונוואַנען די רויט-קייט האָט זיך צו זיי גענומען.

— הם. די רויטקייט? — האָט דער פיש-קעניג אונטער די מויל-פלאָסן געמורמלט — די קאָראַלן-פעלזן? ס'איז נאָר אַ פאָרזעצונג פון דער מעשה מיט דעם ליבעס-אינזל און די שטערן-פּערל.

— און איר מעגט עס הערן, אַלע, איר פיש און פישלעך:

— אַז דער מלאך-פרינץ, הערצעוס, וואָס איז שיער אויסגעגאַנגען פון ליבע צו דער רייצנד-שיינער פרוי, וואָס האָט פאַרפּישופּט מיט געזאַנג דאָס ליבעס-אינזל (זינט גאָט האָט אונטער אים זײַן האַרץ פאַרלוירן), האָט זיך דערוווסט, אַז ער באַמיט די שטערן גאָר אומזיסט, און אַז זוכנ-דיק פאַר אים די פרוי, זינקען זיי איינס נאָכן אַנדערן צום גרונט פון ים, האָט ער ווייטער עצות גענומען זוכן, ווי ענדלעך דאָך דערגרייכן די שיינע פרוי אויף דעם קליינעם אינזל. בישט גערעכנט האָט ער זיך מיטן וואָרט פון גאָט און איז געגאַנגען פון הימל-שר צו הימל-שר, ביז ער איז געקומען צו איינעם, וואָס האָט געהאַלטן זיך קלוגער פון גאָט אַליין, און דער שר דערדאָזיקער האָט אים געראָטן:

יונג ביסטו און מוטיק, פליגלען האָסטו שטאַרקע, טאָ נעם און פלי איבער ימים, לאָז טראָפּנס פון דײַן האַרץ אין וואַסער פאַלן און ווען אַ טראָפּן וועט דאָס ליבעס-אינזל טרעפן, וועט די פרוי דײַן נאָענטקייט פילן און דײַן זוכן וועט צו ענדע זײַן.

— און הערצעים האָט געפּאָלגט, און געפלויגן פון ים צו ים און די רויטע טראָפּנס פון זיין הארץ האָבן געטריפט בּאַ די ברעגעס און אין מיטן, אָן אַ צאָל און אָן אַ מאָס, ביז ער האָט דערפילט, אַז באַלד טריפן שוין די לעצטע און פון פאַרדראָס און פון פאַרצווייפלונג האָט זיין לעצט ביסל בלוט מיטאַמאָל געטון אַ גאָס זיך און ער צוזאַמען מיטן בלוט איז אין ים פאַרזונקען.

— און שפּעטער, אונטער דעם ווייטן קלאַנג פון דער פרויס מוזיק, האָבן די טראָפּנס בלוט פון דעם פאַרליבטן מלאך-פּרינץ אין קאָראַלן זיך פאַרוואַנדלט.

— און פון זיין לעצטן בלוט-שטורץ האָט איצט די וועלט די קאָ-ראַלן-אינזלען, איבער וועלכע מענטשן-קינדער ברעכן זיך די קעפּ: וואָס זענען זיי און פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען?

און שאַ און שטיל איז געווען, ווען דער לויתן האָט די מעשה געענדיקט. אַלע פיש אַרום און פישלעך האָבן פון פאַרוואונדערונג מיט קיין שום נישט געקאָנט אַ ריר טון.

אַ ריז, נעבעך!

אין אַ קליין־קליינטשיק שטעטל, אין אַ קליין פאַרוואָרפן לענדל, ווו דער הימל הענגט נידעריק און אַלץ איז קליין, איינגעשרונקען: פון באַשעפעניש ביז זאַכן, פון מענטשן ביז באַגריפן, איז אַמאָל אַ נס גע־שעען — איינער פון די מענטשעלעך איז אויסגעוואַקסן גרויס, הויך. פון שולטער העכער פון אַלע אַנדערע, אַזוי אַז אַלע האָבן געמוזט קוקן צו אים אַרויף און ער אויף אַלעמען — אַרונטער.

האָבן אים די קליינע מענטשעלעך פון דעם קליינעם שטעטל אינם קליינעם פאַרוואָרפענעם לענדל אַ נאָמען געגעבן גיגאַנט, ריז.

און דער ריז האָט זיך געפילט מאָדנע אין זיין גרויסקייט: אַמאָל פלעגט ער זיך פילן געשמייכלט, וואָס די נאַטור איז געווען אַזוי פריי־גיביק צו אים, אַמאָל פלעגט אים פאַרדריסן, וואָס די מענטשעלעך קוקן אויף אים נישט ווי אויף זייער גלייכן און אַמאָל פלעגט ער זיך פילן פשוט אומגליקלעך, וואָס ער דאַרף אויף אַלץ מער ווי אַנדערע און האָבן האָט ער ווייניקער, ווייל אַלס גרויסער פאַסט אים נישט און ער קאָן נישט טון אַ סך זאַכן, וואָס קליינע טוען, און נאַטור און ציוויליזאַציע טוען זייערס און מאָנען.

און די אַלע סאָרטן געפילן האָבן אים געמאַכט צו דענקען, צו טראַכטן.

גייט ער אַזוי איינמאָל אַ פאַרטראַכטער איבער די קליינע געסלעך פון דעם קליינעם שטעטל, באַגעגנט אים איינער פון זיינע קלוגע שכנימלעך.

רופט זיך צו אים אָן דאָס קלוגע שכנדל:

— ווען איך בין אויף דיין פּלאַץ, גיי איך אַוועק אין מוזיי און מאַך זיך אַ לייכט לעבן דערפון, וואָס מענטשן פון איבעראַל וואָלטן געקומען אָנקוקן מיין גרויסקייט.

געפעלט עס דעם ריז — און אויף מאָרגן זענען קליינע מענטשעלעך פון זיין אייגן שטעטל ווי אויך פון אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך, געלאָפן אויף בייז ווונדער אין מוזיי צו זעען דעם מענטש, וואָס איז פון שולטער אָן העכער פון אַלעמען.

און אום צו מאַכן די זאַך וויכטיקער, אינטערעסאַנטער, כדי די קליינע מענטשעלעך פון זיין מדינהלע זאָלן נישט פאַרלירן דעם אינטערעס אין אים, האָט דער ריז זיך אָנגעטון אַ פּאָר שטיוול מיט עקסטראַ־הויכע אָפּצאַסן, אַ הויכן צילינדער־הוט און געצויגן דעם קערפּער און געהויבן דעם קאָפּ אַלץ אַרויף, ביז ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן אַ סך גרעסער ווי ער איז אין אמתן געווען.

איז אַזוי אַוועק אַ צייט, ביז אַ צווייטער קלוגער שכן, נאָך אַ קלי־נערער פונם ערשטן, האָט טאַקע אין מוזעום גופא מיט אים פאַרצויגן אַ געשפּרעך:

— ווען איך בין אויף דיין פּלאַץ, וואָלט איך נישט פאַרבראַכט מיינע טעג אין אונזער קליינער מדינה, אין אונזער קליינעם שטעטל. איך האָב געהערט, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע וועלט, מיט גרויסע מדינות און גרויסע שטעט, אַהין וואָלט איך זיך געלאָזט, אַהין וואָלט איך געפאָרן און אַלע וואָלטן געלאָפן אויף בייז־ווונדער אָנקוקן דעם ריז. און וואָס דאָס מיינט, דאַרף איך דיר דאָך נישט זאָגן, עס מיינט פשוט: אוצרות!

געפעלן דעם ריז שטאַרק דידאָזיקע ווערטער און טאַקע אויף מאָרגן נעמט ער און לאָזט זיך נאָך די גרויסע מדינות.

און ער איז געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער איז ענדלעך אָנגע־קומען אין דעם ערשטן פון די גרויסע לענדער.

ער איז אַריין אין דער ערשטער שטאָט און ער איז נשתומם גע־וואָרן. די הייזער דערגרייכן ביז די וואָלקנס, די מענטשן — ווי צעדער־ביימער. ער מוז פאַררייסן דעם קאָפּ צו קאָנען אָנקוקן אַ מענטש אין פּנים.

איז אים געוואָרן טרויעריק אויפן האַרץ און די געדאַנקען האָבן זיך געמישט בײַ אים אין קאָפּ:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט! עפּעס אַלץ אַזוי גרויס, אַזוי אומגעלומפּערט!

און ווי ער איז אַרומגעגאַנגען אַזוי אַ טרויערדיקער, אַ פאַרצווייפלטער, שטעלט אים אָפּ איינער פון די גרויסע מענטשן און הייבט אָן פריינדלעך רעדן צו אים:

— ווי איך זע, זענט איר דאָ אַ פרעמדער. קאָן איך אייך אפשר מיט וואָס העלפן?

— העלפן, — האָט דער „ריז" גענומען שטאַמלען, — איך האָב מורא, אַז איר קאָנט מיר ווייניק־וואָס העלפן. איך בין געקומען אַהער זוכן גליק, מען האָט מיר אויף דעם איינגערעדט, אָבער ווי איך זע, איז מיין האָפנונג אומזיסט, איך פיל זיך דאָ פאַרלוירן אין גרויסקייט.

— נישט פאַרצווייפלט — האָט אים דער גרויסער מאַן געטרייסט, — איך האָב פאַר אייך אַ גוטן פלאַץ, איר לאָזט עס נאָר איבער צו מיר און איר וועט שוין זיין אַ פאַרזאָרגטער.

און אויף מאָרגן איז דער „ריז" געשטאַנען אויף אַ מיניאַטור־פלאַטפאָרמע אין אַ מוזיי, און טויזנטער מענטשן זענען געלאָפן פון אַלע עקן שטאָט און געצאָלט מיט זילבערנע מטבעות אָנצוקוקן „דעם קלענסטן מענטש אויף דער וועלט".

און געבליבן איז אים נאָר איין דאגה:

מען זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז אין זיין מדינהלע, אין זיין שטעטעלע, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ ריז.

חלומות

ס'חלומט זיך מיר, אַז איך האָב מיין האַרץ פאַרלוירן, גיי איך אַזוי און זוך און וויין...

באַגעגנט מיך אַ פרוי, אַ יונגע, אַ שיינע, און פרעגט מיך: וואָס וויינסטו, קינד?

זאָג איך איר.

לאַכט זיך די פרוי פונאַנדער: אויף דעם ביסטו נאָך צו יונג. האָסט גיכער דיין פאַרשטאַנד פאַרלוירן...

גיי איך ווייטער און זוך.

פון ביידע זייטן וועג ציִען זיך פרישע, גרינע פעלדער; קאַרשן־ביימער זענען איינגעטונקט אין ווייסן בליעכץ, און פייגעלעך פילן אָן די לופט מיט צוויטשעריי; באַם טייכל שפּילן קינדער. זייערע פּנימלעך שטראַלן, זייערע שטימעלעך קלינגען אַזוי פריש, אַזוי זאָרגלאָז.

זיי זענען צוגעלאָפן צו מיר, מיך אַרומגערינגלט, האָבן מיך באַקוקט און געפרעגט, פאַרוואָס איך בין אַזוי בלאַס און טרויעריק.

האָב איך זיי געזאָגט.

— וו האָסטו עס געהאַלטן? — האָבן אייניקע נאַיוו געפרעגט.

— וואָס איז דאָס אַזוינס אַ האַרץ? — האָבן אַנדערע זיך געוווּנדערט.

קינדער! גיי דערציילט זיי, אַז אָן אַ האַרץ קאָן מען אפילו זיך גאָר באַם טייכל נישט שפּילן!

איך בין געגאַנגען ווייטער.

די זון האָט זיך פאַרנומען אַרונטערצולאָזן איבערן וואַלדיקן הינ־

טערגרונט און אַ געריוויטלטע שיין האָט זיך פאַרצויגן אויף אַלץ אַרום. מחנותווייז האָבן מוקן אַרומגעשוועבט אין דער לופט, האָבן געזוימט און געהוזשעט און געפּאַכעט מיט די זיידענע פליגעלעך קעגן די געבראָכ־ זעטע שטראַלן. אַ סטאַדע שעפּסן איז מיר אַקעגנגעקומען, אַן אַלטער פּאַסטוך האָט זיי באַגלייט מיט אַן אומעטיקן טאָן אויפן פייפל.

איינם פלאַץ ווו איך האָב שטענדיק מיין האַרץ געהאַט, האָט'ס אָנגעהויבן צו קלעמען. פון מיינע אויגן זענען גרויסע טראָפּנס איינע נאָך די אַנדערע געפאַלן. אַזוי אומעטיק איז דער טאָן געווען.

— האָסט פאַרבלאָנדזשעט? — האָט דער אַלטער מיט אַ רחמנות־ מינע מיך געפרעגט.

איך האָב אים מיין אומגליק דערציילט.

דעם אַלטנס פּנים האָט זיך אַזוי ווי מיט אַ וואָלקן באַצויגן. דאָס פייפל איז אים שיער פון דער האַנט נישט אַרויסגעפאַלן.

— קינד מיינס — האָט ער געזאָגט נאָך אַ קורצער פּויזע — באַם בּרעג וואַלד דאָ, צווישן די הויכע סאָסנעס, שטייט אַ קליין, ווייס הייזל, אין דעם הייזל וווינט אַן אַלטיטשקער, מ'זאָגט ער איז אַ מכשף, ער ווייסט פון אַלץ, וואָס איז געשעען און פון אַלצדינג, וואָס דאַרף קומען. גיי צו אים, ער וועט דיר זאָגן, וואָס דו האָסט צו טון.

איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרווונדערט, האָב אים געוואָלט נאָך וואָס פרעגן, נאָר דער אַלטער מיט זיין סטאַדע זענען שוין געווען ווייט, און איך האָב מער נישט געזען, ווי אַ ווייס־גרויער שטויב־וואָלקן שאַרט זיך לאַנגזאַם אויפן זאַמדיקן וועג אַלץ ווייטער אַוועק.

אין הייזל איז קיינער נישט געווען. אַ קליין רויט פייערל האָט געזשמורעט אויפן שפּיץ פון אַ פייכט קנייטל, האָט עס זיך אַזוי געהיים־ נישפּול געוויגט און געשאָקלט און געוואָרפן מאַטע שאָטנס אויף די ווענט. אַ פלעדערמויז האָט זיך אַריינגעכאַפּט דורכן אָפענעם פענצטערל, האָט געמאַכט עטלעכע הקפות און איז געבליבן צוגעקלעפּט צו דער וואַנט.

מיינע אויגן האָבן זיך גענומען קלעפּן. דער ריח פון טרוקענע סאָסנע־נאָדלען האָט מיך ווי פאַרטשאַדעט. איך האָב געפילט אַ מידקייט אין אַלע אברים מיינע און בין כמעט ווי איינגעשלאָפן.

פלוצלינג האָט זיך די טיר געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען אַן

אַלטיטשקער, מיט אַ זילבער-ווייסער באָרד און מיט אַ ליכטיק שטראַלנד פּנים.

דאָס פייערל אויפן קנייטל האָט זיך אַ הייב געטון באַ זיין אַריינקומען. עס איז געוואָרן ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך.

— האָסט פאַרלוירן דיין האַרץ, מיין קינד? — האָט דער אַלטיטשקער זיך גוטמוטיק געווענדט צו מיר, — נישקשה, עס טרעפן אַזעלכע זאַכן. זיי נאָר נישט פאַרצווייפלט; זיי נאָר אַ גוט קינד, וועל איך דיר געבן אַן אַנדערס.

איך בין אויפגעשפּרונגען פאַר שמחה. כ'האָב אָנגעכאַפּט זיין האַנט און זי געוואָלט קושן.

— וואַרט נאָר אַ ביסל, — האָט דער אַלטיטשקער מיט אַ שמייכל געזאָגט, — קריג צוערשט דאָס האַרץ און דאַן...

ער איז צוגעגאַנגען אין אַ ווינקל, האָט עפּעס אַרויסגענומען פון אַ קליין קעסטעלע און האָט זיך געווענדט צו מיר:

— זעסט, מיין קינד, דאָ האָב איך צוויי הערצער. קאָנסט דיר אויסקלויבן וועלכעס דו ווילסט, נאָר איידער דו קלויבסט אויס, מוז איך דיר זאָגן וואָס יעדעס איינס איז.

— זעסט, דאָסדאָזיקע איז אַ רויטס. ס'איז מיט הייס בלוט געפילט, ווען דו נעמסט עס, האָסטו די וועלט; אַלע פאַרגעניגנס, וואָס אַ קערפּער קאָן נאָר פאַרנעמען, וועסטו געניסן; אין פּראַכט און גלאַנץ וועט דיין בליק זיך שטענדיק באָדן, און סיי אין שלאָף, סיי אויף דער וואָר, וועט דיך פרויען-שיינהייט, ווי אין אַ צויבער נעפּל האַלטן איינגעוויקלט; ליבע וועט פאַר דיר אויף איר לירע שפּילן און וועט קוויקן און וועט גלעטן דיינע חושים ווי מיט ווייכע סאַמעט-פינגער, און ווען דיין לעצטע מינוט וועט מוזן שלאָגן, און וועסט זיך אומקוקן מיט פאַרצווייפלונג, וועט דיין לעצטער זיפץ דאַן זאָגן: אַך, וואָס פאַר אַ שיינע וועלט איך מוז פאַרלאָזן; וויפיל האָב איך נאָך געקאָנט געניסן!

און אַזוי רעדנדיק, האָט דער אַלטיטשקער מיט עפּעס אַ שטאָך געטון דאָס האַרץ און הייס בלוט האָט מיר אַ שפּריץ געטון אין געזיכט.

— אָבער וואַרט נאָר, — האָט דער אַלטיטשקער ווייטער גערעדט, זעענדיק ווי איך שטרעק אויס די הענט — קוק נאָר אָן דאָס צווייטע! זעסט, דאָס צווייטע איז גרוי, בלאַסלעך-גרוי, עס איז גאָר פון אַן אַנדער

סאָרט. אויב דו וועסט דאָס האַרץ נעמען, וועלן זיך פאַר דיר אַלע טויערן פון חכמה עפענען; אייביקע סודות וועלן פאַר דיר קלאָר ווערן און פאַרגאַנגענהייט, געגנוואַרט און צוקונפט וועלן פאַר דיר שטייען אין איין האַרמאָנישן געפלעכט. אַלץ וואָס דיין בליק וועט נאָר באַמערקן, וועסטו אַלס טייל פון זיך, אַלס טייל פון די גאַנצע אייביקייט דערקענען, און קיין וויַיטקייט און קיין טיפקייט, וועט פאַר דיין גייסט נישט עקזיסטירן; אַלץ וועט ער דורכדרינגען, אַלץ וועט ער אַפּמעסטן, און פאַר זיך אַליין אפילו וועט ער שטיין אָפן, בולט און דורכזיכטיק. און ווען די צייט וועט קומען און דיין קערפּער וועט דאַרפן רוען אין דער ערד, וועט דיין גייסט נאָך דאַן שוועבן צווישן מענטשן. מיט ערפורכט וועט מען פון אים רעדן; מאָנומענטן וועט מען פאַר אים שטעלן, וואָס וועלן דערציילן די קומענדיקע דורות פון דיין גרויסקייט.

רעדנדיק דאָס, האָט דער אַלטיטשקער אַריינגעשטאָכן אין דעם גרויען האַרץ און קאַלטע פערעלעך האָבן זיך גענומען שיטן.

— קלויב אויס, מיין קינד! — האָט ער גוטמוטיק, נאָך אַ קורצער פויזע, געזאָגט. — מער ווי איינס קאָנסטו נישט קריגן. נעם דאָס, וואָס דו דענקסט, וועט דיך מאַכן גליקלעכער...

— כ׳וויל יענץ! יענץ, וויל איך! — האָב איך זיך אומגעדולדיק געבעטן און אויסגעשטרעקט ביידע הענט נאָך דעם רויטן האַרץ.

און איך האָב עס געקריגן.

2.

שמאַלע שטעגעלעך האַלטן זיך אין איין ציען און צי׳ען. דער וואַלד ווערט וואָס אַמאָל אַלץ טיפער און טיפער. זייער זעלטן ווען ס׳כאַפּט זיך זען אַ שטיקל בלאַס-בלויער הימל פון אויבן, אָדער ס׳גנבעט זיך דורך אַ שטראַל פון אויפגייענדן מאָרגנשטערן צווישן די צווייגן. און דאָך, ס׳איז גענוג העל אין וואַלד, און אַלץ ליגט אַזוי קלאָר פאַר די אויגן, כאָטש נעם און צייל יעדעס טויעלע אויף די גרעזלעך; פונדערווייטנס טראָגט זיך אַ טעמפּ גערויש; אַ מיש-מאַש פון טענער, פון געפליגלטע

סאַפּראַנאָס ביז פיר-פיסיקע באַסאָנס, וואָס שפּילן-אויף דעם וואַלד אַ גוט-מאָרגן.

און איך גיי, פּאַרויס, ווי פון עמעצן ווו געשיקט.

אויז אויסער מיר זע איך קיין מענטש, און אָפּט וווּנדער איך זיך און פרעג זיך אַליין: איז עס דען נאָך אַזוי פרי, טאָ וואָס טו איך דאָ איינער אַליין?

מיטאַמאָל האָב איך אָנגעהויבן פילן, אַז איך פּאַרקריך. דאָס שטע-געלע, מיט וועלכן איך בין געגאַנגען, איז וואָס ווייטער אַלץ שמעלער געוואָרן, און האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען און פלעכטן אַרום שטיי-נער און בערגלעך. דער באָדן אונטער מיינע פיס האָט אָנגעהויבן אַרויס-געבן אַ פּוסטן אָפּקלאַנג. און מיין טריט איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ מער אומזיכער.

מיין האַרץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּן. פונם שטערן האָב איך גרויסע טראָפּנס געווישט. כ'בין אָבער ווייטער געגאַנגען, און נאָך מיט מער אימפּעט.

— האָ! האָ! האָ! — האָט מיט אַמאָל, ווי אַ דונער אַ טיף באַ-סאָווער געלעכטער אַרויסגעפּלאַצט און אַן עכאָ האָט אָפּגעענטפערט פון אַלע עקן וואַלד.

— האָ! — האָב איך אַ ציטער געטון אין אַלע מיינע אברים. — וואָס איז דאָס? און איידער איך האָב זיך געקאָנט אַרומקוקן, איז לעבן מיר געשטאַנען אַן אַלטער פעטס-געבויטער מאַן, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד. ער איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף אַ גרויסן דיקן שטעקן.

— וועמען זוכסטו? — האָט זיין שטים אויסגעבראָכן ווי אַ שטאַר-קער דונער.

— ווער ביסטו? — האָב איך אַ צעשראָקענער געפרעגט אָנשטאָט אים צו ענטפערן.

— איך בין דער וואַלד-היטער, — האָט דער אַלטער שטאָלץ געענטפערט, — זאָג מיר נאָר, וואָס ווילסטו דאָ האָבן, וועמען זוכסטו?

איך האָב געפילט, ווי דאָס פּנים האָט זיך מיר אָנגעצונדן. איך

האָב אַליין נישט געוווּסט, וואָס עס טרייבט מיך דאָרט אַרום; עפּעס אַ בלינד געפיל, אַ חלום, אַ פאַנטאַזיע, אַ ווייס איך וואָס!...

— זוכסטו זי? — האָט דער אַלטער ווידער געפרעגט, זעענדיק ווי איך בין געוואָרן פאַרשעמט.

— זי? — האָב איך געשטאַמלט, רויט ווערנדיק, — וועמען זי? איך בעט אייך, אַלטער, מאַכט פון מיר נישט קיין שפּאַס.

— עס איז שוין גאָרנישט קיין שפּאַס! — האָט דער אַלטער ערנסט געזאָגט. — מען לאָזט פשוט קיין אויג נישט צומאַכן. ס׳איז, דאַכט זיך, נאָך נישט טאָג, און די לייט רוען שוין נישט, מען זוכט זיך שוין אַרום און מען לאָזט די נאַטור נישט צורו. — יאָ, מיין קינד, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — אָט נאָר־וואָס האָבן מיך אויפגעוועקט אַ י־ר ע טריט, און איצט, ווידער, שוין ד י י נ ע.

— וועמענס אירע? וואָס מיינט איר דערמיט, ליבער אַלטער; זאָגט מיר קלאָר — האָב איך זיך געבעטן, און אין האַרץ האָט זיך מיר אָנגעהויבן אויפצוּוויקלען אַ קלעמענדער ווייטיק.

— אירע! קענסט זי דען נישט? נאָר־וואָס דאָ געווען, אויפן זעלבן שטעגעלע, האַלב־פאַרחלומט געקראָכן און געזוכט.

— וועמען? וועמען האָט זי געזוכט? — האָב איך קאַפּריזנע ווייטער געפרעגט.

— וועמען? א י ם! האָט זי מיר געזאָגט — האָט דער אַלטער אַנטשידן געענטפערט. — ביסטו דען נישט דער יעניקער?

— איך? איך קען זי דאָך נישט, כ׳בין נאָך נאָענט לעבן איר נישט געווען!

— זי קען דיך אויך נישט, זי וויל דיך אָבער קענען!

— איז זי מיטן זעלבן שטעגל געגאַנגען?

— יאָ!

— וווּהין פירט דאָס שטעגל?

— אין וואַלד אַריין!

— אָבער וווּ ענדיקט עס זיך?

— עס ענדיקט זיך קיינמאָל נישט.

— וואָס הייסט?

— עס דרייט זיך און דרייט זיך אָן אויפהער, אָבער פון וואַלד גייט עס קיינמאָל נישט אַרויס.

— אָ!

— יאָ, מיין קינד, דו מוזסט גיין מיטן וועג, וואָס נעמט זיך דאָרט רעכטס, אונטערן באַרג, אויב דו ווילסט נאָך אַמאָל אַהיימקומען.

— אַהיימקומען! — האָט מיר געקלונגען עפּעס אַזוי משונה אין די אויערן. — ניין! איך גיי מיטן שמאָלן שטעגל!

און איידער איך האָב דאָס אַרויסגערעדט, בין איך שוין געווען ווייט אַוועק פונם אַלטן.

איך גיי האַסטיק. כאַפּ לויפן צייטנווייז. ס'האַרץ בענקט און קלאַפּט, און די אויגן פאָרשן און זוכן — — — זי...